STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00584

IN GOLDENEM ZUMP

Baruch Glasman

Permanent preservation of this book was made possible by
Betty Ruth & Milton B. Hollander
in honor of
all those who came before us

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ברוך גלאַזמאַן

אין גאָלדענעם זומפּ

נאָוועלע

אין צוויי טיילן

פאַרלאַג „יידישע בוך-געזעלשאַפט"
נ י ו - י אָ ר ק
1940

געקליבענע ווערק
פון
ברוך גלאַזמאַן
באַנד נייַן

Copyright 1940 by
B. GLASSMAN, New York, N. Y.

הויפּט־פאַרקויף:
בידערמאַנס בוך־סטאָר
184 Second Avenue,
New York, N. Y.
184 צווייטע עוועניו,
ניו יאָרק.
178

ערשטער טייל

„פֿאַלן מיר איינס נאָכן צווייטן
פֿון לייטערס, געהילצן און טרעפּ.
פֿאַלן ווי וועמען באַשערט איז —
אויף שטיינער און פֿאַליעס און
קויט; ווער עס פֿאַרזינקט אין
דער בלאָטע, און ווער בלויז —
דערשלאָגט זיך אויף טויט".

י. ראָלניק.

ערשטער קאַפּיטל

די מעשה הויבט זיך אָן. — איר זעט פאַר זיך ראַמבאַמס היים, זיין פרוי. — זיינע קינדער זעט מען נישט דורך דער גאַנצער דערציילונג, ווייל זיי זיינען ניט וויכטיק. און אַ ביסל זעט איר אויך ראַמבאַמען אַליין.

א.

צוערשט: די קורצע געשיכטע פון זייביידן — ווי זיי האָבן זיך צום ערשטן באַגעגנט.

אַ הערלעכער באַל פון איינעם אַ ניו־יאָרקער שרייבערשן פאַראיין. אַ באַל וואו אַלץ איז ריזיק. ריזיק, קודם־כל, איז דער זאַל וואו דער דאָזיקער באַל קומט פאָר — דער מעדיסאָן סקווער גאַרדן. ריזיק־הויך זיינען די ווענט און דער קופּאָל־דאַך, וואָס וועלבט זיך איבער זיי: ווען איינער פון דעם ריזיקן באַל־עולם פאַרגעסט זיך אַמאָל, פאַררייסט דעם קאָפּ און טוט אַהינצו אַ בליק, פאַרדרייט ער זיך אים אַזש, דער קאָפּ, דערשרעקט ער זיך אַזש פאַר דער מוראַדיקער הויכקייט — פאַר אָט־דעם תהום פון שטאָל־און טשוגון־בעלקעס און אייזן־זיילן, וואָס שפּאַרן אונטער דעם סופיט — פאַר אָט דעם מאָד־נעם תהום, וואָס איז איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיטן דנאָ אינדערהויך.

ריזיק איז אויף אַזאַ באַל די צאָל מענטשן — טויזנטער, צענדליקער טויזנטער; ווירבעלעך, פלאַטערלעך און פינטעלעך. גיהנום־מוראַדיק איז דער טומל פון אָט דעם שטיק לעבערדיקער געדיכטעניש. מענטשן אויף אָט אַזאַ ניו־יאָרקער באַל ריידן מער צווישן זיך מיט זייערע שמייכלענדיקע אויגן און צע־היצטע טאַנצנדיקע באַקעס, וואָס באַוועגן זיך אין נאָכאַנאַנדיקן פייער־שטראָם, איידער מיט זייערע הילפלאָזע מיילער... און ריזיק איז אויך די אילומינאַציע פון אַזאַ באַל — ס׳העלט דערפון דערנאָך איינעם אין אויג און אין זכרון אויף יאָרן

און יאָרן — אויף יאָרן פון שפּעטערדיקער פינצטערניש, פינצ־טערניש געוויינלעכער און טאָג־טעגלעכער.

היינט ווי אומגעוויינלעך, ווי באמת ריזיק האָט געדאַרפט זיין דעם גרינעם מיידלס צעמישונג און פאַרווירטקייט אין יענעם אָוונט! —

אַז בסך־הכל איז זי דאָך דעמאָלט געווען ערשט אַ צוויי וואָכן אין לאַנד. און געקומען איז זי אַהער פון אַ קליין חושכדיק שטעטעלע ערגעץ אין פּוילן — אַ שטעטעלע אַ בלאָטיקס און אַ פאַרוואָרפנס צווישן טאָרף־פעלדער, ווי אין אַ שוואַרצן מדבר; אַ שטעטעלע, וואָס איז אַפילו אויף דער דעטאַליזירטסטער געאָגראַפישער מאַפּע ניטאָ — אַ שטעטעלע, אין וועמעס קיום ערגעץ אויף דער וועלט עס איז אַזוי שווער צו גלויבן ווי אין עפּעס אַן אַלט־דערציילטער מעשה.

איז ווען מען האָט זי פאַרגעשטעלט פאַר ראַמבאַמען, איז זי געוואָרן אי צונטער־רויט, אי בלייך... די בלייכקייט איז אָבער באַלד אינגאַנצן פאַרשוואונדן — בלויז דאָס געדיכטע רויט האָט זיך אָפּגעשטעלט און באַפאַרבט די פרישקייט פון אירע מיידלשע באַקן.

— ראַמבאַם, דער באַקאַנטער יידישער שריפטשטעלער!...

דער באַקאַנטער?... פאַר איר איז ער אַפילו געווען מער, ווי באַרימט.

זי האָט אָנגעהויבן שטאַמלען. זי האָט שוין עפּעס־וואָס פון אים געלייענט... וואו? טאָקע דאָ אין אַמעריקע? נו, זאָל ער זיך פאָרשטעלן — דווקא אין אָט יענעם געגנט פון אַ שטעטעלע אינם וויטן פּוילן... יאָ, זי דערמאָנט זיך עס טאָקע איצט גענוי — פּונקט ווי עס וואָלט ערשט היינט פּאַסירט:

— אַ ליכטיקער פרילינגס־טאָג... אַ חול־המועד־טאָג — יאָ, — חול־המועד פּסח איז עס געווען... איז זי געזעסן אַזוי אויף דער ערדענער פּריזבע פון זייער הויז און האָט געלייענט דאָס זאַמלביכל, וואָס אירע חברטע אין אַמעריקע האָט איר געהאַט צוגעשיקט — און דעמאָלט האָט זי עס געלייענט צום ערשטן מאָל ראַמבאַמס לידער...

אַן אָנגעפּלייצטע ריזיקע מענטשן־כוואַליע אינם „גאַרדן" האָט זי אָפּגעריסן פונם קרייז באַקאַנטע וואו זיי זייַנען איינע פאַר די אַנדערע פאַרגעשטעלט געוואָרן. זיי זייַנען אָפּגעוואָרפן געוואָרן צו אַ ברעג — אין אַ ווינקל לעבן אַ קילער שטאָלענער וואַנט, גלייך אונטער די קאָפּיטעס פון אַ גלאַנציקן שוויצנ־דיקן געמעל פון עפּעס אַ ריזיקן צענטאַוור. אי זי האָט זיך געמוזט טוליען צו אים און אי ער האָט זי געמוזט דזשענטעל־מעניש אַרומנעמען מיט באַשיצנדיקע אָרעמס. ווייל אויב ניט די מעכטיקע קאָפּיטעס פונם גאָלד־און־פּורפּור צענטאַוור — די פיסלעך און די לאַקערקעס פון די מחנות טענצער וואָלטן זי דאָך זיכער ניט געשווינט!

זי האָט אים די גאַנצע צייט באַטראַכט מיט אויגן פולע דאַנקבאַרקייט און פאַרגעטערונג. און אָט די פייכטע גרויסע אויגן האָבן גערעדט מער ווי טויזנט ווערטער:

— אַ שרייבער!... משה ראַמבאַם!

און ביסלעכווייז איז זי געוואָרן דרייסטער, באַריידעוו־דיקער, באַגייסטערטער:

— יאָ... זי געדענקט עס אַלץ, אָט ווי איצט וואָלט עס געשען: די ערד פון דער פּריזבע ביי זייער הויז איז געווען דעמאָלט אַזוי קיל און אַזוי פריש... און אָט יענע זייט פון דער ברייטער שליאַכיקער גאַס וואו זי איז געזעסן — איז געווען אינגאַנצן אַריינגעטונקט אין שאָטן און אין געמיטלע־כער חול־המועד־רו...

אָ, ער, ראַמבאַם, — אַזאַ מענטש ווי ער — איז אַוודאי קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געווען אין אַזאַ קליין שטעטעלע... ווי קען מען זיך עס גאָר פאָרשטעלן? אויב ער וועט זיך ניט באַליידיקן אויף איר נייגעריקייט — קען מען אפשר וויסן פון וואַנען ער שטאַמט?

אינעווייניק ביי זיך איז משה ראַמבאַמען זייער טשיקאַווע אָט די באַגעגעניש מיט אַן אומדערוואַרטעטן לעזער אין עפּעס אַן אויסגעטראַכטן מעשה־אַרטיקן פּוילישן שטעטעלע... ער איז אַפילו אַ היבש ביסל גערירט: אָך, ער האָט אין דער אמתן

זיך אַזוינס גאָר קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט... אַ לעזערין? זיינע אַ לעזערין? ער האָט לעזער? ער מאַכט אָבער פונ־דעסטוועגן דעם גרויסן אָנשטעל פון הויכער און מיילנווייטער גלייכגילטיקייט: אויף זיין פּנים רוט מער נישט ווי אַ העפלעכקייטס־שמייכל.

עס בייסט אים אָבער דאָך די נייגעריקייט... אים ווילט זיך פאַרט זייער שטאַרק וויסן צי געדענקט זי אפשר צופעליק די נעמען פון עטלעכע לידער — זאָל כאָטש זיין די ערשטע שורות: „דין ווי אַ חלף איז דער יונגער מולד...״ „ווען דער פאַרקאַן האָט פּרילינגדיק געשוויגן...״?

ניין, אויף אַזוי פיל גרייכט ניט איר זכרון... און זי ווערט ווידער צונטערדיק־רויט, און פילט אין זיך אַ געוואַלדיקע שולד קעגן אים. אָבער זי איז דאָך פאַרט אין דעם אַזוי זיכער... זי וואָלט אַפילו געקאָנט שווערן!

איז די ערשטע מחברשע שכרות און איינגעגלויבטקייט, ווי געשמאַק זי איז ניט געווען, ביי ראַמבאַמען טאַקע גלייך אויפן אָרט צערונען: „ווייס איך וואָס... וואו האָט זי אים דאָרט געלייענט... מער ווי אליקום צונזערן און דינעזאָנען האָט זי זיכער אין לעבן גאָרניט געלייענט...״

— ס'איז אַוודאי בלויז אַ ווייבערשער מיטל אַזוי צו פאַרבינדן באַקאַנטשאַפט מיט אַ שרייבער...

אָבער די פרישקייט פון אָט דעם געזיכט — ווי אַ גע־שמאַקער קילער עפּעלע אין אַ הייסן שטויביקן טאָג — האָט דעם דורכגעטריבענעם און געניטן דאָן־זשואַן פונדעסטוועגן שטאַרק פאַרשמעקט. און ביי אים איז גלייך אויפן אָרט גע־באָרן געוואָרן אָט יענער באַשלוס, וועלכן אים איז טאַקע געלונגען צו פאַרווירקלעכן אין אַ גאָר קורצער צייט אַרום:

— זיך פאַרליבן אין איר — און דער עיקרשט זען, אַז זי זאָל זיך פאַרליבן אין אים...

דאָס ערשטע איז אים אַפילו אַזוי גרינג ניט אָנגעקו־מען; אויף דערויף איז ער לאַנג שוין געווען צו ניכטער, צו אויסגעליידיקט פון וועלכער ס'איז ראָמאַנטישער לעבנס־פייכטקייט, צו־זאַט מיט אַלערליי דורכגעמאַכטע ליבעס און

ליבעס־שפּילן. ער איז דאָך שוין געווען איצט אַ מענטש נאָ־ענט צו פערציק. דערפאַר אָבער איז אים דאָס לעצטע אָנגעקומען גאָר ניט אַזוי שווער — אָ, אויף דערויף האָט ער שוין געהאַט זיי־נע געניטע און דורכגעפּרואווטע מיטלען פון אַ בחור אַן אַלטן דאָן־זשואַן.

און זי — זי איז דאָך געווען אַזוי יונג און קליינשטעטל־דיק־פרום; אַזוי פול מיט גלויבן און דרך־ארץ פאַר אַ שרייבער... און וויכטיקער אפשר נאָך פון אַלץ: יעדער מינדסטער אבר אין איר איז געווען פריש און וואַקסנדיק און פול מיט צאַפּלדיקן לעבנס־זאַפּט — אַ יונגער בוים, אַ פרילינגס־בוים.

ב.

זינט דאַן האָבן אָוועקגעפלייצט אַ היבשע פּאָר יאָר — אַן אַכטצן יאָר. יאָרן פול מיט זון־אויפגאַנגען און זון־פאַרגאַנגען — יאָרן פול מיט ענדערונגען און איבערבייטן, יאָרן מיט זייער אייביקן, אַזוי געוויינלעכן און אַזוי וואונדערלעכן קרייז פון פרילינגען און הערבסטן. —

דאָס זיינען געווען פּאָר ראַמבאַמען יאָרן פון פאַרשיידענע גלגולים, פון אַראָפּוואַרפן פון זיך שאָלעכצן פון אַלטע גלויבנס, און אַרויפציען אויף זיך שאָלעכצן פון נייע. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז ס'איז פון אים סוף־כל־סוף פאַרבליבן אַ פּרי אַן שום שאָלעכצן, אַ פּרי אַ נאַקעטע און אומבאַשיצטע, — און עס האָבן זיך אין איר אַריינגעכאַפּט אַלערליי ווערים פון ספקות און צווייפלען, און האָבן זי נאָכאַנאַנד געטאָטשעט, געטאָטשעט, — און האָבן זי אויסגעטאָטשעט אינגאַנצן הויל און ליידיק.

ג.

— גוואַלד, גזלנטע, וואָס קאָרמעסטו מיך אַזוי... וויפיל איז דער שיר... רק דו שטאָפּסט מיך און דו שטאָפּסט מיך... פּונקט ווי אַ גאַנדז פאַר דער שחיטה!

וואָלט ער כאַטש אַרויסגעזאָגט די ווערטער מיט אַ קליינ־קליין שמייכעלע, — אַפילו כאַטש מיט אַ בייזן שמייכל; כאַטש מיט אַ שאָטן פון אַ שמייכל אויף זיינע דיקע אַרויפגעקאַ־שערטע ליפּן — וואָלט עס נאָך פונדעסטוועגן געווען צו דערליידן. וואָלט זי עס, עללאַ, געקענט אַפילו אָננעמען פאַר אַ מין באַהאַלטענעם קאָמפּלימענט אויפן חשבון פון איר גע־טריישאַפט צו אים. אָבער — ס'איז דאָך ניט געווען אַזוי... אוי־ווייי ווי ס'איז געווען פאַרקערט!

ער זיצט שרעקלעך בייז, אָנגעכמורעט. די האָר פון זיינע וואָנצעס — זיי זיינען שוין דורכגעוואָרפן מיט זילבער דאָ און דאָרט — זיינען שטעכעדיק אויפגעשטעלט. און פונקט אַזוי זיינען אויך די האָר פון זיינע געדיכטע געוועלבטע ברעמען — שאַרף, שפּיזלדיק. זיין ברייטער פּירקאַנטיקער קין הענגט אַרונטער אין פאַראַכטונג, אין פאַרוואַלקנטקייט.

ער שטופּט אָפּ מיט רוגזה דעם טעלער מיטן פּעטן פּודינג פון זיך. אין דעם פּודינג זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן די בעסטע מאַלאַגאַ־ראָזשינקעס, די פרישסטע מאַנדלען און בראַזיליאַנער פּוטער ניס, און אַלץ איז פאַרקנאָטן געוואָרן אויף אַ ריינעם ברוינעם רייז, — נאַטירלעכער ניט געשיילטער רייז — ער אַליין האָט איר אָנומלטן אָנגעזאָגט צו געברויכן בלויז אָט ד ע ם סאָרט רייז, ווייל ער איז דער געזינטסטער און נאַרהאַפטיקסטער! (ראַמבאַם האָט עס טאַקע יענעם טאָג פּונקט געהאַט אַרויסגעלייענט אינם טעגלעכן דיעטע־קאָלום פון עפּעס אַ גרויסער ענגלישער צייטונג). און אַלץ איז נאָך דערצו געווען באַגאָסן מיטן פרישסטן, מחיהדיקסטן זיסן קרעם „גרעיד עי"!... אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס אַלץ פאַר אים, פאַר ראַמבאַמען...

און עללאַ — זי הויבט אַפילו ניט אויף אירע אויגן אויף אים. זי שעמט זיך אויפן חשבון פון איר געליבטן מאַן, פון משה ראַמבאַמען... פּונקט ווי עס שעמט זיך אַ געטריי פרום ייִנגל ווען זיין באַליבטער חזן נעמט אַ שלעכטן טאָן ביים עמוד — גליטשט זיך אויס אינמיטן דעם הייליקן דאַווענען.

זי וויל תחלת אויפשטיין פון טיש, אויף אַ ווײַלע אַוועק־גיין — נאָר זי כאַפּט זיך באַצײַטנס: זי האָט מורא אַז זײַן כעס קען נאָך צוליב דעם פאַרגרעסערט ווערן, הלמאי זי האָט נאָך די העזה צו פּראָטעסטירן... בלײַבט זי שוין דעריבער זיצן אויף איר אָרט, און זאָגט נישט אַרויס קיין איינציק וואָרט. מער ניט: אירע שײנע ליפּן — ניט צו־דיק, ניט צו־דין — ווערן אינגאַנצן בלייך, ציטערן אונטער.

זי פילט זיך דערשלאָגן, דערדריקט.

— פאַרוואָס קומט עס איר לעצטנס אָן אַזוי שווער אים צו האָווירן, צופרידנשטעלן? פאַרוואָס בינדט ער זיך צו איר אי־בער יעדער קלייניקייט? וואָס טוט זיך עס לעצטנס מיט אים?

עי, ניט גוט איז לעצטנס מיט משה ראַמבאַמען, נישט גוט...

אָבער זי, זײַן געטרײַע פרוי, פאַרשטייט עס ניט. אַז זי איז דאָך בסך־הכל אַ קליין מענטשעלע — איז פון וואַנען זאָל זי זײַן אַ מבין אויף אַזעלכע איידעלע יסורים ווי זײַנע?....

זי ווייס בלויז: זי איז אים געטריי און איבערגעגעבן — גע־טריי און איבערגעגעבן פון קאָפּ ביז די פיס. ס'איז כמעט גאָר־ניט צו גלויבן אַז אַ פרוי זאָל זײַן אַזוי געטריי איר מאַן — און זי א י ז עס שוין אַזוי באַלד צען יאָר.

ניין, זי ענטפערט אים קיין וואָרט ניט. פון איר שיין ליכטיק פּנים ווערט בלויז אַנטרונען די פאַרב — פון דעם אָבער ווערט איר געזיכט ניט מיאוסער נאָר בלויז אַ ביסל אומבאַהאָלפן אַזוי. און דאָס וואָס זי איז געוואָרן בלייך — ס'איז כלל נישט פון כעס. ס'איז בלויז אַ סימן אַז זי איז באַזאָרגט וועגן אים, ווי אַ מוטער וועגן אַ קראַנק קינד.

איז וואָס אָבער קומט אַרויס דערפון? וואָס מער זי ווייזט אים אַרויס איר געטרײַשאַפט, אַלץ מער פילט ער זיך שולדיק קעגן איר. און וואָס מער ער פילט זיך שולדיק קעגן איר — אַלץ מער איז ער ניט־צופרידן מיט זיך. און וואָס מער ער איז ניט־צופרידן מיט זיך — אַלץ מער וואַרפט זיך עס אַלץ אין אים, אַלץ מער טשעפּעט ער זיך צו איר, אַלץ אָפטער געפינט ער חסרונות אין אַלץ וואָס זי טוט.

ד.

ער איז נידעריק, ברייט־פּלייציק, מיט אַ רויטן געזונטן קאַרק. זיין נאָענטסטער חבר און אייביקער קאָפּע־קעגנער, דער דיכטער שאול ווילדען, האָט שוין זיך לאַנג געהאַט באַקאַנט געמאַכט אין די ליטעראַרישע קרייזן מיטן שפּיזל וואָס ער האָט אין אים איינמאָל אַריינגעלאָזט — פאַרשטייט זיך, הינטער די אויגן:

— נו, רבותי, איך בעט אייך, זאָגט נאָר אַליין... אַ מענטש מיט אַזאַ אַט קאַרק, ווי דער שטאַם פון אַ דעמב — פּאַסט זיך אים ניט גיכער צו זיין אַ בעלי־עגלה, צי אַ בינדיוזשניק, איידער אַ דיכטער ?...

דערצו האָט ער נאָך אַ קורצע ברייטע נאָז, וואָס פאַר־ענדיקט זיך אין אַ מין פלאַך שטיקל ווי דאָס אייזנדל פון אַ האַמער, — אַן אַרויסרופנדיקע, אַגרעסיווע נאָז.

זיינע האָר זיינען שוין ביי אים איצט אַלע כמעט אויס־געקראָכן; די וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן, זיינען טרוקן און האַרט און ברעכן זיך איבער ווי טרוקענער איבערגעברענטער שטרוי. און זיין גאַנצער לייב ווייזט שוין קענטיקע סימנים פון פעטקייט און שלאַבערדיקייט.

און זי, עללאַ...

זי איז געווען שלאַנק, כאָטש פולבלעך אויפן לייב. אירע בלאָנדע האָר האָבן זיך אונטער דער זון, אָדער אונטערן פלאַם פון אַן עלעקטרישן ליכט, געצונדן און געמינעט אַט ווי גאָלד, אַט ווי פאַרביקער זייד. און איידל ווי זייד איז אויך געווען איר הויט — ס'האָט זיך ממש געבעטן אַז פינגער זאָלן זיך לייכט און ציטערדיק גליטשן און גלעטן איבער דעם — אָנרירן קוים־קוים, ניט מיט ליידנשאַפט, נאָר מיט ציטער און מיט בענק־שאַפט.

איר לייב אָבער האָט אין זיך געהאַט גאָרנישט צעקראָכן־ראָמאַנטישעס — פאַרקערט, עס איז געווען שטייף און פריש און געזונט.

אַז עללאַ פלעגט גיין מיט איר פעסטן טראָט איבער דער ערד, פלעגט זיך דוכטן אַז זי ציטערט אונטער איר, די ערד — ציטערט מחמת ליבשאַפט, מחמת הכנעה און נאָכגיביקייט. זי פלעגט זיך קליידן תמיד זייער באַשיידן, ווי מיט אַ כיוון: כדי אונטערצודריקן, פאַרטושן די וואונדער־שיינע פאַלדן און אויסבויגונגען פון איר פּרעכטיקן קערפּער. און פונדעסטוועגן, ווען זי פלעגט זיך נאָר באַווייזן אין גאַס — — —

פאַרנומענע ביזנעס־לייט, איילנדיקע און פאַרשמייעטע גרויס־שטאָטישע דורכגייער פלעגן זיך פלוצלונג אָפּשטעלן — פלעגן זיך אָפּשטעלן סאַמע אינמיטן אַ טראָט, אינמיטן פון אַן אייליקן שפּאַנען ערגעץ, אינמיטן פון זייער אומבאַקאַנטן יאָגן זיך ערגעץ. עס פלעגט זיי צוערשט זיין קשהדיק פאַרוואָס זיי האָבן עס פלוצלונג אַזוי זיך אָפּגעשטעלט. זיי פלעגן זיך אַרומ־קוקן אין אומרואיקער זוכעניש... און באַלד פלעגן שוין צע־קנייטשטע פאַרהאַרעוועטע פּנימער פון פאַרביזנעסעוועטע, אויס־געטריקנטע מענטשן זיך פאַרציען מיט אַ גליקזעליקן שמייכל... ס׳איז דאָך זיי אויך געוועזן טאַקע ווי זיי וואָלטן געזען איצט אַ חלום, — אַ חלום־געשטאַלט.

יאָ, דעמאָלט פלעגט זיך שוין זיי, די מיטליעריקע, פלוצ־לונג וועלן אַוועקוואַרפן מיט איין מאָל דעם גרויסן כרך מיט אַלע וויכטיקע געשעפטן זייערע — און זיך אַוועקלאָזן ער־געץ הינטער דער שטאָט, און דאָרט זיך לאָזן לויפן איבער פעלדער, איבער בערג, איבער טאָלן — און שרייען אַזוי, און שפּרינגען נאָכאַנאַנד, און שרייען.

עללאַ ראַמבאַם פלעגט דעמאָלט אייליק דורכלויפן די גאַס: זי פלעגט זיך פילן שולדיק וואָס זי רופט אַרויס ביי פרעמדע מאַנסבילן „אַזעלכע געפילן”. זי פלעגט זיך פילן זינ־דיק קעגן איר מאַן מחמת די גלאַנצנדיקע און אויפגעצונדענע אויגן וואָס איר שיינקייט רופט אַרויס ביי ווילד־פרעמדע דורכ־גייער אויף דער רוישיקער גאַס. זי פלעגט זיך באַמיען דעריבער צו באַווייזן זיך אין גאַס זעלטן, זייער זעלטן.

און טאַקע: זי האָט ניט געהאַט קיין שום נויטווענדיקייט צו וואַרפן זיך מענטשן אומזיסט אין די אויגן... אַז קומען

קומט איר מאַן זייער פּרי פון דער אַרבעט — ס'איז נאָך דעמאָלט סאַמע בייטאָג. דערנאָך קומען שוין די קינדער פון דער שולע. און איר מאַן אַליין פּאָדערט אויך צו זיך פּונקט אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט און זאָרג ווי אַ קאַפּריזנע קראַנק קינד: ווי מען זאָל עס ניט לייגן, וויינט עס... ס'איז אים שרעקלעך שווער צו האָווירן.

האָט איר אייך בייטאָג. און אין אָוונט — מיט דער אויסנאַם פון איינמאָל אַ וואָך — לייגט זיך דער מאַן יעדן אָוונט זייער פּרי, אַרום ניין אַזייגער. ער מוז עס טאָן, צוליב זיין צייטונגדיקער באַשעפטיקונג שטייט ער אויף זייער פּרי, פאַרטאָג. נו, וועט זי דאָך ווידער אַליין ניט ארויסגיין פון שטוב.

און משה ראַמבאַם? ניין, אים קען מען אַלץ ניט צו־פרידנשטעלן....

ה.

צו דערציילן בלויז איין פאַל פון טויזנט — וועגן ראַמ־באַמען, דעם איצטיקן.

איינמאָל אין אַ זונטאָג האָבן זיי זיך ביידע, מאַן־און־ווייב, געמאַכט אַ שטיקל יום־טוב.

יענעם טאָג איז זי באַפרייט געוואָרן פון אירע קינד־פליכטן; די גאַנצע משפחה איז געגאַנגען עסן מיטאָג אין אַ שיינעם רעסטאָראַן אויף ריווערסייד־דרייוו מיט אַ וואונדערלעכן אויסבליק אויפן טייך האָדסאָן.

אין רעסטאָראַן האָט דעמאָלט, ווי יעדן זונטאָג, געשפּילט אַ קווינטעט פון סטרונע־שפּילער: אַ וויאָלאָנטשעליסט, צוויי פידלשפּילער, אַ באַס און אַ האַרפּע־שפּילערין. דער וואָס האָט געשפּילט די ערשטע פידל, איז געווען, קענטיק, אַ יונגער איטאַליענער. ער האָט געהאַט אַ ציכטיק פרישן אויסזען און זיין פּנים איז די גאַנצע צייט פונם שפּילן געווען אומגעוויי־נלעך ערנסט און פייערלעך.

איצט האָט ער געשפּילט דאָס שטיק „רעוו אַנזשעליק”.

כאָטש וואָס איז עס געווען אַזוינס, דאָס וואָס ער האָט איצט געשפּילט, האָט עללאַ, נאַטירלעך, ניט געוואוסט. זי האָט דאָך אַפילו ניט געוואוסט, אַ שטייגער, אַז זי זיצט שוין אַ מינוט צען אַזוי אַ פאַרגליווערטע: דער לעפל אויפגעהויבן אין דער רעכטער האַנט, דאָס מויל — אָפן, די אויגן — אויסגעגלאָצט און פייכט. עס קען זיין, אַז דער מאַן אירער האָט צו איר אַ פּאָר מאָל גערעדט, אפשר אַ פּאָר מאָל שוין אַ צי געטאָן ביים אַרבל אויך... זי קען אָבער אַלץ ניט אַוועקנעמען אירע אויגן פונם שפּילער.

ערשט אַז יענער ענדיקט, ווערט מיטאַמאָל אָפּגעטאָן דער כישוף, וואָס האָט איר געהאַלטן ביז איצט אומבאַוועגלעך צוגעקאָוועט צום פּלאַץ. עללאַ הויבט אָן שטאַרק צו אַפּלאָדירן. אייגנטלעך אַפּלאָדירן אַלע אין רעסטאָראַן דאָס וואונדערלעכע שפּילן דעם איטאַליענערס, אַפּלאָדירן אַפילו שטאַרק און באַגייסטערט; אָבער ראַמבאַמען דוכט זיך, אַז זיין פרוי אַפּלאָדירט אַ סך שטאַרקער און רוישיקער ווי אימיצער אַנדערש אין רעסטאָראַן.... און אויך דוכט זיך אים אַז פון איר פּנים האָט זיך נאָך דער כישוף אַלץ ניט אָפּגעטאָן. זי גלאָצט נאָך אַלץ נאָכאַנאַנד מיט אירע פייכט־בלישטשענדיקע אויגן אויפן שפּילער.

דעם שפּילערס פּנים איז נאָך איצט אויך פייערלעך און ערנסט. אָבער ראַמבאַמען דוכט זיך, אַז די ערנסטקייט פון יענעמס געזיכט הויבט זיך שוין אָן צו שמעלצן אַ ביסל, — אפשר טאַקע אונטער דער ווירקונג פון אָט די צוויי גרויסע און אַבסאָלוט־נאַאיווע אויגן עללאַס, וואָס זיינען אויף אים אָנגעשטעלט מיט אַזוי פיל פאַרגעטערונג?... ער גיט אַ מאַך מיט דער פידל צו זיינע מיטשפּילער און הויבט אָן איבערצוחזרן פונדאַסניי דאָס זעלבע מוזיקאַלישע שטיק.

און ווידער קומט פאָר דאָסזעלביקע וואָס פריער: עללאַ בלייבט זיצן אַ פאַרגליווערטע, מיטן לעפל אויפגעהויבן אין האַנט, מיט איר פריש מויל קינדיש פונאַנדערגעעפנט. אירע ליפּן זיינען רויט ווי אַן אָקאַרשט־אויפגעשניטענער מילגרוים. און אירע גלאַנצנדיקע קיילעכדיקע אויגן, אַזוי וואונדערלעך־

איבערגעגעבן, זיינען אויפגעהויבן אויפן שפּילער און זיינען אַזוי רירנדיק־פּייכט. זי הערט ווידער נישט די רייד, מיט וועל־כע עס האָט זיך שוין עטלעכע מאָל געהאַט געווענדעט צו איר איר מאַן — ניין, ער איז קיין שום בייז ניט אויסן; ער וויל, נעמלעך, איר בלויז אינפאָרמירן ווי עס הייסט דאָס דאָזיקע שטיק מיטן אָריגינעלן פרעמד־נאָמען, ווער עס איז זיין קאָמ־פּאָזיטאָר, און וואָס איז דער אמתער פשט פון דער דאָזיקער קאָמפּאָזיציע — ער איז אַ גרויסער מוזיק־קענער, ראַמבאַם... אָבער זי הערט קיין איינציק וואָרט נישט פון דעם אַלעמען וואָס ער רעדט צו איר, איר מאַן עקזיסטירט פאַר איר איצטער נישט, ניין!

אַז דער שפּילער ענדיקט ווידער דאָס שטיק, אַפּלאָדירן אים איצט אַ סך ווייניקער מענטשן ווי פריער. און די וואָס אַפּלאָדירן, אַפּלאָדירן שוין אויך אַ היבש ביסל שוואַכער. מער נישט, איין עללאַ אַפּלאָדירט אים נאָך אַלץ פּונקט אַזוי אי־בערגעגעבן און שטורמיש ווי פריער. אַפּלאָדירן? אַז מען קאָן עס גאָרניט אָנרופן אַפּלאָדירן! — ס'איז, ווי דאָס וואַרפן זיך פון שווערע כוואַליעס אויף אַ ברעג, נאָכדעם ווי די פאַרשפּאַרנ־דיקע דאַמבע איז אויפגעריסן געוואָרן.

עס וואַרפט זיך אַזש אַלעמען אין די אויגן איר אויפפירן זיך — אַזוי, אַלנפאַלס, דוכט זיך עס ראַמבאַמען... אַפילו איצט אויך נעמט זי נאָך ניט אַוועק אירע פאַרגעטערנדיקע און געטרייע בליקן פונם יונגן איטאַליענישן שפּילער — אַזוי, אַלנפאַלס, דוכט זיך עס ראַמבאַמען. ער זיצט די גאַנצע צייט רויט ווי אַ בוריק; זיין פנים פלאַמט, זיין ברייטע נאָז מיטן האַמערל־שפּיץ, ציטערט, זיינע קורצזיכטיקע אויגן שפּריצן פייער.

ווען זיי קומען שפּעטער צוריק אַהיים, פאַרלירט ער אַזש דעם אָטעם פון כעס, קאָן ער קוים אַרויסברענגען די אויפגע־רעגטע ווערטער וועלכע ווערגן אים.

— פוי, ווי שעמסטו זיך גאָרניט... — שיפּעט ער אַזש אויף איר. — ווי פירט זיך עס אויף אַזוי אַן אָנשטענדיקע פרוי... אין אַן עפנטלעכן פּלאַץ... און נאָך אין דער אָנוועזנ־

הייט פון אירע קינדער... אַזוי ווי אַ חצופה!.... אַלע האָבן דאָך געקוקט אויף דיר!... און ווי, אַז דאָרט וואָלט זיך צו־פעליק געפונען מיינער אַ באַקאַנטער?

ו.

און זי האָט דאָך דעמאָלט נישט געטאָן גאָרנישט מער — זי האָט קיינמאָל ניט געטאָן גאָרנישט מער — ווי עס טוט דער שיינער בוים וואָס בליט אין אָפענעם פעלד, אונטער זון און ווינט, און פאַרשפּרייט אַרום זיך דעם ריח פון געזונטן וואַקסן.

פונדעסטוועגן פילט זי זיך שטאַרק זינדיק אין אַזעלכע פאַלן און ענטפערט אים קיין איינציק וואָרט ניט. זי גיט זיך בלויז אין דער שטיל אַ נדר, אַז דאָס זאָל זיך קיינמאָל מער נישט איבערחזרן. —

— ס'איז דאָס לעצטע מאָל... מער וועט זי שוין „אַזוינס" ניט טאָן.

אַ לאַנגע צייט דערנאָך פילט זי זיך שוין שולדיק וואָס מיט איר פּראָסטן אויפפירן זיך פאַרשאַפט זי אַזויפיל עגמת־נפש אַזאַ גרויסן מענטשן ווי עס איז איר מאַן... ניין, קיינער פאַרשטייט אים ניט; און זי אַליין אַפילו נעמט זיך דאָך אויך ניט די מי דערצו! ביי איר אין די אויגן איז משה ראַמבאַם נאָך אַלץ געווען דער גרויסער שרייבער. אַ מענטש אַ זעלטענער, וועלכער ווערט ווייניק פאַרשטאַנען פון דער גראָבער וועלט; אַ גרויסער מענטש, וועלכער איז נעבאַך געצוואונגען אַוועק־צוגעבן זיינע בעסטע כוחות אַ פרעמדער אַרבעט, אַן אַרבעט וועלכע רויבט אים גזלניש אַוועק פון זיין אייגענער הייליקער קינסטלערישער עבודה.

ווייל עלכאַ האָט דאָך קיינמאָל ניט געוואוסט: סאַמע די בעסטע שרייבערישע פריינט זיינע, וועלכע באַזוכן אים נאָך פון צייט־צו־צייט אין דער היים, באַטראַכטן אים שוין לאַנג ווי אַ „געוועזענעם"... היינט ווי האָט זי נאָך געזאָלט וויסן, אַז אַפילו ער אַליין, איר גרויסער מאַן, באַטראַכט זיך שוין אויך,

און גאָר לאַנג, ווי אַ „געוועזענעם״? ווי אַ ליטעראַרישע רו־אינע? ווי אַ „האָפענונג״, וועלכע האָט זיך ניט באַרעכטיקט? ווי אַ וועקסל, וועלכער איז קיינמאָל ניט באַצאָלט געוואָרן?

אָ, ביי איר איז ער דאָך נאָך אַלץ געווען דער זעלביקער וואָס אַמאָל — יענער באַרימטער יידישער שרייבער וועמעס וואונדערלעכע און ווייטע לידער זי האָט מיט אַזוי פיל יאָר צוריק געלייענט — ווען זי איז געזעסן אין אַ יום־טובדיקן פרילינג־טאָג אויף דער קילער ערדענער פּריזבע פון זייער קליין שטיבל — געלייענט זיי נאָך דאָרטן, אינם ווייטן, פרו־מען און גלויביקן שטעטעלע, וואָס צווישן פייכטע טאָרף־סטע־פּעס פון פּוילן.

ז.

איצט געפינט זיך זייער היים אין אַ שיינעם, שטילן און יחוסדיקן ווינקל פונם כרך ניו־יאָרק; אַ ווינקל וואו עס הערשט, דוכט זיך, אַלעמאָל אַזאַ זאַטע רואיקייט און יום־טובדיקע צו־פרידנקייט—ערגעץ אין וואַשינגטאָן הייטס. נישקשה... ס׳איז גאָר נישט אַזוי לאַנג אַז ראַמבאַם קען זיך עס פאַרגינען צו לעבן אין אַזאַ פאַרמעגלעכן שטאָט־טייל, צו לעבן אין באַ־קוועמלעכקייט און רחבות; ס׳איז גאַרנישט אַזוי לאַנג זינט עס זיינען פאַרשוואונדן די אַמאָליקע שלעכטע צייטן...

פאַרוואָס האָט ער זיך באַזעצט גראָד דאָ? הויפּטזעכלעך אפשר דערפאַר וואָס ער האָט אַ ביסל צופיל געלט אין קעשענע; דערפאַר אפשר וואָס די טאָטאַלע ציפער פון אַלע זיינע באַנק־ביכלעך ווערט פון יאָר צו יאָר בשום אופן נישט קלענער... נאָר מען מוז צוגעבן: ערגעץ איז דאָ פאַראַן נאָך אַן אַנדער טעם.

עס טרעפט אַמאָל און ער קערט זיך אום אַהיים פון זיין אַרבעט אין רעדאַקציע אַ ביסל פריער ווי געוויינלעך. דאָס פאַ־סירט דעמאָלט ווען ער פאַרבלייבט נישט אין קאַפע אויף צו שפּילן אַ שאָך אָדער רכילותן מיט גוטע ברידער. איז דעמאָלט וואַנדערט ער אַרום אַ ביסל אין דער אַרומיקער געגנט. נאָכן

פאַרברענגען דעם ערשטן האַלבן טאָג אין דעם שטויביקן און שטינקענדיקן דאַון־טאַון — וואו דאָס גייסטיקע געשטאַנק איז אַ סך שאַרפער און עקלדיקער, איידער דאָס פיזישע — האָט ער איצט דאָס געפיל פון אַ מענטשן וואָס שליידערט אַרונטער פון זיך די פאַרשוויצטע אַרבעטס־קליידער זיינע און וואַרפט זיך אריין באָדן אין די אָפּפרישנדיקע וואַסערן פון אַ קילן וואַלדיקן טייך.

בלאָנדזשענדיק דאָ אַזוי אַ שטיקל צייט, טרעפן שוין זיינע פיס פון זיך אַליין צו די הויכן און בערגלעך ביים האַר־לעמער טייך וואו עס געפינען זיך די בנינים פון דעם ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט. און דאָרט — פון די פילע בנינים מיט זיילן און אָן זיילן, מיט קופּאָלן און אָן קופּאָלן — איז זיין באַליבטסטער ווינקל דער „האָל אָוו פעים״.

ווי דורך די בוימער־רייען פון אַ שאָטנדיקן און קיל־איינשטילנדיקן בולוואַר אין אַ הייסן זומער־טאָג, שפּאַצירט ער דאָרט אַרום הין און צוריק צווישן די סטאַטועס פון די אומ־שטערבלעכע וואָס באַזוימעןביידע זייטן פונם האָל — קאַל־טע, שטיינערנע און גראַניטענע אומשטערבלעכע. נאָר אַך... אָט די סטאַטוען־אַלייען באַרואיקן שוין גאָר, גאָרנישט ראַמ־באַמס געמיט אַזוי ווי עס באַרואיקט די שאָטנדיקע קילקייט פון זומערדיקע בולוואַרן.

פאַרקערט גאָר: זיי ברענגען אין ראַמבאַמען עפּעס פאַנאַנ־דער. זיי בלאָזן אויף פייערלעך און בענקענישן וואָס ער באַמיט זיך דאָך שוין אַזוי לאַנג צו האַלטן אונטערן אַש פון די דורכ־געברענטע יאָרן זיינע. יאָ, אויך ער איז אפשר אַמאָל געווען אויף יענעם וועג, וואָס זיינע אומבאַשטימטע רעגנבויגנפאַרביקע ווייטן פירן צו אַלערליי מעגלעכע ליכטיקע דערגרייכונגען — צו „אומשטערבלעכקייט״... יענעם האַרטן און ווייטן וועג האָט ער אָבער פרי פאַרלאָזן צוליב לאָקנדיקערע, ווייכערע און נעענטערע וועגן.

און ראַמבאַם זעצט זיך דעמאָלט אַוועק אויף אַ גראָזיקן שפּוע וואָס קוקט אַריבער דעם האַרלעם־טייך. הונדערטער, הונדערטער מאָטאָר־שיפלעך און שלעפּ־דאַמפּערס שמייען אים

צופוסנס, אויפן טאָליקן טייך. קעגן אים — עפּעס אַן אינדזעלע אויף וועלכן עס רויכערן זיך דריי ריזן־קוימענס פון אַן עלעקט־רישער סטאַנציע, רויכערן זיך סיי טאָג און סיי נאַכט, סיי שבת און סיי וואָך, — אַן אייביקער רויך, וואָס שפּאַרט נאָ־כאַנאַנד פון די קוימענס, שפּאַרט נאָכאַנאַנד און צערינט; שיפן און שיפלעך וואָס שווימען אַן פון איין האָריזאָנט־עק און פאַר־שווינדן אינם צווייטן — נאָכאַנאַנד, אייביק.

יאָ, אַ סך זאַכן האָבן געזאָלט און געקענט זיין ביי ראַמבאַמען — און זיינען נישט געוואָרן...

אויך היינט איז ראַמבאַם פריי פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט זיינער אין רעדאַקציע, פריי זיך אומגעקערט אַהיים. און אויך היינט האָט ער אַוועקגעבלאָנדזשעט אַהין, צו די הויכן וואָס אַרום ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, צו זיין באַליבט בערגל.

היינט איז דאָרט גראָד פאָרגעקומען עפּעס אַ שטיקל יום־טוב אויפן קאַמפּוס — אַ פייערונג. עס האָבן פּאַראַדירט פּראָ־פעסאָרן און סטודענטן, אָנגעטאָנענע אין זייערע אַקאַדעמישע מלבושים. לאַנגע גלחישע פעלערינעס, ברייטע אַרבל, זעקס־קאַנטיקע היט מיט שטייפע ברעטלעך פון אויבן. און פון זייער מיטן — אַלערליי קאָלירטע פרענדז: אַ ביסל קאָמישע מלבושים... אָבער פאַר ראַמבאַמען, אין דעם צושטאַנד פון באַשטענדיקן זיך אַליין פאַרוואָרפן, אין וועלכן ער האָט זיך שוין אַ לענגערע צייט געפונען, זיינען אָט די מלבושים געווען צוציענדיק דווקא מיט זייער אָפּגעזונדערטקייט פון דער „גראָבער" וועלט, מיט זייער אָנדייטונג אויף אַ לעבן, וואָס איז פול מיט אַצילות און דער־הויבנקייט... עס האָט געהייסן:

— אָט, עס זיינען נאָך פונדעסטוועגן דאָ מענטשן אידע־אַליסטישע, גלויביקע — עס מאַכט נישט אויס אין וואָס... אָט, עס זיינען נאָך פונדעסטוועגן דאָ מענטשן — אַפילו אין אַמעריקע, אַפילו אין ניו־יאָרק — וועלכע לאָזן זיך ניט טיראַני־זירן פון דער אַרומיקער מגושמדיקערווירקלעכקייט און גייען דעם וועג, וועלכן זיי האָבן אַליין אויסגעקליבן — ניט ווי ער, ראַמבאַם...

און דער סוף איז געווען, אַז משה ראַמבאַם האָט זיך דאָס

מאָל אומגעקערט אַהיים גאָר, גאָר אַ תּרעומותדיקער, — גאָר, גאָר אַ פאַרביטערטער.

די ווערים פון אומצופרידנקייט און זיך־אַליין־פּייניקן, וואָס האָבן אים קיינמאָל ניט אָפּגעלאָזן אויף אַ לאַנגער צייט, האָבן איצט געפּראָוועט אין אים אַ גאַנצע אָרגיע, האָבן גע־טאַנצט און געפלאָטערט פאַרביי זיינע אויגן מיט אַ גרינעם און געלן גלי, — מיט אַן אָפּשפּעטנדיקן גלי.

— יאָ... אַפילו ד אָ ס האָסטו, נידעריקע בריאה, דאָך ניט געקענט דערגרייכן... און אַלץ צוליב דיין הויכן „סטענדינג" — צוליב דיין נישטיקן דערפאָלג...

ח.

אַז ער קומט אַריין אין שטוב מיט אַן אָנגעכמורעט פּנים און אַן אַרונטערהענגענדיקער פּירקאַנטיקער געמבע — אַ שלעכ־טער סימן — טרעפט ער שוין דעם טיש אַ געדעקטן צו מי־טאָג.

ער איז תּמיד רייך געדעקט, דער טיש ביי אים אין שטוב, רייך און באַלעבאַטיש. עס וואַרטן שוין דאָרט פרישע פייכטע סאַלאַדן, אַ וואַזע מיט אַרומגעשאָרענער סעלערי, קוישן מיט פּרוכטן, געדרויכערטע פישן, אַ פלאַש אימפּאָרטירטער קאָניאַק מיט „דריי שטערנדלעך". ניט געקוקט אויף דער „פּראָ־היבישאָן", געפינט זיך ביי ראַמבאַמען אין קעלער אַ גאַנץ נישקשהדיקער אויסוואַל פון שנאַפּסן און ווייגען. עס פעלן אויך ניט אין זיין קעלער אייניקע נידעריקע און בייכיקע פלעשער, באַקלעפּטע מיט כל־ערליי צעטעלעך אין דער לענג און אין דער ברייט, און באַהאַנגענע מיט פלאָמבעס און דרעטלעך און וואַקס־זיגלען, ווי געהיימענישפולע אַזעלכע כישוף־געטראַנקען... שאַרט־רייז און קונטראָ, בענעדיקטין און קיראַסאָ, קימעל און קירש, — אַלערליי געהויבענע אימפּאָרטירטע ליקערן געפינט איר דאָרט ביי אים; געטראַנקען פאַר גאָר־גאָר געהויבענע גע־לעגנהייטן.

און אַ סורפּריז האָט זיין געטרייע ווייב היינט אָנגעגרייט

פאַר אים — אַ סורפּריז, וואָס איז אַ פריידיקער אָנזאָג אויף פרילינג... איר איז נעמלעך געלונגען צו קריגן פאַר איר ליבן מאַן פרישן קלובניק, כאָטש עס איז נאָך געווען ערשט סוף ווינטער. נאַטירלעך, אין אַן אַראַנזשעריי אויסגעכאַוועטן קלוב־ניק.

אַ, ווי זי האָט זיך עס באַמיט היינט — זי באַמיט זיך דאָך תמיד, אַז דער טיש זאָל זיין געדעקט רייך און פאַר־שיידנאַרטיק.

זי טראַכט ביי זיך:

— אפשר נעמט זיך זיין כמורנעקייט און פאַרביטערט־קייט די לעצטע צייט פון דעם, וואָס ער האָט פאַרשיידענע עגמת־נפשן ביי זיין שווערער אַרבעט אין רעדאַקציע?...

אַוודאי, וועט זי מיט אים ניט שמועסן וועגן דעם, אים ניט פאַנאַנדערפרעגן, — טאָמער וועט עס אים נאָך חלילה מער אויפרייצן. אַוודאי פאַרשטייט זי, אַז אַזאַ מין ציימונגס־אַרבעט — פאַר געלט אויסשליסלעך — איז פאַר אַזאַ איידעלן און גייסטיקן מענטשן, פאַר אַזאַ פּאָעט ווי ער — שווער, זייער שווער... נאָר וואָס קען זי אים אין דעם העלפן?

דערפאַר באַמיט זי זיך טאַקע אַרומגיין אַרום אים ווי אַרום אַ קראַנק קינד, יעדן טאָג פאַרשאַפן אים וועלכע ס׳איז נייע אומדערוואַרטעטע פריידן, — אמת: קליינע פריידן, בלויז היימישע פריידן... אויף גרעסערע איז זי פשוט ניט פעאיק.

— קלובניק... אַ שמעקעדיק היימיש געבעקס... און אין מיטן טיש: פרישע בלוטנדיקע געראַניעס אין אַ יאַפּאַנישער וואַזע.

אָבער זעט ער דען, דער מאַן אירער, די רייכקייט פונם דאָזיקן טיש, וואו אַלץ איז צעשטעלט אַזוי האַרמאָניש און אויפן אָרט, אַ טיש געדעקט אָנם מינדסטן פעלער? אַך, ווער ווייס... אַז ער גריבלט זיך גאָר און גראַבלט זיך די גאַנצע צייט אַלץ אין זיך.

סאַמע צום אָנהויב מאָלצייט, אַז זי דערלאַנגט אים דעם טעלער מיטן צעבראָקטן אייז, אויף וועלכן עס זיינען אויסגע־

לייגט קילע שטיקלעך פּראָטאָפּלאַזמע־אויסטערן אויף זייערע ברוינע, ווי פאַרזשאַווערטע, שפּיציכיקע שאָלעכצן — עסט ער שוין מיט קנאַפּן חשק.

און אַוודאי אַזוי דורכן גאַנצן מיטאָג, דורך די סאַמע בעסטע געריכטן.

ניין, עס ווייזט אויס, אַז ראַמבאַם האָט נישט קיין שום פרייד פונם עסן. עס פאַלט אים אפשר פלוצלונג איין, אַז פאַר אָט די טייערע מאכלים האָט ער מעגלעך צו־טייער באַצאָלט... און צוליב וואָס דאַרף מען דאָס אַלץ ? גוואַלד, צוליב וואָס שטאָפּט מען אים אַזוי שטאַרק — וואָס וויל מען דאָ פון אים אויספּיטערן ? אַ פ ע ט ע ר ע גאַנדז צו דער שחיטה ?

און גאָר צום סוף מיטאָג, אַז דאָס ווייב דערלאַנגט אים אויף דעסערט פּיי־אַלאַ־מאָד, און אַז דער פּיי איז אַזוי מחיהדיק אַרומגעברוינט, אָנגעפּילט מיט צימערינג־עפּל און מיט געשמאָלצן צוקערדיקן סאָוס, און סאַמע פון אויבן איז נאָך אַנידערגעלייגט געוואָרן אַ קויל וואַנילע אייז־קרעם, — קאָן ער עס שוין מער ניט אויסהאַלטן. ער שטופּט עס אָפּ פון זיך מיט רוגזה, כמעט מיט רציחה:

— רבונו־של־עולם... וואָס קאַרמעסטו מיך אַזויפיל... וואָס שטאָפּסטו מיך... און עפּל־פּיי אַ ל י י ן — וואו שטייט עס געשריבן, אַז עס מוז נאָך זיין פון אויבן אייז־קרעם אויך, האַ ? נעם עס אַוועק פון מיר, איך בעט דיך...

צווייטער קאַפּיטל

דער ריזיקער צילינדער פון שטאָל און בעטאָן, וואָס הייסט ניו־יאָרק. — דורך דער נאַכט ווערן מענטשן איבערגעוואָרפן דורך זייגע געדערים פון איין זוים צום צווייטן. — אויפן צווייטן זוים איז וואַסערדיקער באַגינען און האָפענונג פון פרי־מאָרגן. — פאַרטאָג אין אַ רעדאַקציע פון אַ יידישער צייטונג.

א.

פאַרטאָג — מיט דער אויסנאַם פון שבת און זונטאָג ווען די צייטונג ווערט געמאַכט ערשט נאָכמיטאָג — פאַרטאָג שטייט ראַמבאַם אויף זייער פרי.

אַ זייגער האַלב זעקס אין דער פרי מוז ער שוין זיין אין רעדאַקציע; און עס געדויערט אים כמעט אַ שעה צוצופאָרן פון זיין היים צו דער רעדאַקציע־צו. שטייט ער אויף אַרום פיר אַזייגער פאַרטאָג.

מילא. זומער מאַכט עס נאָך ניט אויס. איז עס נאָך, פאַרקערט, גאָר אַ דערפרישונג פאַר דער נשמה. דער ריז ניו־יאָרק, וועמען עס איז קוים־קוים געלונגען ערשט אין שפּע־טער נאַכט צו כאַפּן אַ שוואַכן סוף־נאַכטיקן דרעמל — אַ דרעמל מיט שווערע חלומות פון נאָכאַנאַנד־פילדערנדיקע שטאָ־טישע צוגן און ווילד־צעיושעטע אויטאָמאָבילן־מחנות — דער ריז ניו־יאָרק הויבט זיך שוין אָן איצט אויפצואוועקן. ער ווישט זיך אויס די אויגן מיט די מילך־וואָגנס און בעקער־וואָגנס, מיט די פאַרטאָגיקע לאַסט־אויטאָמאָבילן, הויך אָנגעלאָדענע מיט פרישע בערג גרינסן כל־ערליי. יאָ, אַזוי איז עס זומער־צייט; אַפילו פויגל טשוויטשערן דאָך שוין אין אַט דער שעה ערגעץ אויף טעלעפאָן־דראָטן.

דערפאַר אָבער איז עס ווינטער־צייט גאַנץ שווער. דער־

הויפּט ווען מען שלאָפט ביזן אויפשטיין אויך זייער שלעכט און היפּערדיק: מען האָט מורא, מען זאָל נאָך חס־וחלילה ניט פאַרשפּעטיקן אויפשטיין צו דער צייט. אַ קליינִיקייט וואָס עס וואָלט דעמאָלט פּאַסירט, — אַ צייטונג, אויף וועלכער עס קוקן אויס צענדליקער און צענדליקער טויזנטער אויגן!... און ראַמ־באַם קאָן זיך אַלץ ניט צוגעוואוינען צום אויפשטיין פרי, כאָטש די דאָזיקע שטעלע זיינע האָט ער שוין אַוודאי אַ היפּשע פּאָר יאָר. משה ראַמבאַם איז שוין ניט קיין ייִנגעלע; ער איז שוין אַ מענטש אַרום פופציק, און די גרעזלעך פון לעבן האָבן שוין פון לאַנג אָנגעהויבן אונטערצואוויאַנען ביי אים... אפשר האָט ער דערשפּירט דעם האַרבסט זיינעם אַ ביסל צו־פרי? אָדער אפשר איז עס גאָר בלויז דערפאַר, וואָס ער איז אַ נעווראַסטע־ניקער, און אַלערליי מיחושן און אַלערליי חולאתן איז ער שוין לעצטנס געגויגט צו געפינען ביי זיך? וואָס איז דער חילוק... זיי טוען אים אפשר, אָט די איינגערעדטע ווייטאָגן, מער ווי „אמתע" חולאתן און ווייטאָגן.

יאָ, ווינטער־צייט איז עס דעריבער גאַנץ שווער.

אַ מאָדנע זאַך וואָס אינדערפרי, ווען ער גייט צו דער אַרבעט, איז עפּעס אַלעמאָל אַ ווינט אינדרויסן. אַלטע צייטונגס־בלעטער דרייען זיך אין אַ געווירבל. רייען נאָך־ברענענדיקע לאַמטערנעס באַשנירלען די גאַסן — ברענען שווייגנדיק און לויהדיק. קיין לעבעדיקע נשמה נישט צו זען — קיין קאַץ, קיין הונט. אויפן הימל יאָגן וואָלקנס. קיין סימן פון לבנה, קיין שטערן. אַ פוסטקייט, אַ גרויס־שטאָטיש ביינאַכטיקע. ווינטן אַקערן נאָכאַנאַנד דעם הימל, דעם דרויסן, דעם צוגע־פרוירענעם אַספאַלט. און ערגעץ אויף די נאָענטע אָקעאַנען־וואַסערן הוליען אוודאי איצט די מיטן־נאַכטיקע שטורעמס.

משה ראַמבאַם איילט דורך די גאַסן, צו דער נאָענטסטער שטאָטישער באַן־סטאַנציע. איינער אַליין אין דער פוסטעניש פון אומרואיקער שפּעט־נאַכט — אַליין עפּעס ווי אַן אומרו־איקער גלגול.

אין פאַרטאָגיקן עלעווייטעד ווערט אים אָפט אפילו אַ ביסל היימלעכער: כאָטש דאָ פאַראַן נאָך מענטשן. לויט די

בגדים אָדער די פּעקלעך אינסטרומענטן ביי די פיס דערקענט מען: אירלענדישע האַפן־אַרבעטער און טראַנספּאָרט־אַרבעטער, איטאַליעניש שוואַרץ־אַרבעטער ערגעץ ביי אַ סאַבוויי־אויסגראָבונג, נעגערשע מויער־געהילפן מיט ווייסע פאַרטריקנטע פלאַסטער שטיקלעך אויף פּנימער... די ריינערע אָנגעטאָנענע פּאַסאַזשירן, — זיי פאַראינטריגירן: דאָס זיינען אַלץ אַזוינע מענטשן, אויף וועמען עס איז שווער צו טרעפן וואָס עס האָט זיי אַזוי פרי אויפגעהויבן — צו וואָס פאַר אַ געהיימע באַשעפטיקונגען זיי ציען איצט ?...

אַלע זיצן שווייגנדיק אַזוי, מיט בלייכע אויסגעצויגענע פּנימער — אַ סך שווייגנדיקער און איינגעשלאָסענער, ווי עס זיצן געוויינטלעך פּאַסאַזשירן אין בייטאָגיקע עלעווייטערס. און מיטאַמאָל דוכטן זיי זיך ראַמבאַמען אויס אַלע, אַלע אָן אויסנאַם, עפּעס ווי תּפוסים: תּפוסים פון דעם ריזיקן כרך, וואָס ווערן איצט אין אומעטיקע פאַרטאָגיק־באַלויכטענע וואַגאָנעס געפירט צו אַן אומבאַשטימטן שרעקלעכן גורל. דעריבער זיצן זיי איצט אַלע דאָ אָן לשון, יעדער פאַרטיפט אין זיינע לעצטע מחשבות...

ביסלעכוויז, ביסלעכוויז וואַכט פונדעסטוועגן אין ראַמבאַמען אויף דער פּולס פון לעבן, הויבט אָן צו קלאַפּן אין איינקלאַנג מיטן אויפוואַכנדיקן פּולס פון דער גרויסשטאָט.

און אַז ער שטייגט אויס אויף זיין סטאַנציע, אויף קאַנאַל־סטריט, פילט ער שוין אינגאַנצן פּריש און מונטער. די באַזלעכער הויבן אָן הויך צו שעפּן אין זיך שאַרפע באַגינען־לופט, וואָס גיט אויף אים אַ יאַג פון די טויערן פון מאַנהעטן־בריק — פון די וואַסערן פון דעם ניו־יאָרקער אויסגוס, וואָס אויף יענער זייט פון דער שורה וואָלקן־קראַצערס, די געצונדענע מיט אויפגייענדיקער זון.

אָך, די טויערן פונם מאַנהעטן־בריק... עס איז פאַרטאָג, די לופט בלויט זיך נאָך אונטן ביי דער ערד. דער בריק הויערט ריזיק־שטיל און מעכטיק. די שנורן עלעקטרישע לעמפּלעך,

וואָס באַקראַנצן און באַזוימען דורך דער גאַנצער נאַכט אָט די ריזיקע מאַסיווע בעטאָן־טויערן, לויכטן נאָך; בלינצלען נאָך אַלץ אינם פאַרטאָג און ווינקען אָן אויף סוד פון נאַכט ביי זייט־שטאָט און וואַסערן. און די ריזיקע קוואַדראַטן־לופט, וואָס זיינען איינגעראַמט אין אָט די טויערן, זעען אויס אַזוי יום־טובדיק, אַזוי ניי, ווי אויסגעצוואָגן... יאָ, ערשט אין אָט דער שעה קען מען פילן, ווי אַלץ שטייט דאָ אין שטילער און פייערלעכער דערוואַרטונג: דורך אָט־די מלכותדיקע טויערן דאַרף דאָך אָנקומען אין גיכן דער יונגער פרילינג.

און ראַמבאַם בלייבט אַ ווײַלע שטיין, צוגעקאָוועט צום אָרט, — ס׳קוקט אויס ווי ער וויל דאָ בלייבן אַזוי אויף ווער ווייס וואָס פאַר אַ לאַנגער צייט. אַ שטייגער, קיינער איז דאָך איצט, חוץ אים, דאָ ניטאָ; איז ווער זשע וועט עס אויפנעמען דעם יונגן פרילינג־מלך, וואָס קומט אָט־אָט באַלד אָן?... עס ציטערן אין אים אויף שוין לאַנג־אַנטשוויגענע סטרונעס; עס שפּראָצן אויף ווערטער, טאַנצן צוערשט באַזונדער, נעמען אָבער זיך באַלד אָן ביי די הענט, בינדן זיך צונויף אין שורות... „זינגען אויף די האַרפע־סטרונעס, וואָס צוקאָפּנס פון דעם אַלטן מלך״... און נאָך אַ שורה קומט אָן און פאַרנויגט זיך פאַר אים — פאַר דעם אַ מ אָ ל י ק ן ראַמבאַם, פאַר דעם יונגן ראַמבאַם, פאַר ראַמבאַם דעם פּאָעט — און אַ דריטע, און אַ פערטע... אָך, די מלכותדיקע טויערן פונם מאַנהעטן־בריק אין אַ קילן שטילן באַגינען, וואָס פאַרשמעקט שוין מיטן אָנקום פון פרילינג — — —

אַ דונערדיקער לאַסט־אויטאָמאָביל יאָגט פּלוצלונג אָן הינטער אים, פון דער באָוערי, מיט אַ הילכיקן פייף; אַ בלאָזן פון אַן אויטאָמאָביל האָרן שטעכט דורך דעם גרין־בלויען געוועב פונם וואונדערלעכן באַגינען.

דער טאָג דער ניו־יאָרקער האָט שוין פאַראויסגעשיקט דעם ערשטן פילדערנדיקן שליח זיינעם. ראַמבאַם גיט זיך אַ ריס אָפּ פון זיין אָרט מיט גוואַלד.

— אַ קליינִיקייט — דאַרט וואַרט דאָך אַלץ אויף אים!

ער זאָל קומען און לאָזן די ריזיקע צייטונגס־מאַשינעריע אין גאַנג...

און ער לאָזט זיך לױפן כמעט אָן אָטעם אין דער ריכטונג פון איסט־בראָדוויי אין רעדאַקציע אַריין.

ב.

ביי דער טיר וואַרט אויף אים אַ פּעקל פרישע ענגלישע פרימאָרגן־צייטונגען, וועלכע דאָס שיק־ייִנגל פון רעדאַקציע האָט שוין צוגעגרייט. זיי זיינען אָפּגעבאַקט געוואָרן אין די שפּעטע נאַכט־שעהן, אָט די ריזיקע ענגלישע בלעטער — עס שמעקט נאָך פון זיי מיט דרוקער־פאַרב און מיטן ריח פון ערשט געבאָרענע זאַכן.

אין איילעניש גיט זיי ראַמבאַם אַ כאַפּ אַרונטער אונטער דער פּאַכווע: ווי עפּעס אַן אונטערגעוואָרפענעם אָבן־טוב, אַ געפונענעם אוצר... זיי זיינען טאַקע פאַר אים אַן אוצר בשעתן צוגרייטן דעם נייעם נומער.

ער יאָגט אַריין אין ריזיקן רעדאַקציע־צימער. שטיל איז דאָ, ווי אויף אַ בית־עולם. די עלעקטריע, וואָס ברענט דאָ העל אומעטום — זי ברענט שוין אַזוי אפשר אַ גאַנצע נאַכט, כאָטש קיינער איז דאָ נאָך דערווייל ניטאָ — פאַרשטאַרקט נאָך מער די בית־עולם שטימונג. דורכן פענצטער פונם העכסטן מויער־שטאָק קוקט אַריין אַ פּוסטער און שטילער, אַ וואַסער־דיקער באַגינען.

שטיל איז נאָך אין דעם הויפּט־רעדאַקציע־צימער, וואו עס ווערן פאַבריצירט די נייס; בלויז דער איינציקער ביינאַכטיקער שומר פון דער רעדאַקציע, דער טעלעגראַף־אַפּאַראַט, אָטעמט אויף פון צייט צו צייט, וועקט די שפּעט־נאַכטיקע, די ליכטיקע שטילקייט. דער דאָזיקער האַלב־לעבעדיקער, האַלב־טויטער שומר אונטער אַ גלעזערנעם צודעק טיקעט דאָ פאַרטאָג־צו אָפּטער און אויפגערעגטער, טיקעט נאָכאַנאַנד: אָן אייביק־אומרואיקער פּולס פון דער ווייטער און גרויסער וועלט — זי וואַכט ערגעץ אין דער וויט, זי וואַכט אייביק... און מאָדנע פונדעסטוועגן:

פון אָט דעם־אָ ביינאַכטיקן טיקען אין אַ פּוסטער באַלויכטענער רעדאַקציע ווערט עפּעס נאָך אומעטיקער אַזוי אויפן האַרצן; ווי מען וואָלט דאָ דערוואַרט פון אונטער דעם צודעק פונם גלעזערנעם קעסטל אַן אָנפליען פון עפּעס שלעכטע בשורות.

אָבער ראַמבאַם גיט פון זיך גלייך אַ טרייסל אָפּ די דיכטער־שטימונג, — אַ נאָכלויפעניש פון די מינוטן ביי דער בריק — גיך און ענערגיש שפּרייט ער פּאַנאַנדער אויף זיין אַרבעטס־טיש די פרישע ענגלישע צייטונגס־ליילעכער. מיט אַ געניט אויג קוקט ער שנעל איבער די נייס, הויבט אָן פלינק אַרבעטן און אַרומלויפן מיט דער שער איבער אָט די צייטונגס־ליילעכער; ער צעטרויבערט זיי, ער צעפּאַלמעסט זיי אָן רחמנותדיק, ער גרייט צו אַרבעט פאַר די נייס־שריי־בער, וואָס דאַרפן באַלד אָנקומען.

אין אַ קורצער ווײַלע אַרום רוקן זיי זיך טאַקע אַריין איינער נאָכן אַנדערן אין דער רעדאַקציע. אַלע זיינען זיי אומצופרידענע, האַלב־פאַרשלאָפענע. זיי ברומען אַרויס דעם „גוט־מאָרגן״ גלאַט אין חלל אַריין, ברומען עס אַרויס מיט אַ צוגעלעגענער שטים, נישט אויפהויבנדיק אַפילו די אויגן איי־נער אויפן צווייטן.

און באַלד איז שוין די אַרבעט אין פולן גאַנג — אַ פינקטלעכע טאָג־טעגלעכע מאַשינעריע. עס קריצן נאָכאַנאַנד די פּענעס. עס קלאַפּן זיך פּאַנאַנדער אַ פּאָר שרייב־מאַשינקעס. עס ווערן אָפּגעריסן איינער נאָך דעם אַנדערן בלעטלעך פון בייכיקע בלאָנקנאָטן. אומגעדולדיקע זעצערס לויפן אַריין און אַרויס, כאַפּן אַוועק די בלעטלעך פון אונטער דער האַנט — אינמיטן אַ וואָרט, אַן אות, נאַסע נאָך פון טינט — און יאָגן מיט זיי אַוועק אין דער זעצעריי אַריין. די הונגעריקע לינאָ־טייפּן מיט די לאַנגע גיריקע מעטאַלענע פינגער שלינגען באַ־כאַנאַנד איין די „קאָפּיע״.

ראַמבאַם, פאַרטאָן אין די צעטלעך מיט צוגעגרייטע „קעפּלעך״ פאַר זיך, בייסט אַ רויען עפּל אויפן ניכטערן מאָגן, — אַ סגולה קעגן עצירות. ער שלינגט אַרונטער גרויסע שטיקער, נישטערט ווידער אין די צייטונגען, צי האָט ער נישט עפּעס אַ

טשיקאַווע שטיקל נייס דורכגעלאָזט, אַ שטיקל „היומען אינ־טערעסט״? ער לויפט אַלע ווײַלע צום טיקער פון דער טעלע־גראַף־מאַשין, שלעפּט אַרויס לאַנגע פּאַפּירענע סטענגעס, שטאַמלט אויס טראָפּנווייז די שטיקער נייעסן אויף די ווייטער־דיקע, נאָכאַנאַנד־אַרויסקריכנדיקע סטענגעס, וועלכע שטעלן זיך אָפּ מעשה שטן גראָד אין דער מיט, אויף גאָר עפּעס אַ וויכטיקן פּונקט... אינמיטן האָט דער טיקער אינגאַנצן אויפגעהערט צו קלאַפּן. באַלד לאָזט ער עס איבער, לויפט צוריק צו זיין אַרבעטס־טיש, צו די נייע אַרויפגעבראַכטע צייטונגען, צו די פרישע אויס־לענדישע קייבלס, וועלכע דער פאַרשלאָפענער עלעוועיטאָר־מאַן ברענגט אַלע ווײַלע צוטראָגן פון אונטן, פונם ערשטן שטאָק, ביז עס פּלייצט אָן אַ נייע עלעקטרישע כוואַליע דאָרט אינם טעלעגראַף, און די פּאַפּירענע סטענגעס הויבן זיך ווידער אָן צו ציען — ראַמבאַם גיט זיך ראַשיק אַ יאָג אַהין, הויבט ווי־דער אָן צו שלעפּן ביים אַפּאַראַט פונם מויל אַרויס סטענגע נאָך סטענגע.

ער דערפילט זיך אין אַזעלכע מינוטן זייער וויכטיק, ראַמ־באַם.

— אַ קאַפּיטאַן פון אַ שיף, אַ שטייגער... אַ גענעראַל וואָס פירט אָן אַ שלאַכט... אַ פעלדמאַרשאַל!

„נישט קיין וויכטיקע, נישט קיין א י י ב י ק ע אַרבעט״, לאַכן פון אים אָפּ אַמאָליקע חברים. אין טויזנטער שטעט און שטעטלעך, איבער די ווייטסטע יידישע ישובים פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, וואַרטן דאָך אויף אָט דער אַרבעט טויזנטער, צענדליקער טויזנטער מענטשן! לעזער! צייטונגס־קויפער! איז ווען, אַ שטייגער, ער וואָלט נאָך פאַר־בליבן אַ פּאָר שעה לענגער שטיין ביי יענעם וואונדערלעכן טויער פונם מאַנהעטן־בריק, וואָס קוקט אויס אין פרישן באַ־גינען ווי דער טויער וואָס פירט אין אַ ווייטן אָקעאַנישן הימל אַריין — איז וואָס וואָלט דעמאָלט געווען?

נו, יאָ, עס האָט זיך טאַקע אין אָט יענע וואונדערלעכע מינוטן עפּעס אויפגעכאַפּט, עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן שפּינען, עפּעס אויסשפּיקן... ס'איז נאָך דערווייל געווען שווער

צו וויסן וואָס: אַ ליד, צי אפשר טאַקע אַ גאַנצע פּאָעמע?... זיין פריינט און ליטעראַרישער קעגנער, דער דיכטער שאול ווילדען, וועלכער האָט אַ שוואַכקייט צו געברויכן ביי אַלע געלעגנהייטן עפּעס אַ פסוק, — אָט, ער זעט שוין פאַראויס, ראַמבאַם: אויב ער וואָלט פלוצלונג, נאָך אַזאַ לאַנגן שטיל־שווייגן, פאַרעפנטלעכט אַ פּאָעמע, וואָלט דער דאָזיקער וויל־דען אוודאי אַרומגעגאַנגען איבער דער עווענין צי איבער דער קאַפע גאַנצע טעג, וואָלט נאָכאַנאַנד אָפּגעשטעלט באַקאַנטע, וואָלט זיך אַזש געריבן די הענט פון פאַרהאַוועטקייט און אַ געפּיל פון פאַרנומענעם קהלן־זיך, און וואָלט זיכער יעדן איינעם געווען געפרעגט:

— נו, אירט שוין געזען, האַ? וואָס זאָגט איר אויף אים, כ׳בעט אייך? ווייזט אויס, ער יכולט נאָך אַלץ, הייסט עס... ווי אין פסוק שטייט: אַחרי בלותו היתה לו עדנה... איך דאַרף אומבאַדינגט אַנהויבן אַדורכנישטערן די לעצטע אַנטאָלאָ־גיעס פון דער אַמעריקאַנער פּאָעזיע, זען פון וואַנען ער האָט עס געקענט אַרויסנעמען אַזעלכע פיינע פערזן...

יאָ... ס׳וואָלט אפשר געווען אַ גרויסע דערפרישונג אין זיין לעבן, אין ראַמבאַמס. אָבער זאָל ער זיך נאָר פון דער אַנדער זייט פּרוּוון אַליין פאַרשטעלן דאָס בילד, וואָס וויקלט זיך איצט פאַנאַנדער ערגעץ אינם ווירקלעכן לעבן — ס׳איז דאָך ממש מאַיעסטעטיש, אומגעוויינלעך!

— צענדליקער, — הונדערטער טויזנטער מענטשן, לייענער פון „זיין״ בלאַט אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון גאַנץ אַמע־ריקע, וואָלטן דאָך פאַרבליבן דעמאָלט אין דער פינצטער, פאַרוואָרפענע ערגעץ צווישן בערג און טאָלן... אָפּגעריסן פון דער גאָרער יידישער וועלט! אַ שטייגער, ווי מענטשן אין אַ גרויסן כרך, ווען אין אָוונט ווערט פלוצלונג קאַליע די עלעק־טריע...

יאָ, אין אַזעלכע מינוטן דערפילט זיך ראַמבאַם זייער וויכ־טיק, זייער געהויבן. ווער זאָגט עס, אַז ער האָט עס אַלץ גע־טאָן צוליבן „דזשאָב״, צוליב אַ גרינגער און איינפלוסרייכער

פרנסה? זיין אַרבעט איז פון די וויכטיקסטע אויף דער גאַנ־צער וועלט! יאָ, די וועלט דאַרף היינט־צו־טאָג גיכער האָבן צייטונגען איידער פּאָעזיע... און דערהויפּט נאָך „ביי אונדז יידן”... די צייטונגען — דאָ זיינען דאָך די נערוון, וואָס...

דער מח ווערט אָבער מיט יעדן מינוט אַלץ מידער, שפּינט שוין נישט אַזוי גרינג די געדאַנקען־פעדים. די ריזיקע פלאַכ־טעס פון די ענגלישע צייטונגס־בלעטער שאַרכן שוין אונטער די מידע הענט אַזוי איינשלעפערנדיק, אַזוי איינדרעמלענדיק...

ג.

מיטאָמאָל:

— „קאָנגרעסמאַן דזשאָנסאָן ברענגט אַריין אין קאָנגרעס אַ פּראָיעקט פון אַ נייעם אַנטי־אימיגראַציע געזעץ”...

די דאָזיקע ידיעה איז אין ענגלישן בלאַט פאַררוקט אין אַ ווינקל, ערגעץ אויף דער דריטער זייט אונטן, ווי מען וואָלט זיך מיט דעם געוואָלט אויסבאַהאַלטן. ראַמבאַם לויפט שנעל אַדורך מיט די אויגן דאָס שטיקל נייס: עס קומט אַ מעלדונג פון וואַשינגטאָן וועגן נייע, פאַרשטאַרקטע גזירות אויף אימיגראַנטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָהאָ, — פאַלט אין איין רגע אַרונטער די מידקייט פון ראַמבאַמען, און ער גיט זיך אַ כאַפּ אויף ווי אַ פאַרציטערטער, — אָהאָ... דאָס איז דאָך אַ העכט!... דאָס איז דאָך אַן ערשט־קלאַסיק שטיקל נייס!... זע נאָר, — צאַפּלט ער זיך אַזש, — ווי האָט ער עס אַזאַ וויכטיקע זאַך ביז דער לעצטער מינוט ניט באַמערקט?

אָהאָ, ער וועט איצט מאַכן דערפון גאָר, גאָר אַ וויכטיקן ענין... ער וועט דאָס געבן אַ „קאָפּ” — גאַנצע פיר שפּאַלטן די ברייט... מיט אַן אונטערקעפּל אויך — ניין, טאָקע מיט צוויי אונטערקעפּלעך! דאָס האָט דאָך אַן אַלגעמיינעם, אַ „נאַציאָנאַלן” באַדייט!... אַך, און ער האָט עס שיר אינגאַנצן ניט פאַרזען...

ער שניידט אויס דאָס ענגלישע שטיקל נייס מיט ציטער־דיקע הענט און מיט אַ טיאַכקענדיק האַרץ. אַ שיין פּנים וואָלט

ער געהאַט ווען ער גיט עס ניט אַריין אין היינטיקן נומער בשעת די אַנדערע צייטונגען וועלן עס זיכער האָבן! ס'ווערט אים אַזש קיל אין אַלע אברים, ס'האַרץ הויבט אים אָן צו זינקען, ווען ער שטעלט זיך פאַר די בליקן וואָס עס וואָלטן אים שפּע־טער „געשענקט" דער שעף־רעדאַקטאָר — דער שעף־רעדאַקטאָר? נו, יענער איז דאָך סוף־כל־סוף אויך פּונקט אַזאַ פּאַרקויפטער קנעכט ווי ער אַליין, ראַמבאַם. דער עיקר איז — דער באַ־לעבאָס אַליין! קושינסקי, דאָס קורצע פעסל־יידעלע מיט די קורצזיכטיקע קרום־צעשטעלטע אויגעלעך. זיי דרעמלען דוכט זיך, אָט די אויגעלעך, אָט־אָט און זייער אייגנטימער שלאָפט איינגאַנצן איין — אָבער ווי קעציש זייערע בליקן נישטערן דורך אַ יעדעס ווינקעלע פון זיין „פּעיפּער"... שווערע אַנגסטן באַ־גיסן אַזש ראַמבאַמען ביי דער בלויזער פאָרשטעלונג פון אַזאַ שרעקלעכער מעגלעכקייט; אַלץ אין אים איז איצט אימה, הכנעה.

— אָ, — שטאַמלט ער פאַר זיך מיט אינערלעכן, מיט אמתן תשובה־געפיל, אין ציטערניש פאַר אָט די זיך־זשמורענ־דיקע שפּאָטיש־גרויזאַמע אויגעלעך. — ער וועט שוין דערפאַר מאַכן דערפון אַ גרויס, אַ וויכטיק נייס — יאָ, די וויכטיקסטע נייס פון טאָג!...

ס'מאַכט נישט אויס, וואָס פאַר דער ערשטער זייט זיינען שוין אויפגעזעצט געוואָרן אַנדערע גרויסע נייס. ער איילט, ער יאָגט. ער גיט אַרויס באַפעלן דעם מעטראָנפּאַזש מען זאָל אַרויסוואַרפן פון דעם כמעט פאַרטיקן פורעם ד אָ ס, מען זאָל אַרויסוואַרפן י ע נ ע ם, — מען זאָל, מען זאָל... אַפילו די נייס פון „היומען אינטערעסט", — וועגן אַן אַכציק יעריקער יידענע, וואָס האָט זיך ביינאַכט שטילינקערהייט אַרויסגעגנבעט פונעם מושב־זקנים כדי חתונה צו האָבן מיט אַ זקן פון 86 יאָר — אַפילו דאָס האָט ער באַשלאָסן צו מקריב זיין! פון גרויס אומ־געדולד האָט ער אַפילו אַליין אָנגעכאַפּט שטיקער אויסגעזעצטע נייס און זיי אָנגעהויבן אַרויסצושליידערן. ביז די בייזע בליקן פונעם באַברילטן מעטראָנפּאַזש האָבן אים דערמאָנט, אַז ער

זאָל זיך איינהאַלטן: לויט די תקנות פונם זעצער־פאַראיין טאָר קיינער ניט, אַפילו דער נייס־רעדאַקטאָר אַליין, זיך ניט צו־רירן צו די זאַץ־פורעמס...

אַ ווילדער, אַן אויפגערעגטער, ווי קיינמאָל נישט, האָט זיך דאָ ראַמבאַם אומגעדולדיק געטאָפּטשעט אויף איין אָרט, לעבן דעם גרויסן אייזן־געקאָוועטן טיש, אויסגעשריגן נאָכאַנאַנד אינ־גאַנצן איבעריקע באפעלן. ס׳איז געווען ווי ער וואָלט געוואָלט אימיצן מפצה זיין — אָט יענעם קורצן „אימיצן״ מיטן קאַריקאַ־טוריסטישן אויפגעשוואָלענעם בויך — גוואַלד, מוז עס טאָקע אַ באַלעבאָס פאַרמאָגן דוקא אַזאַ בויך? — פאַר דער שוידער־לעכער עוולה, וואָס ער איז שיר, שיר ניט באַגאַנגען קעגן דעם „פּייפּער״ — אָ, ער וועט געבן איצט אַ גרויסן „קאָפּ״, אַי אַ „קאָפּ״, שוין איינמאָל אַ „קאָפּ״...

„אימיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן אינגאַנצן טויט פאַר די קומענדיקע פינף־און־צוואַנציק יאָר״.

— אָ, דאָס וועט באַצווינגען, ציען אַלעמענס אויפמערק־זאַמקייט, שלאָגן איבער די מוחות, פּלעפן יעדן דורכגייער אין גאַס...

און צום סוף, אַז אַלץ איז שוין ענדלעך פאַרטיק געוואָרן און געווען אויפן געהעריקן אָרט, האָט ער ערשט רעכט אָנ־געהויבן צו טריאומפירן.

— נו, האַ, — האָט ראַמבאַם, אַ מידער, און אינגאַנצן אין שווייס, נצחונדיק זיך פאַרמאָסטן ווי עפּעס קעגן אַן אומ־געזעענעם דעבאַטאַנט אַ קעגנער — נו־האַ, וואָס האָב איך אייך שוין פון לאַנג געזאָגט? וואָס דולט איר אַ ספּאָדיק מיט לי־טעראַטור, קולטור־שמולטור, אַז מיר האָבן דאָ ניט קיין שום צוקונפט, ווי יידן... מיר וועלן דאָ סוף־כל־סוף ווערן אַזעלכע „האָיפּענעיטעדס״*), ווי די איבעריקע איינגעוואַנדערטע פעלקער

---

*) „הייפן״ — אַ שטרייכל (-). אַזוי ווערן אין אַמעריקע אָנגערופן יענע אַלע בירגער, וועלכע האַלטן זיך פאַר דייטש־אַמעריקאַנער, איטאַליעניש־אַמע־ריקאַנער, סקאַנדינאַוויש־אַמעריקאַנער א. א. וו.

דאָ... הערסט, איצט נאָך, אַז די אימיגראַציע איז פּאַקטיש אינגאַנצן שוין אָפּגעשטעלט !...

ער לאָזט זיך גיין פון דעם שטויביקן זעצערײַ־צימער, אָן אָנגעלאָדענעם מיט בלײַ־שטויב און מיט לינאָטיפּן־געקלאַ־פּערײַ, צוריק אין רעדאַקציע אַרײַן. אָבער אינמיטן וועג האָט ער — מיטאַמאָל — אינגאַנצן אַ ציטער געטאָן. זײַן פּנים איז שרעקלעך בלייך געוואָרן.

— וואָס איז דאָס ?... — האָט ער זיך שרעקעוודיק און פאַרזיכטיק אַרומגעקוקט ווי אַ גנב. — האַ ?...

ניין, קיינער האָט אויף ניט געשטאָרט אומבאַוועגלעך. פון ערגעץ נישט. קיינער האָט אויף אים ניט געטײַטלט מיט אַ פינגער. פון ערגעץ נישט. וואַרשיינלעך האָט אים קיינער ניט געהערט אַפילו. ווער הערט עס דען י ע נ ע מ ס געדאַנקען ? און פונדעסטוועגן האָט זיך שוין די בלייכקייט און דאָס ציטערניש אין משך פון אַ לענגערע ווײַלע דערנאָך ניט אָפּגעטאָן פון ראַמבאַמען. אַך, עס איז דאָך מעגלעך געווען אַלץ דער־פאַר, ווײַל אים האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעדוכט :

— ער האָט דערשפּירט אין זיך בשעת־מעשה עפּעס אַ מאָדנעם געפיל... כמעט ווי אַ מין פרייד...

וואָס דען... ווידער צענדליקער טויזנטער עמיגראַנטן ? ווידער — סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם, קאָמוניזם ? ווידער אימי־גראַנטישע צאַפּלעניש, ווייעניש ? ס׳מוז דאָך סוף־כל־סוף נעמען אַן עק צו אָט דעם אַלעמען, וואָס האַלט אונדז אין אַ צו־שטאַנד פון א י י ב י ק ן אומרו... אַהער — אָדער אַהין... און איצט ווערט עס ענדלעך קלאָר : ס׳עט גיין באַשטימט „אַהין״...

ד.

שפּעטער, נאָך פרישטיק, ווען די מאַטריצירטע צײַטונג־פורעמס וואַרפן שוין אַרויס אין די פרעס־צימערן אונטן אין קע־לער צענדליקער און צענדליקער טויזנטער צײַטונגען, פאַרבלײַבט נאָך ראַמבאַם אין־דער־הויך אין דער רעדאַקציע, אויף אַ שעה צײַט, אָנצושרײַבן אַן אַרטיקל איבער אַ „לויפנדיקן ענין״.

ער דיקטירט דעם אַרטיקל זיינעם צו אַ סטענאָגראַפיסטקע. נאָר אַפּנים, אַז זיין קאָפּ ליגט אים איצט ניט דערביי. ער איז עפּעס פאַרחושט, משה ראַמבאַם, פאַרחושט און פאַרמוטשט.

דער „לויפנדיקער ענין״, איבער וועלכן ער דאַרף שרייבן דאָס מאָל, האָט פאַר אים אַ באַזונדערן אינטערעס, אַ פּערזענ־לעכן אינטערעס... ס׳איז שוין גאָרנישט ווי די אַנדערע „לויפנ־דיקע ענינים״, איבער וועלכע ער שרייבט געוויינלעך, — שרייבט ווי אַ זייטיקער, אָן מינדעסטן אינטערעס אין דער זאַך, טוט עס ווי אַ געצוואונגענע אַרבעט. היינט דאַרף ער שרייבן וועגן דער שטאָטישער „טרעקשאָן־קאָמיסיע״, מיט וועלכער עס האָט זיך לעצטנס געטומלט אין די צייטונגען, קעגן וועלכער אַ צווייטע פּאַרטיי — די פּאַרטיי, וואָס איז ביי די לעצטע שטאָ־טישע וואַלן גראָד באַזיגט געוואָרן — איז אַרויסגעטראָטן מיט שווערע באַשולדיקונגען אין „גרעפט״ און כאַבאַר.

אוודאי האָט די צייטונג, אין וועלכער ראַמבאַם שרייבט, זיך ניט געקאָנט דערלויבן אָפן צו פאַרטיידיקן די דאָזיקע קאָ־מיסיע, מיט וועלכער עס האָט זיך איצט זייער ניט־שיין געטומלט אין שטאָט. כאָטש געוואָלט האָט זיך עס איר זייער שטאַרק — די דאָזיקע צייטונג איז, נעמלעך, געווען אונטער דער הערשאַפט פון יענער פּאַרטיי, וועלכע איז איצט געווען די זיגער־ין אין שטאָט; און די „טרעקשאָן־קאָמיסיע״ איז דאָך געווען אַ טייל פון איר. יאָ, מען האָט דאָ געדאַרפט זיין זייער פאַרזיכטיק, זיי־ער פאַרזיכטיק... און נאָך מער דערפאַר, וואָס ראַמבאַם אַליין האָט דאָ אויך געהאַט אַ שטיקעלע אינטערעס. יאָ, פאַרוואָס ניט? ראַמבאַם אַליין האָט אויך ליב געהאַט אָפּצולעקן אַ ביינדל דאָרט, וואו ס׳לאָזט זיך. און דאָ האָט זיך עס זייער, זייער גרינג גע־לאָזט.

און נעמלעך: מען האָט אים שוין לאַנג געהאַט פאַרשפּראָכן, אַז ער וועט קריגן אַ פּובליסיטי־שטעלע ביי דער „טרעקשאָן־קאָ־מיסיע״ — פּופציק דאָלער אַ וואָך, צוויי טויזנט פינף הונדערט דאָלער אַ יאָר... האַ? ניין, אַזאַ סומע גייט בשום אופן ניט אַרום באַרוועס, אפילו באַ אַזאַ מענטשן, וועמעס געהאַלט באַ־טרעפט שוין איצט אויך מער אפילו, ווי אָט די סומע. און די

אַרבעט — כאַ, מישטיינס געזאָגט אַן „אַרבעט״! „זיין״ ציי־טונג, ראַמבאַמס, איז אַזוי אויך אַ „פּרינציפּיעלע״ שטיצערין פון דער איצטיקער שטאַט־רעגירונג... נו, און די אַנדערע ציי־טונגען וועלן זיין „פּובליסיטי״־מאַטעריאַל סיי־ווי ניט וועלן דרוקן! הכלל, ס׳איז געווען אַן אַרבעט — אַ „סינעש״;*) ענד־לעך, הייסט עס, וועט ער אויך דערפילן דעם זיסן טעם פון אַ „פּאָליטישען־דזשאָב״! און מיטאַמאָל — די דאָזיקע סקאַנדאַלן, סענסאַציעס, אויפדעקונגען...

יאָ, מען האָט עס געדאַרפט מאַכן זייער געשיקט און פאַר־זיכטיק, דעם דאָזיקן אַרטיקל. מען האָט געדאַרפט מכלומרשט אַטאַקירן די „טרעקשאַן־קאָמיסיע״ — באַווייזן די אייגענע פּאָ־ליטישע ערלעכקייט, די אַבסאָלוטע אומפּאַרטייאישקייט... און אין דער זעלבער צייט צוריקגעווינען די סימפּאַטיע פונם לעזער־עולם, פון די שטימער ביי די קומענדיקע מוניציפּאַלע וואַלן, פאַר דער איצטיקער שטאַט־פאַרוואַלטונג... איז ווי־זשע מאַכט ער עס, האַ? און ווי איז, אַז עס וועט שפּעטער באַקאַנט ווערן, אַז ער האָט דאָרט אַ פּובליסיטי־דזשאָב? וואָס וועט מען דעמאָלט זאָגן וועגן דעם דאָזיקן אַרטיקל זיינעם, וועגן זיין אייגענער אומפּאַר־טייאישקייט און וועגן דער „אומפּאַרטייאישקייט״ פון זיין בלאַט? אַ דעליקאַטע, אַ שווערע אַרבעט, שיעור ניט אַ „קינסטלערישע״ שטיקל אַרבעט...

ראַמבאַמס נידעריקער שטערן האָט אָנגעהויבן שוויצן, די פּאָר האָר־פּלעכטלעך אויפן נאַקעטן קאָפּ האָבן זיך געקלעפּט צום שאַרבן. ער האָט געוואָרפן הילפלאָזע בליקן אויף דער סטע־נאָגראַפיסטקע, וואָס איז געזעסן לעבן זיין דעסק, גרייט אויפ־צונעמען זיין דיקטירונג.

די סטענאָגראַפיסטקע:

אַ ווייס אָנגעפּודערט נעזל, לאַקירטע, שפּיציק־קעצישע נעגל, קינסטלעך־איבערגעפאַרבטע בלאָנדע האָר. זי זיצט אַזוי ביים דעסק און באַטראַכט ראַמבאַמען די גאַנצע צייט מיט קלוגינקע, אַרויסרופנדיקע אייגלעך. „אַ ביסל חוצפּהדיק״, באַמערקט ביי

*) סינעקורע.

זיך אין קאָפּ משה ראַמבאַם, כאָטש זיינע אויגן זיינען דאָך גאָר איצט דענקעריש אָפּגעווענדט היפּש אַן־אַ־זייט. זי האָלט דעם אויפגעהויבענעם בלייער אין איר רעכטער האַנט, דעם פאַר־שאַרפטן דינעם שפּיץ אָנגעשטעלט קעגן ראַמבאַמען: זי פאַר־מעסט זיך אויף אַזאַ אופן דורכצושטעכן זיין האַרץ... אירע גע־פאַרבטע ליפּן זיינען קאָקעטיש און איראָניש צונויפגעלייגט אין אַ טרייבעלע: איר פאַרדריסט פאַרוואָס ער שענקט איר אַזוי ווייניק אויפמערקזאַמקייט. זי ווייס, אמת, סיי־ווי אַז ער איז צו איר ניט־גלייכגילטיק. ער נעמט זי גערן אויס אויף „לאָנטש", און אַמאָל אין אַן אָוונט אין טעאַטער אַריין. זי געדענקט נאָך גוט, וואָס ער האָט איר דאָס לעצטע מאָל, בעת זיי זיינען גע־ווען אויף אַ פאָרשטעלונג פון די ש ו ב ע ר ט־פּאַלליט אויף בראָדוויי, אַריינגעשושקעט אין אויער אַריין. יאָ־ אָבער איר פאַר־דריסט הלמאי ער איז עס אַזוי פאַרזיכטיק ביי דער אַרבעט אין אָפיס; הלמאי ער איז צו איר דעמאָלט אַזוי א י ב ע ר ג ע־ט ר י ב ן ־ גלייכגילטיק. אוודאי, זי איז נישט קיין נאַר, זי פאַרשטייט: ער איז דאָך אַ באַווייבטער; און דאָ — מען גייט פאַרביי, פרעמדע מענטשן אין אַרבעט־צימער, מען קען נאָך אָפּטראָגן אַ רכילותל... זי פאַרבייסט די אונטערשטע ליפּ. דאָך!...

ראַמבאַם אָבער באַמערקט נאָך אַלץ ניט איר חנדלען זיך, אירע שפּילעוודיקע אויגן. ער האָט, נעבעך, איצט אַנדערע זאָרגן. אפשר — אפשר זאָל ער טאַקע דאָרט, כאָטש לפנים וועגן, אָבי־סעלע אַן אַטאַקיר טאָן די „טרעקשאָן־קאָמיסיע"? ווייס איך וואָס... מער וועט אים נישט פעלן. ער וועט זיך שוין דעמאָלט מוזן געזעגענען מיט דער האָפענונג ווען ס'איז צו קריגן אַזאַ מין געשמאַקן ביסן. אָבער שאַ...

ער האָט זיך געגעבן אַזאַ האַסטיקן שטעל־אויף, אַז די סטענאָגראַפיסטקע האָט זיך שיעור ניט איבערגעשראָקן, גע־בליבן זיצן מיט אַן אָפן מויל. אַ געניאַלער איינפאַל, ווי איך בין אַ איד, אַ ראַמבאַמישער איינפאַל, באמת!... ער האָט דעם ענין אָנגעכאַפּט פאַר די הערנער! די טואונגען פון דער קאָמי־סיע וועט ער טאַקע ניט פאַרטיידיקן; ער וועט בכלל אויסמיידן

וועגן זיי צו ריידן אינם אַרטיקל. זאָלן די לעזער דענקען, אויב זיי ווילן, אַז ער איז אויך אויפגעבראַכט קעגן די אַרויסגעבראַכ־טע סקאַנדאַלן וועגן דער „טרעקשאַן־קאָמיסיע"... ער זאָגט דען, אַז ניין? דערפאַר אָבער וועט ער ריידן בעסער וועגן דער מ י ט ג ל י ד ע ר ש א פ ט פון אָט דער קאָמיסיע, באַווייזן ס'אַרא שיינעם פּאָליטישן רעקאָרד זיי האָבן, ס'אַרא פיינע „גע־זעלשאַפטלעכע מענער" זיי זיינען! אָ, דער איינדרוק וועט שוין דעמאָלט מוזן בלייבן: אייסיך, אַזעלכע אָנשטענדיקע און אומ־אייגננוצלעכע לייט ק אָ נ ע ן גאָרניט זיין פאַרמישט אָט אין יענע סקאַנדאַלן, וועלכע זיינען מכלומרשט אַרויסגעבראַכט גע־וואָרן! און צו דער זעלביקער צייט וועט יעדער איינער פון דער קאָמיסיע דערוויילע שוין אַריינכאַפּן אַ פיין שטיקעלע פּובליסיטי ווי אַן „אַדערויף" — זאָלן זיי זען, וואָס פון ראַמבאַמען קאָן מען דערוואַרטן...

ער האָט זיך הנאדיק אָנגעהויבן רייבן די הענט מיט די קור־צע קלעצלדיקע פינגער. זיינע אויגן האָבן אויפגעשיינט, אַ וואונק געטאָן צום מיידל — ס'איז דאָ, הייסט עס: מען נעמט זיך צו דער אַרבעט...

— אַלזאָ... אויך דער פערזענלעכער צוזאַמענשטעל פון דער טרעקשאַן־קאָמיסיע, און... און...

ער האָט זיך ווידער פאַרהאַקט, עפּעס גייט עס ניט ווײ־טער. ווי אַ פּאַפּוגאַי, האָט אים דאָס מיידל נאָכגעזאָגט:

— „אויך דער פערזענלעכער צוזאַמענשטעל פון דער „טרעקשאַן־קאָמיסיע"... וועל? ווייטער?

ס'איז געווען, ווי זי וואָלט זיך מיט אים גערייצט, אים געגעבן אָנצוהערעניש, אַז זי פאַרשטייט, וואָס עס טוט זיך ביי אים איצט אין קאָפּ... מיט ווייטאָג אַזש דערמאָנט זיך ראַמ־באַם: אַך, ווי נאַאיוו, ווי צוריקגעצויגן און באַשיידן אָט די חנעוודיקע מויד איז עס געווען בסך־הכל מיט אָנדערהאַלבן יאָר צוריק, ווען זי איז אָנגעקומען אַרבעטן אַהער! ווי איצט קלינגט אים אין די אויערן דאָס אומזיכער־דערשראָקן קול אירס, ווען

זי האָט געפרעגט אונטן, אין אָפיס, צי ס׳איז דאָ אַרבעט פאַר איר. זי איז דעמאָלט געווען ערשט אַ פּאָר חדשים אין לאַנד.

— אַנדערהאַלבן יאָר — און, גאָט מײַנער, וואָס פאַר אַן ענדערונג!... ווי העל־שרײַענדיק זי האָט עס איבערגעפאַרבט אירע האָר... אירע האָר בלויז? זי האָט, דוכט זיך, איר גאַנצע נשמה איבערגעפאַרבט אויף אַזעלכע געלע שרײַענדיקע קאָלירן...

ווען זי איז אָנגעקומען אין רעדאַקציע, האָט זי געהייסן מאַלקעלע; איצט אָבער האָט שוין אָט דער נאָמען ניט געטאָרט אפילו דערמאָנט ווערן: איצט האָט זי שוין געהייסן דווקא מיט אַן עכט־אײַרישן נאָמען, ווי עס האָט געפּאַסט פאַר אַ מיידל מיט אַזעלכע העל־געפאַרבטע האָר: זי האָט געהייסן מ ע ג ג י . . .

אינם פאַרדראָס, וואָס ער האָט איצט געפילט אויף זיך אַליין, איז געווען אָנגענעם זיך טשעפען צו אַנדערע, זוכן חטאים ביי אַנדערע, זאָגן מוסר, אויפוואַרפן, זיך כאַטש מיט דעם שטעלן העכער פאַר איר... ער האָט זיך אַזש געביסן די נעגל:

— אַך, ווי דעמאָראַליזירנדיק עס ווירקט די לופט פון ניו יאָרק דווקא אויף אָט אַזעלכע פרומינקע... ער, ראַמבאַם, האָט עס שוין לאַנג געזאָגט.

אָ, אַ סך, אַ סך זאַכן זאָגט ער, ראַמבאַם, פאַראויס אויף פריער!... ו ו אָ ס האָט ער געזאָגט? אָט וואָס:

— ב־נײַן... פון אָט דעם נאַכאַנאַנדיקן אידישן אויסוואַרצלען זיך קומט קיין גוטס ניט אַרויס... דאָס איבערפלאַנצן פון לעבעדיקע מענטשן גיט זיך זעלטן, זעלטן איין.

ב־נײַן... זאָלן „זיי״ שוין בעסער פאַרבלייבן אויף י ע נ ע ר זייט... זאָלן זיי כאַטש פאַרבלײַבן גאַנצע, נישט איבערגעבראָכענע און קאַליע־געוואָרענע באַשעפענישן! וואָס דען? ווידער צענדליקער טויזנטער אימיגראַנטן? ווידער — סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם, קאָמוניזם? ווידער — צאַפּלעניש, ווייענישן? ווידער — מיידלעך מיט איבערגעפאַרבטע האָר, מיט „פאַראײַרישטע״ נעמען? ניין, אפשר וועט גאָר פון די אימיגראַציע־גזירות בדיעבד נאָך אַרויסקומען אַ ברכה פאַר אונדזער לעבן דאָ...

— „טרעקשאַן־קאָמיסיע״... — חזרט די סטענאָגראַפיסטקע

אַלץ ווייטער איבער די פּאַר ווערטער זיינע, וועלכע זי האָט אַרונטערגעכאַפּט מיט אירע סטענאָגראַפּיע־העראָגליפן. — וועל, מר. ראַמבאַם? ווייטער?

ס׳איז אים געווען קלאָר: דאָס מאַכט זי פון אים חוזק, הלמאי ער קען איצט נישט קאָנצענטרירן זיינע געדאַנקען און דיקטירן איר דאָס ווייטערדיקע. אים דוכט זיך אויך, אַז אַלע, אַלע אין רעדאַקציע קוקן אויף אים איצט מיט שפּאָט און פאַרוואונדערונג, וואָס ביי אים איז פּלוצלונג קאַליע געוואָרן עפּעס אַ שרייפל אין מוח... כאָטש אין דער אמתן פאַלט גאָר איצט קיינעם ניט איין צו וואַרפן אַ בליק אפילו אין זיין זייט. — יעדער איינער איז פאַרטיפט אין זיין אייגענעם אַרויסקוועטשן פון דעם נישט־נאָכגיביקן מאַרך כאָטש אַ פּאָר געדאַנקען אויף דער פרעמדער און נישט־באַליבטער טעמע, וואָס דער רעדאַקטאָר האָט צוגעוואָרפן. מאַכט ער אויך אַן אָנשטרענגונג, ראַמבאַם, טוט זיך אויך אָן אַ כוח ווייטער צו שפּינען דעם איבערגעריסענעם פאַדים פון זיין אַרטיקל איבער דער פּאָליטיק אַרום דעם ניו יאָרקער סיטי־האָל. ער בייסט אַזש איין די נעגל פון אָנשטרענגען זיך.

— איז דעריבער... דעריבער האָט דער שטאָט־קאָנטראָליער... מיסטער אָ׳שעננסי... צוזאַמען מיט...

די ווערטער ציען זיך ביי אים אָבער ווי פון פעך. עפּעס דערפילט ער זיך אינגאַנצן אויסגעליידיקט, אויסגעשעפּט. ער ווייס ניט מיט וואָס פאַר אַן אויסרייד ער וואָלט איצט געקענט משלח זיין פון זיך די סטענאָגראַפיסטקע, פּטור ווערן פון איר. און עס איז פאַר אים אַן אמתע דערלייזונג, ווען עס באַווייזט זיך באַלד דאָס רעדאַקציע־אינגל מיט אַ פּאַק פרישע צייטונגען, ערשט פון די פרעס־צימערן אַרויס, און הויבט אָן אַוועקלייגן פאַר יעדן איינעם אויפן שרייב־טיש צו עטלעכע עקזעמפּליאַרן פון דעם אָקאָרשט דערשינענעם נומער.

אונטערן אויסרייד, אַז איצט מוז ער באַטראַכטן ווי עס איז אַרויסגעקומען דער היינטיקער נומער, שיקט ער אָפּ די סטענאָגראַפיסטקע אין איר רו אַריין. איינס־און־צוויי ווערט ער פאַרטיק מיטן דורכקאָנטראָלירן זיין היינטיקן מייסטער־ווערק. די

ערשטע זייט — דאָס אַרכיטעקטאָנישע געבוי פון טורעמדיקע „קעפּ", קעפּלעך, און אונטערקעפּלעך. אויסגעצייכנט! און ער וואַרפט זיך אַריבער צו די אינווייניקסטע, סאָלידערע זייט.

זיין אויפמערקזאַמקייט ווערט דאָרט באַלד צוגעצויגן צו אַן אַרטיקל אונטער דעם אַלאַרמירנדיקן קעפּל: „דער קריזיס אויפן אידישן ביכער־מאַרק — זיינע טיפערע סיבות". ראַמבאַם שלינגט איין דעם אַרטיקל מיט איין גרויסן זופּ, ווי אַ דורשטיקער אַ קאַלטן טרונק וואַסער; און, פּונקט ווי יענער דורשטיקער, הויבט ער גלייך אָן צו שוויצן פונם שנעלן לייענען. דאָס אַרטיקל האָט אים, ווייזט אויס, שטאַרק פאַראינטערעסירט. לייענענדיק, הויבט ער זיך אַזש פון אָרט, מאַכט נערוועזע העויות מיטן גאַנצן פּנים זיינעם.

— אַהאַ! — שפּרינגט ראַמבאַם ענדלעך אינגאַנצן אויף פון זיין פּלאַץ. — נו, דאָס האָב איך דאָך זיי שוין לאַנג געזאָגט... „דער קריזיס אויפן היגן אידישן ביכער־מאַרק איז אַ פּערמאַנענטער..." אוודאי אַזוי! ס'איז דער קריזיס פונם גאַנצן היגן קולטור־לעבן, — גלאַנצן אים בייז אויף די אויגן, ווי ער וואָלט טריאומפירט איבער עפּעס אַן איינגעשפּאַרטן שונא, — הערסט? דאָס טענה איך דאָך שוין פון לאַנג! — וואָס פאַר אַ ווערט האָט זייער גאַנצער בנין — אַ בנין, וואָס איז אויפגעשטעלט אויף הינער־פיסלעך, אויף אַ פונדאַמענט פון טרוקענע, זיך־צעשיטנדיקע זאַמדן?!

דריטער קאַפּיטל.

מענטשן קומען כלומרשט טרינקען קאַווע, און טוען גאָר עפּעס אַנ־דערש. — אייניקע לייענער וועלן אפשר זאָגן: זיי טוען עס געוויס מחמת אַמעריקאַנישער זאַטקייט און ווייל זיי האָבן נישט קיין וויכטיקערע דאגות אויפן קאָפּ. — אָבער אַנדערע, און ווייני־קערע, וועלן מעגלעך אַ טראַכט טאָן: אפשר דערפאַר, ווייל טיף אינווייניק טוט זיי עפּעס ווי — גאָר, גאָר שטאַרק ווי? די יעניקע לייענער, פאַר וועמען דאָס לעבן און די קאַריערע פון משה ראַמבאַם קאָנען זיין אינטערעסאַנט, דערוויסן זיך אין אַט דעם קאַפּיטל נאָך אייניקע פּרטים דערפון. — אַ וואונדערלעכע צייט געווען...

א.

דאָס מאָל, אַרום מיטאָג־צייט פון אַ זוניקן שפּעט־ווינטער־דיקן טאָג, איז מ. ראַמבאַם אַריין אין שרייבערישן קאַפע־הויז מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט טראַציקע אַרויסרופנדיקע בליקן. אָ, היינט איז ע ר געווען אַ שטיקל זיגער! אויב ניט דער גאַנצער!

ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן גוט־ברודעריש, כאַטש מיט אַ מעכ־טיקער, ברייטער און פליישיקער האַנט איבער דער פּלייצע דעם, יענעם פון זיינע קאָלעגן־פּאָעטן, אייגנטלעך, מער אַמאָליקע קאָ־לעגן זיינע איידער איצטיקע.

— העלאָ, לאַנדסמאַן... העלאָ, מיסטער מעק־רובינשטיין... ווי גייטס? נו, וואָס, באַיעלעך, שוין מיט אַ פּאָר טריט נענטער צו דער אומשטערבלעכקייט, ווי?

מען ענטפערט גאָרנישט, אָדער מען ברומט אַרויס עפּעס ניט־צופרידענע קלאַנגען: עס פאַרדריסט די טראַציקע זיכער־קייט פון ראַמבאַנס שטים... ראַמבאַם אָבער אַליין באַמערקט עס ניט, אויף קיין ענטפער האָט ער סיי ווי ניט געוואַרט. ער קוקט שוין איצט אין אַן אַנדער ריכטונג.

קיין אָרט ביי אַ טישל האָט ער דערווייל נאָך ניט אויסגע־קליבן, ניט פאַרנומען. מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן — כאָטש סוטולעוואַטע איז ער אים פונדעסטוועגן נאָך אַלץ פאַרבליבן — איז ער אַ ווײַלע געשטאַנען אַזוי ניט ווייט פון דער טיר, באַ־טראַכט דעם אַרומיקן הודזשענדיקן בינשטאָק כמעט ווי מיט אָד־לער־בליקן... הערשעריש, נצחונדיק! דער אָדלער ראַמבאַם האָט זיך דערווייל ערשט אַרומגעקוקט, זיך ערשט אויסגעזוכט אַ ווינקל — אַ שטאָלצן פעלז, אַ הויכן באַרג־שפּיץ, וואו עס זאָל אים פּאַסן אַרונטערצונידערן.

אָ, אוודאי, דאָס איז בלויז היינט געווען אַזוי... געוויינט־לעך, אין אַט יענע טעג, ווען ער כאַפּט זיך נאָך דער אַרבעט, אַ מידער און דענערווירטער, אויף אַ ווײַלע אַריין אַהער, קומט ער אַריין מיט אַן איינגעהויקערטער פּלייצע. זיין פליכיקער קאָפּ איז דעמאָלט טיף אַריינגערוקט, ווי ביי אַ טשערעפּאַכע, צווישן די ברייטע אַריבערהייגנענדיקע אַקסלען. ער זעצט זיך דעמאָלט אַוועק ערגעץ ביי אַ זייטיקן טישל, סאַמע אין הינטערגרונט פונם רעסטאָראַן, נעבן די צונויפגעלייגטע פּעק ריין־געפּרעסטע האַנטוכער און סערוועטקעס, נישט ווייט פון דער קיך...

יאָ, אוודאי, דאָס איז בלויז היינט געווען אַזוי, ווייל גע־וויינטלעך פילט ער זיך דאָ, צווישן אַט די מונטערע און פאַר־אויסגייענדיקע חברים זיינע, דערשלאָגן און איבעריק: ווייס ער דען ניט אַליין, אַז זיי באַטראַכטן אים, טיף אין האַרצן, שוין לאַנג ווי אַ „געוועזענעם״? ס׳מאַכט ניט אויס וואָס ער אַליין, ראַמבאַם, ווייס דאָך ביי זיך, איז איבערצייגט, אַז ער איז כלל ניט קיין „אָפּגעבליטער״. אַז פאַרקערט: ער איז אַ ל י י ן פון אַלץ אָפּגעגאַנגען, — איז אָפּגעגאַנגען נאָך ביי די פולע בעס־טע כוחות זיינע... אָבער וואָס קומט אים אַרויס וואָס ע ר טראַכט! ער וועט שוין זיך אוודאי קיינמאָל ניט דערשלאָגן דערצו, אַז זיינע טייערע קאָלעגן, וואָס לויערן אַזוי געטריי אויף יענעמס דורכפאַל, זאָלן באַטראַכטן זיין אַנטשוויגן ווערן אויך פונם זעלביקן קוק־ווינקל וואָס ער...

יאָ, אַזוי איז עס תמיד. אָבער היינט — היינט איז דער־פאַר געווען עפּעס גאָר אַנדערש!

ווייל אַז עס גייט, גייט עס שוין פון טיר און פון פענצטער. דאַרף ער שוין היינט גלייך ביים אַריינקומען דערוויסן זיך אַ פריילעכע בשורה — נו, אַלנפאַלס: אַ בשורה אַ דערמוטערנ־דיקע... און נעמלעך: מען גיט אים איבער, אַז שאול דער ווייסינ־קער, שאול ווילדען, איז די טעג אַריינגעטראָטן אין אַ רעדאַקציע פון איינעם אַ טאָגבלאַט ווי אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער.

— אויך דערווייל...—אינפאָרמירט אים אַ יונגער קאָלעגע, פּערל. דאָס איז אַ דיכטערל, וואָס חוץ דעם, וואָס ער פאַרמאָגט אַ מיידעלשן נ אָ מ ע ן, האָט ער טאַקע אויך אַ צאַרטינקן פּנים פון אַן אומשולדיק מיידל. — אויף דערווייל... בלויז אויפן אוגערקע־סעזאָן... אַ דאָרטיקער שטענדיקער מיטאַרבעטער איז אַוועקגעפאָרן אויף איבערן זומער קיין איראָפּע, האָט מען אַריינגענומען ווילדענען... ער וועט אָבער דאָרט טאָן אַ ליטעראַ־רישע אַרבעט — ער וועט דאָרט בלויז „מאַכן" דעם ראָמאַן...

דער דאָזיקער „פּערל" — ער פּילט זיך נעבעך שולדיק קעגן חברים־דיכטער, הלמאי ער האָט שוין ביי די ערשטע דיכ־טערישע טריט פאַרראָטן די קונסט, זיך גלייך פאַרקויפט ווי אַ „האַנט" אין רעדאַקציע. אומבאַוואוסטזיניק זוכט ער דעריבער נאָך „געפאַלענע", נאָך קרבנות.

די אויגן גלאַנצן זיך פאַנאַנדער ביי ראַמבאַמען מעפּיס־טאָפעליש־קלוג.

— אויף „דערווייל?"... אַ, מען ווייסט שוין! מען ווייסט שוין וואָס עס הייסט דער דאָזיקער „דערווייל"! און ווער ווייס עס נאָך אַזוי גוט, ווי ער אַליין!

ס'איז גענוג אַריינצושטעלן בלויז איין פוס אין דעם דאָ־זיקן זומפּ — ער איז אַזוי וואַרעם און ווייך, אַזוי פאַררעטעריש־לאָקנדיק און אַזוי מחיהדיק־באַקוועם — אַז מען זינקט שוין אינגיכן אין אים אַריין גאָר אינגאַנצן מיט האַק־און־פּאַק, אינ־איינעם מיט אַלע „נשמה־טיפענישן" און „אינטימע ווינקלען", וועלכע מען שמועסט זיך איין צוערשט, אַז מען וועט זיי אָפּ־היטן פאַר זיך — אָפּהיטן ריין און ציכטיק אינם אַרומיקן גאָל־דענעם זומפּ. אָבער דערנאָכדעם...

ב.

ביים צענטער־טיש, וואו ראַמבאַם זעצט זיך ענדלעך — דאָס מאָל — אַנידער, איז טומלדיק און ליאַרעמדיק, כאָטש געווי פּונקט אַזוי טומלדיק און ליאַרעמדיק איז דאָן דאָרט געווען אויך מיט צוויי וואָכן צוריק, מיט דריי חדשים, מיט פינף יאָר פריער...

ס׳מאַכט דעם איינדרוק, דער עיקרשט אויף איינעם, וועלכער איז דאָ אַ לאַנגע צייט ניט געווען, און וועלכער טרעפט דאָ אַלץ, דוכט זיך, פּונקט אַזוי ווי ער האָט עס דאָס לעצטע מאָל איבער־געלאָזן — עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי דער ז ע ל ב י ק ע ר עולם וואָלט געזעסן דאָ נאָכאַנאַנד אַזוי, געזעסן גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט, געזעסן דורך וואָכן און חדשים, געזעסן און דיס־קוטירט אוודאי עפּעס זייער און זייער אַ וויכטיקן ענין — אָבער, ווייזט אויס, אַלץ איין־און־דעם־זעלבן וויכטיקן ענין...

מען בייסט זיך, מען צופּט זיך מיט איידעלע אַגצוהערע־נישן, מען לאָזט אַריין דעם צווייטן „שפּילקעס", וועלכע טרעפן אַזש אין דער זיבעטער ריפּ אַריין. מען האַלט אין איין „פּאַר־ניכטן" איינער דעם אַנדערן. די גראָב־הויטיקע טוען עס עם־האַרציש דירעקט, מיט כאַמישער „אָפנהערציקייט"...

— קאָ... דו איינער! אַזאַ יאָר אויף מיר ס׳אַראַ גרעסע־רער טאַלאַנט איך בין פון דיר...

— יאָ, — ענטפערט דער צווייטער מיט לאַכעדיקע שפּי־זעלעך אין די אויגן, — ס׳איז טאַקע אַזוי... איך בין מסכים... אָבער וואָס קומט דיר אַרויס דערפון? אַז מיר ביידע זיינען די איינציקע צוויי מענטשן אויף דער גאָרער וועלט, וואָס האָבן אַזאַ הויכע מיינונג פון דיין טאַלאַנט...

.. די קליגערע, די איינגעהאַלטענערע שרייבער שמייכלען זיך אין די וואָנצעס אַריין; זיי מישן זיך ניט — זיי זיינען צופרידן וואָס י ע נ ע דאָרטן רייסן זיך ביי די טשופּרינעס... אַז ניט, נעמען זיי גאָר אויף זיך די עובדה פון רודף־שלומניקעס און פשרה־מאַכער — און קלוגיטשקע און געניט ריידן זיי אַזוי אַרו־מעט נאָך מער אָן די זיך־קריגנדיקע צדדים איינע אויף די אַנ־

דערע... אַליין בלײַבן זײ שוין דערנאָך אָן־אַ־זײַט — מיט אַ חשובער מינע, מיט אַן אומשולדיקער מינע, מיט אַ הייליקער מינע.

פאַר ראַמבאַמען איז דאָס אַלץ קיין נאָווינע ניט. ער קוקט זיך אַרום. דאָ זיצן איצט אַ סך אָנגעזעענע שרייבער, דאָ זיצט איצט די סאַמע סמעטענע פון דער אידישער ליטעראַטור. ביים דאָזיקן טיש איז איצט דעריבער שרעקלעך־ענג — נישטאָ ממש וואוהין אַ שפּילקע אַרייננצושטעקן. פונדעסטוועגן, געפינט זיך דאָרט אויף פאַר ראַמבאַמען באַלד אַן אָרט ממש ווי דורך אַ נס! אים ווערט דעריבער נאָך קלאָרער, אַז היינט איז אין קאָפּע־הויז זיין טאָג... ווי דאָס האָבן זיך עס אַלע שטולן ספּעציעל אַזוי צונויפגערוקט, צונויפגעקוועטשט, כדי צו מאַכן אַן אָרט פאַר אים — יאָ, ער איז דאָ היינט זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט, זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט...

ער, ראַמבאַם, נעמט זיך דעמאָלט אָן מיט נאָך מער מוט, לייגט אַרויף וואוילערווענעריש, מעשה איבערגעגעבענער חבר, זיין דיקע האַריקע האַנט אויף דער פּלייצע פון איינעם זייער אַ פּאָפּולערן ראָמאַניסט — אַ שרייבער, וועלכער האָט פון זיינע זאַכן, נישקשה, אַ שפּאָר ביסל עולם־הזה; פון איינעם אַ שריי־בער, וועלכער האַלט, אפנים, אַ סך מער פון עושר און הרחבה אין דער אייגענער האַנט איידער פון כבוד — אין אַ פרעמדער... מיט זייער אַ צוגעלאָזענעם, גוט־ברודערישן שמייכל — וואָס עס קומט ראַמבאַמען גאָר ניט גרינג אָן אַרויסצוברייינגען אויף זיינע דיקע בייזע ליפּן, — פרעגט ער ביי יענעם, וואָס ער מאַכט, ווי גייען אים עפּעס די געשעפטן.

דער פּאָפּולערער ראָמאַניסט פאַרריכט דעמאָלט מיט ביידע הענט די ריזיקע האָרן־ברילן אויף זיין מוראַדיק־ברייטן חוטם, ווי דאָס וואָלט עס אים געדאַרפט גרינגער מאַכן דאָס ריידן — און שטעלט אָן אויפן פרעגער אַ רחמנותדיקן־דערשלאָגן פּנים.

— שלעכט, קאָלעגע... זייער שלעכט. איר ווייסט דאָך, חבר ראַמבאַם — גיט ער חניפהדיק־באַשיידן אַ שמייכל ראַמ־באַמען מיטן וואָרט „חבר" — עולם הבא, אומשטערבלעכקייט, כבוד און די אַלע אַנדערע שמאָכטעס, — דאָס, ברוך־השם,

זשאַלעוועט נישט דאָס פאָלק ישראל זיינע געטרייע שרייבער־קינדער... אָבער אָט, אַביסעלע פרנסה! אָך, אַביסעלע עולם־הזה! דאָס, זעט איר, איז שוין ביי אונדז גאָר אַן אַנדער ענין — גאָר, גאָר אַן אַנדערער...

— א... — פאַרענדיקט ער מיט אַ פרומען, „קינסטלעריש"־אומבאַהאָלפענעם גלאָץ מיט די דיקע שפּאַקטיוון פון זיינע ברילן, — א, ווען מען זאָל ענדלעך קענען אויסגלייכן אַ קאַפּיטש־קע די ביינער! איך בין דאָך שוין אַן אַלטער מאַן... שוין צייט, שוין לאַנג צייט...

ראַמבאַמס מויל פאַרקרימט זיך אין אַ פאַרעכטלעכן שמייכל. איז עס אים כאָטש געלונגען צו באַהאַלטן אים ווי געהעריק איז, דעם דאַזיקן שמייכל? הם, אַזאַ מנוול... נישקשה, ער איז אויף אים אַ מבין, ראַמבאַם, — נאָך ווי... דאָס מאַכט דאָך אומישנע אַזאַ מין אָנשטעל פון אומבאַהאָלפנקייט און פאַרלאָרנקייט! ערשטנס, איז מען דעמאָלט דעם צווייטן ניט אַזוי אויפפאַלנ־דיק מיט דער אייגענער הצלחה, רייסט מען יענעם ניט אַזוי שטאַרק די אויגן. און צווייטנס — צווייטנס, טוט עס אָט דער מנוול אַוודאי מיט אַן אויסרעכענונג, — כדי אַרויסצוקריגן גו־טע קריטיקן, אָדער כאָטש גוטע נאָטיצן וועגן זיינע ווערק: וואָרום ווי באַלד, אַז זיין מצב איז נאָך אַ נישקשהדיקער, וועט אים דאָך חברה דעמאָלט זיכער ניט פאַרגינען אויך די לאָרבער־בלעטער פון אַ קינסטלער!...

— אָ, די דאַזיקע ווערימדיקע חברה — קאַרטשעט זיך גיפטיק אין ראַמבאַמען ווי אַ צעהאַקטע שלאַנג זיין לאַנג־יאָ־ריקער ווידערווילן צו די אַמאָליקע קאָלעגן — ווי גוט ער זעט זיי עס, אַזוי דורך און דורך, מיט אַלע זייערע אָנשטעלן און „ברע־כענישן", מיט זייער גאַנצן אייביקן פּאָזירן: קיינמאָל, קיינמאָל קיין וואָר וואָרט נישט, קיינמאָל, קיינמאָל נישט שטאַנדהאַפטיק... אומזיסט האָט ער תמיד געזוכט דאָס מענטשלעכע אין זיי, דאָס כאַראַקטערפולע — עס צעקריכט דאָך אַלעמאָל אונטער די הענט, ווי עפּעס אַ שליימיקע שנעק... מיאוס, מיאוס!

אַז ער אַליין, ראַמבאַם, פלעגט אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען ער איז נאָך אַליין געווען „אַקטיוו", מאַכן פּונקט די זעלביקע

פאַלשע אָנשטעלן; אַז ער אַליין פּלעגט אויך גאָר ניט זיין אַ סך ריינער און אויסגעהאַלטענער — דאָס, פאַרשטייט זיך, האָט ער שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסן... ס'איז דאָך געווען אַזוי לאַנג צו־ריק... ס'איז אים געווען אָנגענעם צו טראַכטן, אַז ער איז — איצט, לכל־הפּחות — גאָר, גאָר אַנדערש פון „זיי"; ער ה אָ ־ ר ע ו ו ע ט דאָך לכל־הפּחות, ער טוט „ווירקלעכע" אַרבעט, נישט קיין איינגערעדטע. יאָ, צייטונגס־אַרבעט, אין וועלכער עס נויטיקן זיך טויזנטער, צענדליקער טויזנטער מענטשן!

ג.

עס רינגלען זיך אַרום אים פלעכטלעך געדיכטע פון בלויען און גרויען ציגאַרן־רויך, ווערטער־נעפּל, קולות־געמיש... זיך־דריווו־לענדיקע רינגעלעך פון רויך דרייען זיך, וועבן אים אַרום, טראָגן ראַמבאַמען ערגעץ אַוועק.

ער רוקט זיך אָפּ, ער גייט אָפּ... ער דערווייטערט זיך פון דעם אַרומיקן לעבערדיקן טומל און געדיכטע קנוילן ציגאַרן־רויך. דווקא אין אָט דעם געפילדער אַרום איז עס ראַמבאַמען אַזוי אָנגענעם צו פאַרטיפן זיך אין זיך, אין זיין „אַמאָל", וואָס איז אפשר גאָר ניט אַזוי ווייט צוריק אָפּגערוקט אין צייט, כאָטש אים דוכט זיך, אַז דאָס איז שוין געווען מי יודע ווי לאַנג צוריק — אפשר מיט צענדליקער און צענדליקער יאָרן צוריק.

עד, אָט יענע צייטן, ווען ער און זיין נאָענטסטער פריינט שאול ווילדען, ביידע דעמאָלט נאָך גאָר יונגע מענטשן מיט פרישער פייכטקייט אין די אויגן — און אינם גאַנצן גוף — האָבן צוזאַמען אויפגעהויבן די פאָן פון אויפשטאַנד קעגן די „אַלטע"... ס'האָט געהייסן:

— גענוג שוין די פאַרעלטערטע, פאַרשימלטע יאַמבען און טראָפּייען — געגוג שוין לידלעך פאַר שוסטער און שניידער בלויז!

— גענוג שוין די פראַקלאַמאַציע־פּאָעזיע פון די באָווּשאַ־ווערס און די עדעלשטאַדטס — געגוג שוין די דערעסן־געוואָרענע פיר־שורהדיקע קעסטעלעך, וואָס האָבן געהאַלטן פאַרשפּאַרט די

דיכטערישע גייסטער פּונקט טאַקע ווי די תּפיסהדיקע וואוינונגס־קאַסטנס פון ניו יאָרק — זייערע גופים... מער רוים פאַר אויג, און מער רוים פאַר נשמה!

— געגנוג שוין די שמאָלע שורהלעך — שמאָל סיי אין פאַר־נעם און סיי אין אינהאַלט — פּונקט טאַקע ווי די צעלן־קעמערלעך פון די ניו יאָרקער טענעמענט־הייזער... גיט אונדז ברייטע שורות, מיט אַ מעכטיקן שטראָמיקן אימפּעט, ווי עס איז מעכטיק דער שטראָם פון דער מיסיסיפּי... שורות, וואָס פאַרמאָגן אין זיך אַזאַ זעלבסט־זיכערע קעניגלעכע פּראַכט, ווי די ברייטע וואַסערן פונם האַדסאָן!

— געגנוג שוין זיך אַליין, צו פאַרשפּאַרן און אָפּזונדערן — לאָמיר אַוועקשטעלן אונדזער פּאָעזיע אין איין ראַנג מיט דער וועלט־פּאָעזיע! לאָמיר אַריינברענגען נייע פאָרמען, נייעם פערז־געבוי — טערצינען גיט אונדז, טריאָלעטן, סאָנעטן, סאָנעטן־רינגען!...

יאָ, טערצינען און טריאָלעטן, האַדסאָן און מיסיסיפּי... נישט ווייניקער! אַך, גאָט מיינער, וויפיל גלויבן, וויפיל פייער זיי האָבן עס דעמאָלט פאַרמאָגט! טאַקע זיי ביידע — סיי ער, ראַמבאַם, מיט זיין אָקסישן קאַרק און טרעגערישע פּלייצעס; און סיי זיין חבר ווילדען, מיט זיין לאַנגן, שמאָלן, אויסגעצויגן העדלזל ווי ביי אַ בייזן גאַנער און מיט די דאַרינקע פּלייצעלעך, ווי ביי אַ קלויזניק אַ באַנק־קוועטשער.

אין יענער צייט טאַקע זיינען זיי עס צוגעטראָטן אַרויסצו־געבן אָט יענע מאָגערע זאַמלהעפטלעך — די „פינגווינען”. צו־געטראָטן צו דער אַרבעט כמעט אָן איין פּרוטה אין קעשענע, אָן אַ גראָשן ביי דער נשמה, — אָבער מיט אַ סך גאָלד אויף דער נשמה... איז וואָס־זשע האָבן זיי געטאָן? מען האָט גענומען און פאַרזעצט אין לאָמבאַרד די עטלעכע שטיקלעך מאָגערע צירונג פון די אייגענע ווייבער. פון זיך אַליין איז דאָך ניט געווען וואָס צו פאַרזעצן. כאָטש נעם אַרונטער, במחילה, די איינציקע פּאָר הייזן! דערצו איז אויך געלונגען צו קריגן דערנאָך עטלעכע דאָלער אויפן מאָריס־פּלאַן.

און דערנאָך, אין פאַרלויף פון וואָכן און חדשים, האָט מען ערשט געשוויצט איבער די קאָרעקטור־בויגנס נעכט גאַנצע, נעכט נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג אין שאָפּ. אָדער — די גרינע קאָ־לעגן — אַפּילו שוין נאָך אַ פּאָר שעה פאַרבראַכטע אין דער אָוונט־שול, וואו מען האָט אויף אַ שפּיץ־מעסער זיך געלערנט אַ ביסל ענגליש. און—מען האָט זיך געפּילט פונדעסטוועגן (אין אָט יענעם טאָג, ווען מען האָט ענדלעך מיט די אייגענע הענט פול ליבשאַפט אַרומגעטאַפּט דאָס ערשטע פריש־אָפּגעדרוקטע העפטל פון די „פינגווינען") פונקט אַזוי גליקלעך און פריידיק־אויפגערודערט ווי אין אַן ערשטן פרילינג־טאָג.

איז וואָס, אַז מען איז דערנאָך ערשט, נאָך אַלע פריערדי־קע הערעוואַניעס, וואָכן גאַנצע אַרומגעלאָפן צו אַלע פאַרלעגער אין שטאָט און ממש רחמים געבעטן זיך, מען זאָל צונעמען כאָטש אַ טייל עקזעמפּליאַרן? איז וואָס, אַז דאָס רוב ביכלעך „פינגווינען" איז סוף־כל־סוף פאַרבליבן ביים איינבינדער — פאַרבליבן טאָקע ביז אויף הייניקן טאָג, ווייל ס'איז ניט גע־ווען קיינמאָל קיין געלט, מיט וואָס זיי אַרויסצונעמען?

יאָ, אַ וואונדערלעכע צייט געווען... כאָטש איצט, אין אַ רייפערן עלטער און אין ניכטערע יאָרן, מעג זיך ראַמבאַם טאָקע פאַרשטיין: הינטער אָט דעם אַלעמען האָט אפשר אומבאַוואוסט־זיניק געשטעקט ניט קיין פיל־דערהויבענערער געפיל, ווי דער פּשוטער פאַרלאַנג צו פאַרנעמען אַן אָרט „אונטער דער זון" — אונטער דער חושבדיקער זון פון דער אידישער ליטעראַטור אויף איסט בראָדוויי... יאָ, ס'קען טאָקע זיין. איינס אָבער מוז ער דאָך אַפּילו איצט צוגעבן:

— דעמאָלט, ערשט דעמאָלט האָט ער געלעבט... דעמאָלט, און קיינמאָל שפּעטער, האָט ער פאַרזוכט דעם א מ ת ן טעם פון לעבן!

נו, און וואָס איז געוואָרן פון דעם אַלעמען דערנאָך? ס'איז אַוודאי געווען זייער אַ ביטערער קאַמף... אַלע חברים זיינע — סיי די, אָס זיינען געשטאַנען מיט אים און סיי יענע, וואָס זיינען געווען קעגן אים — האָבן ביסלעכווייז טאָקע פאַרנומען אַן אָרט אונטער דער זון, אונטער דער אומעטיק־קויטיגלעכער,

אָבער היימישער זון פון דער אידישער ליטעראַטור אויף איסט בראָדוויי. מער נישט ער, ראַמבאַם, — אים האָט זיך פאַרוואָלט מיטאַמאָל צו פאַרנעמען אַ „סטענדינג" ניט אין דער ליטעראַטור, נאָר אין דער אידיש־אַמעריקאַנישער געזעלשאַפט — אַ ווייטערער און אויסגעשפרייטערער באַגריף פון זעלביקן „איסט־בראָדוויי". און דאָ האָט ער גלייך געמוזט איינזען:

— פון די איבעריקסטע — ניין, פון די טויטסטע מענטשן אין אָט יענע קרייזן איז אַ אידישער דיכטער — אַ „דזשוּאיש ראַיטער"...

און חוץ דעם... חוץ דעם איז ראַמבאַם שוין פשוט געווען טויט־מיד פון אַלע זיינע וואַנדלונגען און גלגולים ביז דעמאָלט: ס'האָט זיך אים אפשר פשוט פאַרבענקט נאָך רו אַביסעלע — אין זיך. נאָך פעסטקייט און איינגעפונדעוועטקייט אַ קאַפּיטשקע — אונטער זיך; און נאָך אַביסל וואַרעמקייט — אַרום זיך...

יאָ. אַן אַלטע זאַך. זייער און זייער אַן אַלטע זאַך.

ד.

די רינגען רויך קנוילן זיך און דריוולען זיך. די פריערדיקע מענטשן האָבן זיך אויפגעהויבן פון אַרום דעם קאַפע־טיש, נייע האָבן זיך אַנידערגעזעצט. אַ נאָכאַנאַנדיקע וואַנדערונג איז דאָ פאָרגעקומען: אַן אומרואיקע וואַנדערונג אויף איין און דעם זעלביקן אָרט...

ביים צענטער־טיש איז וואָס אַ מינוט געוואָרן אַלץ ענגער — געדיכטער דער טומל, שטיקנדיקער דער רויך, פאַרפלאָנטערטער דער שמועס. איינער איז אַריינגעפאַלן דעם צווייטן אין די רייד אַריין, איין שמועס איז אומדערוואַרטעט אַרויסגעוואַקסן פונם צווייטן און אַריינגעוואַקסן אינם צווייטן, קיינער האָט נישט געהערט און נישט געוואָלט הערן דעם צווייטנס ווערטער — ס'האָט זיך גערוכט ווי יעדער איינער ביים טיש האָט גערעדט בלויז פאַר זיך אַליין.

ביי עטלעכע זייטיקע טישלעך האָבן צייטונגסלייט זיך איבערגעוואָרפן מיט הויכע רייד וועגן די פרישע נומערן פון זייערע

בלעטער, וועלכע זיי האָבן היינט אינדערפרי אַרויסגעלאָזט. זיי האָבן זיך געהאַלטן ווייט פונם צענטער־טיש, פונם „ליטעראַטור־טיש”. זיי האָבן געקוקט אַהין אייפערזיכטיק אי מיט קנאה — די „אומשטערבלעכע”! — אי מיט ביטול, פון אויבן אַרונטער: די עשרה־בטלנים, די בעטלער, די שלעפּערס...

— העי, דו, לאַפּאַצאַן... — האָט אַ זשורנאַליסט אַריבער־געשריען גרויסמוטיק צו אַ קאָלעגע ביים שכנותדיקן טישל, וועל־כער איז געזעסן מיט די בליקן פאַרטיפט אינם ברייט־צעעפנטן ברוין־איינגעפרעגלטן קיפערד־הערינג מיט ציבעלעס אויף אַ היבשן פאַלומעסיק פאַר זיך. — איר האָט דאָרט היינט אַ געלונ־גענעם עדיטאָריעל וועגן דער דייטשער לאַגע...

— עדיטאָריעל? — האָט יענער געשלונגען בריענדיקע שטיקער קיפערד־הערינג. — איך האָב שוין ניט געלייענט די אידיאָטאָריעלס אין מיין בלאָט פאַר די לעצטע דריי יאָר... וואָס דערוואַרטסטו, איך זאָל נאָך אַליין לייענען דאָס בלאַט? וואָס ווילס־טו, בן־פּקועה דו, איך זאָל שוין גאָר פאַרטעמפּט ווערן? גענוג פאַר מיר, וואָס איך בין געצוואונגען איבערצולייענען די פאַר קאָלומס וואָס איך אַליין מוז אָנשרייבן...

דער „בן־פּקועה” — אַ קרעפּטיק נידעריק אידל, וואָס איז איז געוואַקסן מער אין דער ברייט, ווי אין דער לענג — האָט זיך לוסטיק פאַנאַנדערגעהירזשעט. אים איז געפעלן דעם „לאַפּאַ־צאַנס” זשעסט פון אָפּנהערציקייט. און צוריקגערעדט—פאַרוואָס זאָל ער אים ניט גלויבן? לייענט ער עס דען אַליין י אָ זיין אייגענע ציילונג? אָ, זיי, די קוכערס אַליין, האָבן גוט געוואוסט וואָסערע פּאַטראָנעס עס ווערן ביי זיי אין די ציילונג־קיכן גע־נוצט, ווי אַזוי זיי ווערן געמאַכט — נישקשה, זיי האָבן נאָך גע־האָט גענוג שכל און געשמאַק אויסצוהיטן זייערע אייגענע גומענס און נעזער... זעלטן ווער פון זיי האָט אַליין געלייענט די סאַמע נומערן פון די ציילונגען, וואָס זיי האָבן זעלבסט געהאָלפן אין צוזאַמענשטעלן.

זיי האָט פאַרדראָסן, וואָס ראַמבאַם האָט זיך איצטיקס מאָל ניט צוגעזעצט צו זייערע טישלעך, איז אַוועק צו די „דיכטערליב־גען”... אָבער ראַמבאַם האָט עס אַלץ ניט באַמערקט. ער האָט דאָך

אויך געפירט איצט אַ שמועס — זיין אייגענעם שמועס, בלויז זיך אַנפאָרן... איז וויפיל איז טאַקע דער שיעור ?

— יאָ, אַ „סטענדינג" אין דער געזעלשאַפט... אַביסעלע רו און זיכערקייט... סך־הכל ? יאָ, אפשר טאַקע — מער נישט.

ווייל דעם אמת מוז מען דאָך צוגעבן. ער האָט שוין ביז דעמאָלט געזוג געהאַט באַוויזן אַנצוהאָרעווען זיך, אַנטומלען זיך, זיך אַנפאָרן... איז וויפיל איז טאַקע דער שיעור ?

פאַר די עטלעכע יאָרן זיינע אין אַמעריקע האָט ער זיך שוין גענוג געהאַט אַרומגעוואָרפן פון אַרבעט צו אַרבעט, פון פאַך צו פאַך, פון באַשטרעבונג צו באַשטרעבונג. די פאַרשיידענע מלאכות, די אַלערליי אַרבעטן אין פאַבריקן און שעפער, וואָס ער האָט איבערגעטאָן אין די ערשטע יאָרן פון זיין אַנקומען קיין אַמעריקע — נו, וועגן זיי איז גוט צו דערמאָנען זיך טאַקע נאָר אין פריידן. ווייל וואָס האָט ער דען שוין ניט געהאַט איבער־געטאָן ?

ער האָט בחורוויז נאָך געהאַנדלט אויפן מאַרק מיט אַ פוש־קאַרט עפל, פון וואָס ער פלעגט קיינמאָל ניט האָבן גענוג אפילו אויף אַן אָרים־בחורשער עקזיסטענץ — און האָט געשריבן אין די אָוונטן פאַר די קינאָ־געזעלשאַפטן סצענאַריאָס, וועלכע פלעגן עפּעס קיינמאָל ניט אַריינפאַלן אין די ריכטיקע הענט, פלעגן תמיד שפורלאָז פאַרשווינדן אין מיטן וועג צו זייער גאָלדיק־פאַרביקן ציל, — ערגעץ אינם פאַרפלאָנטערטן לאַבירינט פון דעם קאָמפּליצירטן אַפּאַראַט פון אַ מואווינג־פיקטשור־פירמע.

ער האָט געהאַט איין צייט, אַ וואָסערע 5—6 חדשים נאָכ־אַנאַנד, געשריבן לייט־אַרטיקלען, פאַר אים אַליין אומפאַרשטענד־לעכע, אין עפּעס אַ זשורנאַל פאַרן צוקערקעס־פאַך — און איז אַ לענגערע צייט אויך ארומגעגאַנגען איבער די הייזער אין אַ ווייטן געגנט פון בראָנזוויל און פלעגט דאָרט פאַרקויפן וועש און בעטגעוואַנט אויף אויסצאָלן. יאָ, ער איז דאָך שוין געווען אפילו אַן אַקטיאָר אויך ! אמת, בסך־הכל אַ „נאָמבער־פייוויניק,*)

---

*) אַ מיטגליד פון דער אַקטיאָרן־יוניאָן, נומער פינף : נישט קיין ערשט־קלאַסיקער שפּילער.

אַ דינער פון מעלפּאמענע אין אַ קליין אידיש טעאַטערל ערגעץ אין קאַנאַדע... אָבער דאָך — אַ שוישפּילער מיט אַמביציעס!

און דאָס רוב פון די אַלע יאָרן — מיט איבערהיפּונגען פון חדשים און אפילו עטלעכע טערמינען גאַנצע, ווען ער האָט גע־שפּילט ביינאַכט טעאַטער — פלעגט ער נאָך אין די אָוונט זיך לערנען אויך, געקליבן „קאונטס". געקליבן זיי איינע צו איינע, — ווי מען קלייבט, אַ שטייגער, טייערע פּערל — אויפן פּאָדים פון דעם אומבאַשטימטן שפּעטערדיקן „סוקסעס" זיינעם. האָט ער אָט די ליכטיקע „פּערל" אַזוי פלייסיק געסילעוועט... געסילע־וועט זיי אין דער פינצטערניש פון זיינע שווערע און פאַרהאָרע־וועטע טעג, און אין דער ליכטיקייט פון די לאַנגע האָפנונגספולע נעכט. ער האָט נעמלעך געוואָלט ווערן אַ „לאָיער".

און ניט נאָר פריער, איידער ער איז אַריין אין אוניווערזי־טעט; אפילו די פיר יאָר גופא, ווען ער האָט זיך שוין ענדלעך מיט מזל געהאַט געלערנט אין אוניווערזיטעט, פלעגט ער אויך אין די זעלטענע פרייע שעהען זיינע, גאַנץ שווער אַרבעטן סיי אויף אויפצוהאַלטן זיך, סיי אויף צו פאַרדינען דעם שכר־לימוד. ער פלעגט זיך פאַרדינגען, אַ שטייגער, צו פאַרמעגלעכע באַלע־באַטעס אויף וואַשן און פוצן פענצטער־שויבן, אויף וואַקסירן פּאַרקעט־פּאָדלאָגעס, און אויסקלאַפּן שטויביקע בעטגעוואַנט און טעפּיכער. און דערנאָך ערשט פלעגט ער קומען ביינאַכט אַהיים און מיט געוואַלט שטאָפּן אין דעם מידן און ווידערשפּעניקן מוח אַלערליי טרוקענע לימודים, — פרעמדע געזעצן, יו־רידישע פאַקטן און היסטאָרישע דאַטומס און סכעמעס — דאָס אַלץ האָט געהאַט פאַר אים דעם טעם פון עפּעס אַ קאַקטעיל אַזאַ, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון צעריבענעם ביכער־שטויב אין לעבלעד־ וואַרימען וואַסער. רוימיש געזעץ און בריטיש־געזעץ, און אַמעריקאַניש געזעץ, און „קאָמאָן לאָו" — און וואָס ניט?

ער איז אָבער געווען פול מיט אַרבעט־פרייד, — מיט דורשט נאָך אַרבעט, נאָך יעדער אַרבעט, — ווי עס דורשט נאָך פּשוט קאַלט וואַסער אַ מענטש אין דער מדבר. זיין האַרץ איז אים תמיד פול געווען מיט קריגערישער פרייד און זיין בלוט האָט אים געשוימט און נאָכאַנאַנד געזונגען. ווייל — האָט ער

דען די גאַנצע צייט ניט געהאַט פאַר זיינע אויגן אַ לויכטנדיקן זייל פון האָפענונג? עך, אין דעם פּרט איז ער שוין געווען גאָר באַשיידן, האָט זיך באַנוגנט מיט גאָר, גאָר ווייניק... ער האָט געשטודירט יוריספּרודענץ, כאָטש ער האָט עס אַזוי טיף און אַזוי שטאַרק ניט ליב געהאַט, מיט כוונה און זעלבסט־באַרעכטיקונג. ווייל — ווייל ער האָט געהאַט אַ לויכטנדיקן זייל פאַר די אויגן...

ניין, ער האָט קיינמאָל פון קיינעם קיין הילף ניט געבעטן און אויך ניט דערוואַרט: אים איז אפילו קיינמאָל אין זינען ניט געקומען זיך צו ווענדן נאָך שטיצע אין די פילאַנטראָפּישע הילפס־געזעלשאַפטן פאַר נויטבאַדערפטיקע סטודענטן און אַקאַדעמיקער, ווי עס האָבן עס געטאָן אייניקע אַנדערע פון זיינע חברים. אי־בערגעטריבענער געפיל פון זעלבסטווירדע, וועט מען זאָגן? אָבער אפשר איז עס בלויז געווען זיין דעמאָלטדיקע ערלעכקייט — אַלענפאַלס, אין געלט־זאַכן. אפשר איז עס געווען דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַלטן, אַז אַ מענטש מוז אַליין, מיט אייגענע כוחות, זיך דערשלאָגן אַ וועג; אַז נישט ער דאַרף זיך בויגן און קניען פאַר אימיצן, און ניט קיינער איז אים מחויב אונטערצו־שטופּן אויפן וועג אַרויף. שווער? יאָ, דאָס לייקנט ער אַליין אויך ניט... נו, איז אַז אים איז שוין געוואָרן גאָר ניט אויסצו־האַלטן, דער שלימזל איז געווען גרויס און ער האָט זיך צו גאָרניט בעסערס ניט געקאָנט נעמען — איז ער גאָר געוואָרן אַ העברעאישער לערער...

און דער „לויכטנדיקער זייל" פאַר זיינע אויגן? יאָ, דער־פאַר איז ער עס אין דעם פּרט, אין דעם פּרט פון פּרנסה, געווען אַזוי באַשיידן, האָט ער עס זיך באַנוגנט מיט גאָר, גאָר אַביסל... עס האָט געהייסן:

— אַז ער וועט „ענדיקן", וועט ער ענדלעך דאָך קאָנען האָבן אַ גרינגער שטיקל ברויט, און אַ מער געזיכערטס... וועט ער במילא אין די פרייע אָוונטן זיך קאָנען אָפּגעבן מיט „שרייבן" — מיט לאָזן זיין בלוט אויסזינגען דאָס, וואָס עס האָט זיך דעם שוין אַזוי לאַנג געוואָלט זינגען...

ה.

אָבער ערשט דערנאָך, ווען ער האָט נאָך פיר שווערע אַר־בעטס־יאָרן געענדיקט „לאָא", איז געקומען פאַר אים דער אמתער קלאָפּ. . .

ווען ער האָט אָפּגעגעבן זיינע לעצטע פּראָפעסיאָנעלע עק־זאַמענס פאַר דער „באַר", האָט אים איינער אַן עלטערער אַדוואָ־קאַט אומגעריכט אַ פרעג געטאָן פאַר ווענען ער, ראַמבאַם, האָט געשטימט בשעת די לעצטע פּרעזידענט־וואַלן.

דאָס איז שוין געווען סאַמע צום סוף פונם עקזאַמען, נאָכ־דעם ווי ראַמבאַם האָט שוין זייער דערפאָלגרייך און איינגעגעבן געהאַט אָפּגעענטפערט אויף אַלע געשטעלטע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות סיי מיט דער אַקאַדעמיש־טעאָרעטישער זייט און סיי מיט דער טעכניש־פּראַקטישער זייט פון דעם פאַך, וואָס ער האָט זיך געקליבן גאָר אינגיכן אָנהויבן צו פּראַקטיצירן. איצט זיינען געקומען פראַגן, וועלכע האָבן שוין גיכער געהאַט אַ שייכות מיטן פעסטשטעלן ראַמבאַמס „מאָראַלישן כאַראַקטער", — אויף וויפיל ער טראָגט אין זיך דעם כשרן זאָמען, פון וועלכן עס דאַרף אַרויסוואַקסן שפּעטער „אַן עכטער הונדערט פּראָצענטיקער אַמע־ריקאַנער".

און דאָ האָט ראַמבאַם, — וועלכער האָט מיט זעלבסט־זיכערקייט און גרינגער כלאחרידיקייט ביז איצט געגעבן זיינע תשובות אויף די געשטעלטע פראַגן — אָנגעשפּיצט די אויערן, ווי אַ פערד, וועלכער דערשפּירט פון דער ווייטנס אַ שונא. ניט נאָר זיינע אויגן — אַלץ אין אים האָט זיך אָנגעשפּיצט, זיך געשטעלט אויף דער וואָך. ער איז געוואָרן מיטאַמאָל נערוועז, האָט פאַרלאָרן זיין זעלבסט־קאָנטראָל. און אין דער זעלבער צייט האָט ער דערפילט אויך אין זיך אַ טראָציקייט קעגן אָט דעם גאווהדיקן פאַרשוין אים אַנטקעגן, וואָס האָט זיך פאַרגע־נומען אַריינצוקריכן סאַמע אין דער טיף פון זיין, ראַמבאַמס, נשמה. . .

די פראַגע איז באַלד ראַמבאַמען נאָכאַמאָל איבערגעחזרט

געוואָרן, שוין אין אַ העכערן טאָן און מיט צודרינגלעכער אומ־געדולדיקייט אין דעם פרעגערס שטים. דאָס איז געווען אַ הויכער, אַ דיקער ביי־ענגלענדער מיט אַ רויטן קאַרק און אַ ניט־ווייניקער רויטער צורה, — פּנים און קאַרק ריין־אָפּגעראַזירט, ממש ביז בלוי. ניט געקוקט אויף זיין זילבער־גרויען קאָפּ און שוין קאַנטיקן הויכן עלטער, איז זיין פּנים פונדעסטוועגן נאָך געווען זייער פריש, די הויט — אָן שום סימן פון אַ קנייטש. די איבעריקע מיטגלידער פון דער „באָר“, — וועלכע האָבן ביז איצט אַרויס־געוויזן אַ קנאַפּן אינטערעס אין דער עקזאַמינירונגס־פּראָצעדור־רע, האָבן די גאַנצע צייט וועגן עפּעס געמיטלעך געשמועסט צווישן זיך, דערציילט איינער דעם צווייטן „סאָסייעטי“־וויצן, געזויגן מיאַטע־צוקערקעלעך און געקייט קיי־גומי — האָבן מיט־אַמאָל אַלע אויסגעדרייט זייערע פיין־געשניצטע „אַמעריקאַני־שע“ קעפּ, — אַזעלכע, ווי מען זעט זיי אויף די אַנאָנסן פון די „ארראָו־קאָלנערס“, אָדער אין די גלאַנציק־פּאַפּירענע אילוסטריר־טע זשורנאַלן — און האָבן אָנגעשטעלט אויף ראַמבאַמען נייגע־ריקע בליקן און פּירקאַנטיקע אַגרעסיווע גאָמבעס — בייזע און אָן־רחמנותדיקע בולדאָגן, גרייט אַרויפצוואַרפן זיך אויף אים און אים צערייסן, אויב נאָר ער וועט פאַלן, — דורכפאַלן מיט זיין ענטפער.

ס׳איז פּלוצלינג געוואָרן אַרום אים, האָט זיך ראַמבאַמען געדוכט, מאָדנע שטיל אַזוי אין דעם גרויסן, האַלב־טונקעלן זאַל, וואו עס האָבן געברענט שענדעליערס, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס איז איצט שוין געווען בייטאָג; אָטעמס האָבן שווער און איינגעהאַלטן געשטראָמט, אין אַגרעסיווער דערוואַר־טונג. . .

ראַמבאַם האָט גלייך דערשפּירט די געפאַר, מיט וועלכער אַן אומפּאַרזיכטיקער ענפער אויף דער געשטעלטער פראַגע קען שמעקן... אָבער ווי נאָר ער האָט דערשפּירט אָט־די דאָזיקע גע־פאַר — זי האָט שוין איצט אַזוי דייטלעך געבלישטשעט אין די קאַלט־שמייכלענדיקע, שטאָל־גרויע אויגן פון די באַפראַקטע הערן ביי דעם האַלב־רונדיקן, מיט געוואַנט־אויסגעבעטן גרויסן פּרעזי־דיום־טיש, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט אין אַ האַלבן פּאַר־

צונקנדיקן קרייז — האָט זיך גלייך אין אים עפּעס אויפגעוועקט. ער האָט פאַרריסן דעם קאָפּ קריגעריש שטאָלץ; טראַציק כמעט האָט ער צוריק אַ בלישטשע געטאָן מיט זיינע אויגן — ז י י נ ע זיינען געווען אפשר די איינציקע פּאָר ברוינע אויגן דאָ אין זאַל — און האָט אַרויסגעזייט הויך און דייטלעך:

— נאַטירלעך, פאַר דעבסן! פאַר יודזשין דעבסן!

דעם רעזולטאַט האָט מען אים אויפן אָרט ניט איבערגעגעבן. ער האָט זיך עס ניט געקאָנט דערוויסן אַזוי גיך אויך דערנאָך, ניט געקוקט אויף אַלע זיינע באַמיאונגען. עס האָט זיך געצויגן, געצויגן... נאָר דער סוף איז געווען, אַז די גרויסע קעפּ האָבן ענדלעך באַשלאָסן ביי זיך:

— נישט אַנדערש, — ראַמבאַם איז אַ „וואבלי"...*)

נו, קיין ערגערע פאַרברעכנס האָט מען דאָך שוין ביי אים ניט געדאַרפט זוכן. איז צום „באַר" האָט מען אים טאַקע ניט צוגעלאָזן.

אָט דאָס איז געווען דער לעצטער אַשיקער סך־הכל פון גאַנצע אַכט יאָר שווערער און אויסמאַטערנדיקער אַרבעט — אַן אַרבעט, וואָס האָט, ווי עס האָט זיך אים געדוכט דעמאָלט, אויסגעטריקנט פון אים דעם גאַנצן לעבנס־זאַפט.

ו.

דערנאָך איז געקומען אויף אים אַ יאָר פון אויסטאָן זיך פון אַלעמען — פון אויסטאָן זיך אינגאַנצן... פון אויסטאָן זיך נאַקעט.

אַך, ווי גוט עס איז, האָט דער אויסגעמאַטערטער ראַמבאַם געטראַכט — ווען מען טוט זיך אויס פון אַלעמען, פון אַלעמען — פון אַלע פאַרלאַנגען און אַלע אַמביציעס, פון אַלע טענות און אַלע תביעות צו דער וועלט... ס'ווייזט זיך פלוצלינג אַרויס, אַז אייגנטלעך איז גאָר גרינג צו לעבן אויף דער וועלט — ממש

*) מיטגליד פון די איי־דאַבליו־דאַבליו, אַ רעוואָלוציאָנערע טרייד־יוניאָן אָרגאַניזאַציע ערב דער וועלט־מלחמה.

אַ מחיה... מער נישט: מען דאַרף אויף פריער אַליין ווערן אַביסל גרינגער — אַרויסוואַרפן פון זיך אַלערליי טרוימען און חלומות, פטור ווערן פון אַלערליי „איידעלע”, מענטשלעכע פאַרלאַנגען.

ער לאָזט דעמאָלט איבער אויפן באַראַט פון אַ פּאָר ניט־פאַרמעגלעכע קרובים דאָס ווייב און קינד זיינס. גוט איז נאָך געווען דאָס, וואָס דעמאָלט איז ביי אים געווען בלויז איינס, און ס'איז שוין געהאַט אַרומגעגאַנגען; איז דאָס ווייב זיינס אומשטאַנד געווען אינגיכן אַליין אַוועק אַרבעטן ערגעץ אין אַ שניידער־פאַבריק, מאַכן קנעפּל־לעכלעך.

אָבער אַ סך מער ווי ער האָט איבערגעלאָזן אויף פרעמדן באַראַט זיין ווייב און קינד, האָט ער איבערגעלאָזן הינטער זיך אויף אַלע פיר ווינטן דאָס אַלץ, וואָס האָט אויסגעפילט זיין לעבן ב י ז דעמאָלט, — איינצייטיק אי אויסגעפילט עס און אי באַלעסטיקט עס.

ביי ראַמבאַמען גייט דעמאָלט אַוועק אַ יאָר פון „בומלען” — פון הפקרדיקן נע־ונד זיין, פון וואו געטאָגט, נישט גענעכ־טיקט. ער הויבט זיך אָן אַרומשלעפן איבער אומבאַקאַנטע שטעט און שטעטלעך פון די ווייטסטע מערבדיקע שטאַטן.

אַ פריילעכער, זאָרגלאָזער וואַנדערניק... ער נעכטיקט גאָר אָפט אויף האַרטע פראַכט־קאַסטנס אין שטויביקע און אָנגע־שטאָפּטע, אין תמיד־פינצטערע פראַכט־וואַגאָנעס — ווען ער שלעפּט זיך אַזוי איבער גרויסע און פוסטע מערבדיקע שטרע־קעס אַ פּאָר טעג נאָכאַנאַנד, אָן אַ בילעט אין קעשענע און מיט אַ קליין פּעקעלע פון זיינע נויטיקסטע מטלטלים אין די הענט. און אַז ער מאַכט אַמאָל לאַנגע שפּאַציר־גענג איבער די פריי־לעכע און געדיכט־באַזעצטע שטאַטן פון דער מיטל־וועסט, שפּאַ־ציר־גענג אויף הונדערטער מיילן צו־פוס, שלאָפט ער ביינאַכט אין אָנגעטראָפענע פאַרמס אויפן וועג, אין פולע שייערן, אויף ריזיק־הויכע סטויגן היי אָדער תבואה, וואוהין ער קריכט אַרויף מיט דער הילף פון לאַנגע לייטערס: דער ריח פון דער טרוקע־נער היי רייצט די נאָזלעכער און מאַכט אים צו ניסן אַ גאַנצע נאַכט. . .

אַך,ווי גרינג ס'איז אים דעמאָלט געווען אויפן האַרצן... אַ

וואוילע חברה פונדעסטוועגן געווען, די פאַרמער־יונגעען פון די וועסט־שטאַטן — הויך, און ריזיק און שווייגנדיק; מיט משונה־ברייטע סאָמבּרעראָס אויפן קאָפּ און מיט אַן אויספאַרשנדיק פייערל אין מויל און אין אויגן. אַ נאַכטלעגער פלעגט מען אים אין אַ שייער געבן געגרן און אַן אַ גראָשן געלט. מען פלעגט אים בלויז פרעגן צי ער רויכערט ניט, מען פלעגט אים באַזוכן אויף־פריער די קעשענעס צי ער האָט ניט קיין שוועבעלעך — ער זאָל נאָך ניט אָנמאַכן ביינאַכט קיין שריפה. שווייגנדיקע, גוטמוטיקע ריזן! איז וואָס אַז איינמאָל האָט מען אים גוט אָנ־געבויקערט די ביינער פאַרוואָס ער, ראַמבאַם, האָט זיך אינמיטן העלן טאָג אויסגעטאָן אדם־נאַקעט אויף אַ ברעג פון עפּעס אַ טייך, און זיך געשטעלט וואַשן די איינציקע פּאָר אונטערוועש, וואָס ער האָט אויף זיך פאַרמאָגט? דאָס איז דאָך בלויז געווען איין איינציק מאָל... ער האָט אויף זיי אפילו קיין פאַריבל ניט גע־האַט — אויף אָט די ריזן־מענטשן, מיטן שווייגנדיק־פינקלדיקן פייערל אין מויל און אויגן.

און נאָך אַ שטיק צייט פון אַזאַ אַרומשלעפּן זיך, שלינג־און־שלאַנג און הפקרדיק איבער דערפלעך און ראַנטשן פון דאַקאָטאַ און מינעסאָטאַ, און אַנדערע שטאַטן, דערגרייכט ראַמבאַם ענד־לעך אַ צושטאַנד אַ האַלב־ווילדן, וואו אַל דאָס פריערדיקע איז פאַרגעסן געוואָרן ווי אַ בייזער וויסטער חלום... דעם קאָפּ און דאָס האַרץ האָט ער איבערגעלאָזט ערגעץ ווייט הינטער זיך — מיט זיך אין וועג אַריין האָט ער מער ניט מיטגענומען ווי דעם מאָגן — און אַלץ, וואָס ס'איז נידעריקער פון אים. באמת, ס'איז געווען אַ וואונדערלעכער, אַ גאָלדענער יאָר אין זיין לעבן!

ביז ער איז ענדלעך פון דעם גוט מיד געוואָרן, און ער האָט זיך געלאָזט שלעפּן צו־פוס צוריק, קיין ניו יאָרק. און, ווי עס האָט זיך אים געדוכט, שוין אַן אויסגעהיילטער — אַן אויסגעהיילטער פון קאַמפּלוסט, אַן אויסגעהיילטער פון וואַנדערלוסט, און אַן אויסגעהיילטער פון טרוים־לוסט...

ז.

אַז ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין ניו יאָרק, האָט ער דאָרט געטראָפן — אַהאַ, וואָס ער האָט געטראָפן!

— גאָט אין הימל, וואָס איז עס פאַר אַ וואונדערלאַנד, דאָס דאָזיקע אַמעריקע!..

די ערשטע צייט האָט ראַמבאַם זיך געפילט אין ניו יאָרק כמעט אַזוי ווי חוני המעגל נאָך זיין זיבעציק־יעריקן שלאָף אינם שאָטן פון די זיך פאַנאַנדערגעבליטע באָקסער־בוימער! צי גאָר ווי ריפּ וואַן־ווינקל אין דעם זוניקן „סליפּי האללאָ" — אין דעם „פאַרשלאָפענעם טאָל" פון די קעטסקיל־בערג, נאָכדעם ווי ער איז אויפגעשטאַנען פון זיין היפּשן, היפּשן דרימל... און ער איז דאָ בסך־הכל נישט געווען מער נישט ווי עפּעס מער פון אַ יאָר צייט!..

— אַמעריקע, דו וואונדער־קינד, וואָס איידער דו האָסט זיך נאָך אויסגעלערנט גיין ווי געהעריק, האָסטו שוין אָנגעהויבן שפּרייזן מיט זיבנמייליקע שטיוול!

— אַמעריקע, דו וואונדערקינד, וואָס איידער דיין מוח איז נאָך אויסגעוואַקסן ביז צו דער גרויס פון אַ פויסט, האָסטו שוין העט־העט אַריבערגעיאָגט די עלטערן דיינע, און די דערוואַקסנסטע פון דיינע שוועסטער־מדינות!

— אַמעריקע, דו וואונדערלאַנד!

אַזאַ קורצע צייט — און אַזאַ גרויסע ענדערונג אין אַלע־מען... ערטערווייז האָט ראַמבאַם אפילו די שטאָט ניו יאָרק ניט דערקענט: דאָרט, וואו ער האָט פריער געקענט בלויז אַ הויכלאַנד פון איינטאָניקע מויערן־מאַסן — זיינען פּלוצלונג אויסגעשפּראָצט שמאָלינקע טיף־טיפע טאָלן, באַזוימטע מיט ריזיק־הויכע פעלזנ־ווענט — אַזעלכע שלאַנקע און בויגעוודיקע וואָלקנקראַצערס... און אַז זיי גיבן זיך עס אַ צינד אָן מיט זייערע טויזנטער און טויזנטער פענצטער ביינאַכט, מיט די באַגילדעטע צי באַבראָנזע־טע שפּיצן פון זייערע קופּאָלן, וואָס דערגרייכן טאַקע אין די הימלען אַריין! ווייטסטע און ווינקלען פון אַרום דער שטאָט ניו יאָרק, וואָס זיינען פריער באַדעקט געווען מיט נאַקעטע פעלזן און קוסטעס און ווילדגראָז, זיינען איצט פאַרוואַקסן גע־וואָרן גאָר מיט אַן אַספאַלטן־הויט פון פאַרמויערטע און ציכטיקע עוועניוס און גאַסן... רבונו־של־עולם — איבער איין נאַכט כמעט?

יאָ, פֿאַרן צעטומלטן און פֿאַרווירטן אויג פֿון ראַמבאַמען איז באַשײַנפּערלעך געווען צו זען: דאָס לאַנד וואַקסט מיט אַ ריזן־מאָס — ווי אויף קאַטאָוועס נאַר, ווי אין אַ מעשהלע... עס ווערט שוין איצט מער ניט רײַך פֿון טאָג צו טאָג — עס ווערט רײַכער און מעכטיקער ממש מיט יעדער שעה. אַזוי, אַלנ־פֿאַלס, האָט זיך עס געדוכט ראַמבאַמען. און ניט נאָר דאָס לאַנד ווערט רײַך און רײַכער — נאַר, צוזאַמען מיט אים, אויך די מענטשן, אַ ל ע מענטשן, — אַזוי, אַלנפֿאַלס, האָט זיך עס געדוכט דעם צעפּודזשעטן מוח פֿון ראַמבאַמען, וועלכער האָט ביז איצט גיכער נעבעך געלעכצט נאָך גײַסטיקער רײַכקייט, איידער נאָך מאַטעריעלער.

אַלע, אַלע זײַנע אַמאָליקע חברים פֿון די סטודענטן־יאָרן, מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט אים צוזאַמען געמוטשעט אין שאַפּ און אין פֿאַבריק בײַטאָג, און געקליבן „קאָונטס" בײַנאַכט — אַהאָ, ווי הויך זיי האָבן זיך עס אַרויפֿגעקראַבקעט! מען פֿאַר־מאָגט שוין אייגענע קאַטעזשעס הינטער דער שטאָט, אין פֿלעט־בוש צי ביים ים אין לאָנג־אײַלאַנד; מען האָט שוין אייגענע אָפֿיסעס אויף בראָדוויי, מיט ברענטשעס אין פֿאַרשיידענע טיילן פֿון גרויס־ניו־יאָרק... און די ווײַבער זייערע זײַנען געוואָרן אַזוי פֿעט און אויסגעפּאַשעט, גייען אויסגעפּוצט אין טייערסטע פֿעלצן פֿון האָדסאָן־סיל און מאַלפּע־פּוטער. אפֿילו די אָרימערע באַקאַנ־טע זײַנע פֿאַרמאָגן אָפּט אַן אייגן מאַשינקעלע. צום ווייניקסטנס אַ פֿאָרדעלע.

— אַך, אַזאַ אידיליע... אַך, אַזאַ מעשהלע פֿון גליק...

און זײַנע, ראַמבאַמס, אַמאָליקע „פּינגווינען", און זײַנע חלומתו וועגן אַרויסגעבן די ווײַטערדיקע העפֿטן „פּינגווינען", ווען ער וועט האָבן אַ „גרינגע" פּרנסה? און זײַן אײַנגעשפּאַרטער „שטימען פֿאַר דעבסן", און זײַן שפּעטערדיקער ברוגז־ווערן אויף דער קאַלטער און ניכטערער־ניכטערער אַמעריקע — כאַ־כאַ־כאַ... ס׳איז אים, הייסט עס, גאָר ניט אײַנגעפֿאַלן, דעם שוטה, אַז ס׳איז נאָך מסתמא אפֿילו ניט געבאָרן געוואָרן — און זיכער ניט, אין דער אידישער אַמעריקע — דער מענטש, וועלכער זאָל זיך אויף ווי־פֿיל ס׳איז נעמען צום האַרצן אָט די אַלע „אײדעלע" וואונדן

זיינע, אַט די אַלע טיף־גראָבנדיקע און פאַרגראָבענע ווייטאָגן זיינע.

איז איינמאָל אַן אָוונט, ווען ראַמבאַם איז געקומען אַהיים נאָך אַ גאַנצן אויסגעמאַטערטן טאָג — און שוין ניט דעם ערשטן טאָג אַזאַ — פון אומזיסטן אַרומשלעפּן זיך איבער די פאַר־טויבנדיקע ניו־יאָרקער גאַסן, פון הונגעריקער און גיריקער זור־כעניש עפּעס אַן אַרבעט פאַר זיך, פון בעטלענדיקן אַרומבלאָנד־זשען מיט די בליקן צווישן באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, —

אין יענעם אָוונט, ווען ער איז געקומען אַהיים אין זיין „רומקעלע” ערגעץ אין אַ קויטיקן לאָך פון האַרלעם, צווישן אָרימע נעגערס און איטאַליענער אין דער געגנט אַרום דער ערש־טער עוועניו און דער הונדרעט־און־צווייטער גאַס, — האָבן אַוודאי סיי די באַלעבאָסטע פונם „פלעט”, וואו זיי האָבן פאַרנומען איין צימער, און סיי דאָס ווייב זיינס געמוזט דענקען: ער איז ניט אַנדערש ווי פלוצלונג משוגע געוואָרן, משה ראַמבאַם...

פון זיין צימער האָט זיך אין יענעם אָוונט, אין פאַרלויף פון אַ לאַנגער צייט נאָכאַנאַנד, געלאָזט הערן אַ ליאַרעמען, אַ ווילד גוואַלדעווען, ווי דאָס סקאַנדאַלעווען פון אַ שיכור, באַגלייט דורך אַ פאַרשטיקט כליפּען פון אַן איבערגעשראָקן קינד. דאָרט, אין זיין דושנעם קליינינקן „קעניגרייך”, האָט ער ווילד געקלאַפּט אין טיש און געשריען מיט באַנומענע קולות אויף זיין דערשראָ־קענער שטילער פרוי, — פונקט ווי זי וואָלט עס געווען די שולדיקע אין אַלעמען, אין אַלע זיינע ביז־איצטיקע בלאָנדזשענישן און דורכפאַלן.

— גענוג, — האָט ער אַלץ ניט אָפּגעשטעלט דאָס געוואַל־דעווען אויף זיין טויט־דערשראָקן ווייב, וועלכע האָט מיט פאַר־צווייפלונג צוגעקוקט, ווי דאָס ביסל געקעכטס אין טעלער, די וועטשערע, איז שוין דערווייל קאַלט געוואָרן — גענוג האָסטו זיך שוין נעבעך אָנגעפּלאָגט מיטן קינד!...

— איך וויל, אַז מיין ווייב זאָל זיין ניט ערגער פון אַ שניי־דערס ווייב, פון אַ שוסטערס ווייב, צי פון אַן אַנדער בעל־מלאכהס ווייב... גענוג שוין זיין פון די לעצטע דאָ, פון די אַלעמען איבע־

ריקע און פון אַלעמען פאַרשטויסענע, — ער, ראַמבאַם, וויל אויך אַ „סטענדינג" אין געזעלשאַפט! יאָ! יאָ!

ח.

און דעמאָלט איז עס געשען.

דעמאָלט, קומט פאַר אין ראַמבאַמען אַ פּלוצלומדיקער איבערבראָך — כאָטש די „פּלוצלומדיקייט" איז בלויז געווען פאַר זייטיקע מענטשן — עס פאַרשווינדט אינגאַנצן דער אַלטער ראַמבאַם, און עס רוקט זיך אַריין אינם זעלביקן שייד—פון דערוויילּ נאָך אַלץ אַ מאָגערן גוף פון שיעור ניט הויט־און־ביין,—גאָר, גאָר, אַן אַנדער מענטש.

ער האָט ביי זיך ענדלעך אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל אַריינטרעטן אין אַ רעדאַקציע פון אַ וועלכן ס'איז טאָג־בלאַט — יאָ, ווי אַ „פשוטע האַנט"...

ער האָט אפילו אויף אַ מינוט ניט פאַרטראַכט זיך אין וואָס פאַר אַ צייטונג ער זאָל אָנהויבן אַרבעטן — פון וועלכער פּאָליטישער ריכטונג זאָל זי זיין, אידישער אָדער אַלגעמיינער. אַ פּראַקטלעכער קלוגינקער שמייכל וואָלט דעמאָלט געווען אויסגעקרימט זיינע דיקע ליפּן, ווען אימיצער וואָלט אים גאָר געהאַט געשטעלט אַזאַ נאַרישע פראַגע... צי ווייסט ער שוין דען איצט ניט, ראַמבאַם, אַז ס'איז אַלץ איין־און־די זעלביקע פּאַסקודסטווע — אַז ס'איז, אין עצם, ניטאָ קיין ברעקל חילוק צווישן זיי אַלעמען? ס'איז אַ קאַמף פאַר געשעפטלעכע אינטערעסן, אַמביציעס און מאַכט־זוכעניש — ס'איז אינגאַנצן בלויזער מסחר? פאַר ראַמבאַמען איז עס דעמאָלט, אַפּנים, געווען אַ גוואַלדאָווגע אַנטדעקונג. אַלנפאַלס, וואָס אים גייט דעמאָלט אָן דער עיקר, איז — צו פאַרזאָרגן זיך אויך מיט אַ וואַרימען ווינקל, מיט אַ „שטעלכעלע".

יאָ... מער נישט — איין קלייניקייט: זיין אָפּמאַכן ביי זיך, אַז ער זאָל ענדלעך „פאַלן", איז געווען בלויז א י י ן צד פון דעם געשעפט; עס האָט געמוזט נעמען אַ היפּש, היפּש ביסל לענגער ביז וואַנען דער צווייטער צד, די דעה־זאָגערס פון איינער אַ רעדאַקציע, האָבן ביי זיך, פון זייער זייט, אויך גע־

פועלט, אַז זיי האָבן פּלאַץ פאַר ראַמבאַמס „געפאַלנקייט"... ניין, ניט אַזוי גרינג איז עס אים אָנגעקומען; שוין גאָר, גאָרניט אַזוי גרינג.

אויך ער — פּונקט ווי זיין חבר און שונא שאול ווילדען, וועגן וועלכן ער האָט זיך ערשט היינט דערוואוסט — איז צו־ערשט אריינגענומען געוואָרן צו „מאַכן" דעם ראָמאַן. אויף קיין אַנדער אַרבעט האָט אים דער רעדאַקטאָר בשום אופן ניט געוואָלט. וועגן דרוקן דאָרט זיינע לידער — אויסגעשלאָסן. מען האָט אים געשטעלט צו דער פּראָבע מיט אַ שונד־ראָמאַן: וועט דער דאָזיקער חברה־מאַן — אַ קאָלעדזש־געענדיקטער, אַן „איני־טעליגענט", אַליין אַמאָל געווען אַ פיינער פּאָעט — וועט ער עס קאָנען אויסהאַלטן? וועט אים דער עיפּוש פונם ראָמאַן נישט פאַרשטינקען אין די נאָזלעכער, און וועט ער עס מיט עקל גלייך ניט אָוועקוואַרפן אינמיטן? ניין, ער האָט אויסגעהאַלטן, ראַמבאַם... ער האָט דעם בלוטיקן ראָמאַן פאַרענדיקט ביז צו אַ גליקלעכן סוף, אויף דער הונדערט־פיר־און־זיבעציקסטער פאָר־זעצונג.

האָבן זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די ווייטערדיקע פּראָבעס פאַר אים. מען האָט אים געהייסן שרייבן קורצינקע סקיצן, — און דווקא פון מאַן־און־ווייב לעבן — וואָס ער האָט קיינמאָל אין לעבן ביז איצט ניט געשריבן; מען האָט אים באַפוילן שרייבן באַריכטן פון חזנישע קאָנצערטן, אין וועלכע ער האָט גאָר ניט פאַרשטאַנען, און די באַריכטן האָבן גראָד שטאַרק אויסגענומען; מען האָט אים אויפגעפאָדערט צו שרייבן באַגייסטערטע נאָטיצן אין וואַל־קאַמפּאַניעס פאַר אַזעלכע קאַנדידאַטן, וואָס דער בלויזער נאָמען זייערער פלעגט אין ראַמבאַמען אַרויסרופן צייך־קריי־צעניש... ער האָט די גאַנצע צייט געמוזט שווייגן, זיך מאַכן ווייך, ווי וואַקס — אַבי צופרידנשטעלן דעם רעדאַקטאָר.

און ערשט מיט אַ גאַנצן יאָר שפּעטער, אַז ראַמבאַם האָט פאַר דער גאַנצער צייט קיין אײנציק מאָל זיך קיין בריקע ניט גע־טאָן נאָך די אַלע הלומעַנישן און אינקוויזיציעס איבער אים, און דער רעדאַקטאָר האָט זיך איבערצייגט אָן שום צווייפל, אַז ער האָט צו טאָן ניט מיט קיין שרייבערשן „קאָפּ", נאָר מיט אַ

שרייבערשער „האַנט״ — איז ער ענדלעך אַנגעשטעלט געוואָרן, ווי אַ שטענדיקער שרייבער אין דער צייטונג, ווי אַ שטענדיקע רעדאַקציע־„האַנט״.

איז אין דער ערשטער צייט פון זיין אַריינטרעטן אין דער רעדאַקציע האָבן זיינע אַמאָליקע שרייבער־חברים געקוקט אויף אים ווי אויף אַ פּשוטן פאַררעטער. אַזוי, אַלנפאַלס, האָט זיך עס געדוכט ראַמבאַמען. אַז ער פלעגט אַריין אַמאָל נאָך דער אַר־בעט אין קאַפע און צוגעקומען צו אַ טיש וואו זיי זיינען גע־זעסן, פלעגט עס דאָרט מיטאַמאָל אַפּגעהאַקט ווערן שטיל אַזוי... און דאָס געשפּרעך פלעגט שוין דערנאָך אַ שטיק צייט זיך עפּעס ניט קלעפּן. אין דער אמתן: צוליב וואָס זאָלן אין זיין אַנוועזנ־הייט געפירט ווערן אַזעלכע „איידעלע״ קינסטלערישע געשפּרעכן, ווי די, וועלכע זיינען אָקאָרשט אָפּגעהאַקט געוואָרן? אַזוי, אַלנ־פאַלס, האָט זיך עס אויסגעדוכט ראַמבאַמען. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט ער אויסגעפונען, אַז דאָס איז געווען ניט קיין קינסטלערישע קנאות, נאָר פּשוטע מענטשלעכע קנאה. מען איז אים גאָר מקנא געווען הלמאי אים איז געלונגען אַריינצוכאַפּן זיך אין אַ בלאַט...

אָבער דעמאָלט — מיט יאָרן צוריק — דאָס, וואָס אַנדערע, ווי אים האָט זיך געדוכט, האָבן געפילט וועגן אים, האָט ער אויך גאָר אינגיכן אָנגעהויבן פילן וועגן זיך אַליין:

— אַ געפיל פון ירידה... אַ געפיל פון געפאַלנקייט... אַ געפיל פון פאַראַט.

און אָט אַזעלכע שטימונגען פלעגן זיך די לעצטע יאָרן שוין זעלטן, זעלטן וועקן פון אים אָפּטאָן. סיידן בלויז אין אַזעלכע טעג, ווי די פון הייגט־אינדערפרי, ווען אים פלעגט פלוצלונג קלאָר ווערן, אַז ער האָט נישט פאַרוואָס צו פילן זיך געפאַלן הלמאי ער איז אַוועק פון דער אידישער ליטעראַטור... וואָרום סיי־ווי:

— אַלץ האַלט זיך דאָך דאָ אויף הינער־פיסלעך... מי־שטיינס געזאָגט, די גאַנצע היגע „אידישע קולטור״ — איז עס דען טאָקע נישט אַ בנין פון זאַמד?

יאָ, דאָס פלעגט זיין טרייסט, זיין איינציקע טרייסט

און רעטונג פון דעם געפיל פון אייגענער ירידה און געפאַלנקייט...
אין דעם אַליין פלעגט ער קענען זען אַ באַשיינפערלעכן באַווייז, אַז ער האָט געטאָן ריכטיק, וואָס ער איז באַצייטנס אַנטלאָפן פון דער אונטערגייענדיקער שיף.

— אַז סיי־ווי־סיי... וויבאַלד אַלץ אַרום גייט דאָך סיי־ווי אונטער...

ט.

ער איז אַפילו דעמאָלט געוואָרן גוואַלטיק „אויסגעהאַלטן", ראַמבאַם.

ווען אַ נייע ליטעראַרישע אויסגאַבע — אַ וועלכע פעריאָדישע שריפט, צי אַ קליין זאַמלבוך, וואָס האָט געדאַרפט דערשיינען „רעגלמעסיק", אַ שטייגער, פיר מאָל אַ יאָר, — פלעגט זיך נאָר באַווייזן, פלעגט ער זיין פון די ערשטע, וואָס פלעגט גלייך ביי דער ערשטער ידיעה בטולדיק פאַרקנייטשן דעם ברייטלעכן און דיקן נאָז, אַ קרים טאָן מיטן פאַרביטערטן מויל:

— עך, טשודאַקעס!... און עס דערעסט זיי גאָר ניט... ווידער אַ שפּילעכל!... ס'וועט האָבן אַן עקזיסטענץ נישט לענגער ווי אַ קיקיון־דיונה... אָט וואָרט: איר וועט זען מיינע רייד.

ער גייט דערנאָך אַרום די גאַנצע צייט צווישן קאָלעגן, אַ פאַרטאַראַראַמעוועטער, נישטערט, שמעקט — דערוויסט זיך, וואו עס האַלט איצט מיט אָט דער נייער אויסגאַבע:

— אפשר גוססט זי שוין?... אפשר איז שוין אָט־אָט?...

ער פלעגט טאַקע זיין פון די ערשטע, וועלכע פלעגן ענדלעך אָנהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען פון „זיכערע קוואַלן", אַז — „ס'האַלט שוין שמאָל, זייער שמאָל"... ווייל ס'איז בסך־הכל נישטאָ ביי זיי, ביי די שלעפערס, מיט וואָס צו באַצאָלן דעם דרוקער... דער נייער נומער? דער איינבינדער וויל אים נישט אַרויסגעבן צום פאַרקויף, איידער מען וועט אים נישט באַצאָלן דעם חוב פאַרן פריערדיקן...

— כאַ־כאַ, איך וועל אייך דערציילן עפעס שענערס... אפילו דער ערשטער נומער זייערער ליגט נאָך אויך ווי אַ קלאָץ ערגעץ אין אַ קעלער און פוילט...

— וואָס איז — פּלעגט ער נקמהדיק טריאומפירן אָט פאַר דעם, אָט פאַר יענעם אין קאָפּע, — ס׳איז דען דאָ, האָט איר גע־גלויבט, ווער עס זאָל נעמען ביי אונדז אין האַנט אַריין אַ גוטן קינסטלערישן זשורנאַל?

זיין נקמה־געפיל איז געווען געווענדט, הייסט עס, ניט קעגן אָט יענע עטלעכע ענטוזיאַסטישע בחורים, נאָר בכלל... מילא, אַ צייטונג — פלעגט ער איינגעשפּאַרט און פאַרביסן נעמען באַלד איינטענהן מיט דעם מיטשמועסער זיינעם —. מילא אַ צייטונג איז נאָך עפּעס אַנדערש. דער „גרינער" זוכט זיך צו אָריענטירן אין דעם נייעם לעבן אַרום אים, האָט ער בכלל קיין אַנדער ברירה ניט... איז ווען אפילו ער האָט פריער, אין דער „אַלטער היים", קיין אידיש ניט געלייענט, הויבט ער דאָ אָן צו לייענען אידיש... און אפילו אַ צייטונג? — גייט ראַמבאַם אָן מיט זיין באַליבטער טעאָריע, — אַזוי גיך ווי ער לערנט זיך אויס אַביסל ענגליש, קויפט ער שוין אַ „וואָרלד", צי אָן „איוונינג דזשוויר־נאַל"! סיידן אפשר, ווען ער זוכט ספּעציעל־אידישע נייעס: אַ שטייגער, אַ פּאָגראָם „אויף יענער זייט", נייע גירושים, פרישע גזירות אויף אידן, די אייביקע אַנטיסעמיטישע נגישות אין דער „אַלטער היים"... אָבער אַ בוך? נאָ סערדי! אַ קינסטלערישן זשורנאַל! גייט שוין, גייט...

און ראַמבאַמס רויטע נאָז גליט אַזש פון דעם תענוג פון אַ „מענטש מיט איבערצייגונגען".

אַז ס׳גייט אָבער איבער אַ חודש, און אַ צווייטער, און אַ דריטער, און די נייע אונטערנעמונג עקזיסטירט נאָך אַלץ, הויבט אָן דעמאָלט משה ראַמבאַם אַרומגיין אָן אַ קאָפּ ממש. אַ צע־טומלטער אין זיינע זיכערע חשבונות, אַ פאַרלוירענער, אָן אַנ־טוישטער אין זיין וועג. כאָטש ער איז נאָך אַלץ זיכער, אַז ס׳איז גאָרניט — ס׳איז בלויז אַ צופאַל. „איט׳ס נאָטינג, דער קריזיס האָט זיך בלויז אויף אַ ווײַלע לענגער פאַרצויגן... נאָך אַ וואָך, נאָך אַ וואָך — ווי לאַנג וועלן זיי דען אויסהאַלטן דאָרט, די שלימזלס? זיי וועלן עלטער ווערן — וועלן זיי קליגער ווערן... פּונקט, ווי ער".

אָט דערפאַר איז ער עס היינט געווען אין אַזאַ פראַכטפולער

שטימונג שוין גלייך ווי ער איז אַריין אין קאַפע: היינט איז געווען ז י י ן טאָג, אַ טאָג פון נצחון! ער האָט געקלאַפּט, מעשה עלטערער און געניטער קאָלעגע, — אַלנפאַלס, אַ קאַפע־באַזוכער מיט אַ סטאַזש פון אַ סך, אַ סך יאָרן — אינגערע שרייבערס איבער דער פלייצע. זיינע באַנקעוואַטע אויגן, ווי ביי אַ ים־ראַק, האָבן היינט אַלעמען אַרומגעטאַפּט עפּעס אַזוי ליבלעך, האָבן היינט צו יעדן איינעם אַזוי צוגעלאָזט געשמייכלט, כאָטש ער איז געווען אַזוי אומגעוויינטלעך דער דאָזיקער שמייכל, און האָט אַזוי ווייניק געפּאַסט צום פּנים זיינעם.

— נו, איז וואָס הערט זיך עפּעס גוטס, חברה? עס איז אַלראַיט, האַ? ווער וויל אויף מיר אַ „קאַפּע” קאַפע? איך טריט...*)

*) טראַקטיר.

פערטער קאַפּיטל.

כמעט ווי אַ המשך פונם פאָריקן קאַפּיטל. — רינגעלעך פון רויך און ווערטער ווי רויך. — יונג און פאַרסמט. — ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז כמעט יעדערער אין אָט דעם אָרט גייט אַרום מיט זיין אייגענער וואונד. — ביטע, דער ליבער לעזער קאָן זיי באַטראַכטן ביי די יעניקע, ביי וועמען די דאָזיקע וואונדן זיינען ניט אַזוי טיף.

א.

יאָ, היינט איז עס אים געגאַנגען, ס׳האָט אים געגליקט...

אַ טריפּענער מזל ממש: אַליין די געטער פון ירידה, פון אָפּהענטיקייט און פון זאַטן צווייפל, — אַליין אָט די פעט־שמאַלציקע און פּוזעוואַטע געטער, מיט זייערע שמאַלינקע און כיכיכנדיקע אויגעלעך, האָבן איצט אויף אים רחמנות געקראָגן... זיי האָבן שוין פשוט מער ניט געקאָנט צוזען זיין צער און פּיין, און האָבן אים אַרונטערגענומען אונטער זייערע, אין פלוג אָפּ־קילנדיקע און קאַלטע, אָבער אין אמתן וואַרימע און וואַרימענדיקע פליגל.

עס האָט געהערשט היינט אין קאַפע, נאָך סאַמע פון פריי־מאָרגן אָן, פון אַרום צוועלף אַזייגער ווען עס באַווייזן זיך די „ותיקין״ (די ערשטע קאַפע־באַזוכער), עפּעס אַ געדריקטע שטי־מונג צווישן דעם שרייבער־עולם. מען איז געזעסן אַלע מיט אַראָפּגעלאָזטע נעזער און מיט אַ טיפן טרויער אויפן פנים. אויף ראַמבאַמס שאַבלאָן־לוסטיקע באַגריסונגען און פאַני־בראַ־טישן פאַטשן אין די פּלייצעס האָט זיך קיינער ניט אָפּגערופן.

— וואָס קאָן דאָס זיין ?... אפשר אימיצער געשטאָרבן ?

— האָט ראַמבאַמען אַ זעץ געטאָן אין די שלייפן און אַ סימ־פּאַטיע־געפיל האָט אים אומדערוואַרט אינגאַנצן אַדורכגענומען.

— נו יאָ, אוודאי — האָט ער אָנגעהויבן צו פילאָזאָפירן. — דער טויט אין אונדזערע רייען איז טאָפּלט טרויעריק... ווייל ניט מען שטאַרבט ביי אונדז, נאָר — מען ש ט אַ ר ב ט א ו י ס...

אַז עס שטאַרבט אימיצער, בלייבט שוין אויף אייביק אַ ליידיק אָרט: קיין אַנדערער אויף זיין אָרט קומט דאָך שוין ניט צו.

— אָדער — איז באַלד שוין ביי אים דאָס אומגעריכטע סימפּאַטיע־געפיל פאַרשוואונדן, און האָט געמאַכט אַן אָרט פאַר אַן אַנדער געפיל, אַ באַקאַנטס און אַ ביטערלעך־חוזקדיקס — אפשר איז ווידער עפּעס אַ זשורנאַל אונטערגעגאַנגען? אַי־אַי־אַי... אַ בער אין וואַלד האָט געפּגרט...

ביסלעכווייז אָבער, ביסלעכווייז — די אינפאָרמאַציע איז צום־ערשט געקומען ניט־גערן און שווער, דורך האַלבע ווערטער און שטומע געקנייטשטע העויות — האָט זיך ראַמבאַם דער־וואוסט, וואָס עס האָט דאָ פּאַסירט אַזוינס.

שולדיק איז היינט אין דעם אַלעמען געווען דער „אַלטער", דער באַרימטער פּאָעט פּ ע נ ד, דער אַלטינקער מיט די בייזע־שפּיזיקע אויגעלעך אונטער די גרינלעכע ברילן, וואָס פלעגן פינקלען תמיד אַזוי פאַרדעכטיק און אַזוי אויפגערעגט; מיט די נערוועזע קיך־מוסקלען, וואָס פלעגן האַלטן נאָכאַנאַנד אין איין קראַמפּהאַפטן אויפהייבן און אַרונטערלאָזן זיך, פּונקט ווי ער וואָלטן זיך געקליבן יעדע מינוט זיך אַרויפצוואַרפן אויף אי־מיצן און בייסן, בייסן, בייסן.

ע ר האָט עס אויפגערודערט אַלעמענס געמיטער ביי דעם ליטעראַטור־טיש אַזוי טרויעריק, ער האָט עס אַנגעווייעט דאָ אויף אַלעמען אַן איכה־שטימונג... אָט די טראַגישע איכה־שטימונג איז נאָך געווען אַ סך שטאַרקער און שאַרפער דערפאַר, וואָס גראַד פּונקט פאַר איר האָט זיך דאָ אָפּגעשפּיגלט אַ לוסטיקע סצענע, אַ קאָמישע סצענע, פון וועלכער דער עולם האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק... דער איבערגאַנג איז געווען ווי פון מיטן־טאָגיקער זוניקייט צו פּלוצלונדיקער טיף־נאַכטיקער פינצטערניש.

פּערל — דאָס יונגינקע דיכטערל מיטן צאַרטינקן פּנים פון אַן אומשולדיק מיידל — פלעגט האָבן אָפּגעשניטענע יאָרן פונם רעדאַקטאָר פון דער צייטונג, וואו ער, פּערל, איז געווען אַ רע־פּאָרטער. פּערלען האָט דער רעדאַקטאָר לכתחילה אויפ־געכאַפּט, ווי אַן אבן־טוב, אַזוי גיך טאַקע, ווי ער האָט אויסגע־

פונען, אַז יענער האָט ערשט מיט אַ פּאָר חדשים פּאַר דעם „גע־פינישט" קאָלעדזש און איז דאָך שוין דעריבער במילא געווען אַ גוואַלדיקער ענגליש־קענער און אַ גרויסער שרייבער. גאָט און לייט האָבן מקנא געווען דעם יונגינקן פּערלען, וואָס אים האָט זיך אַזוי גיך און גרינג געטראָפן אַזאַ גרויס גליק...

מאַכט זיך אָבער, אַז דער רעדאַקטאָר געפינט אויס, אַז פּערל שרייבט אויך לידער — און דווקא אויף אידיש!

אַזאַ סקאַנדאַל! דער רעדאַקטאָר האָט אַזעלכע דערשיינונ־גען באַטראַכט שיער ניט ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג, ווי אַ שרעקלעכן פּאַטש־אין־פּנים! זיין שנאה צו אַזעלכע „קריינקס" פלעגט ווערן פונקט אַזוי גיפטיק א י צ ט, ווי זיין איבערגע־טריבענע ליבע — פריער.

דער רעדאַקטאָר האָט אויף אים איצט געוואָרפן אַ געוואַל־דיקן אומחן, האָט אים אָנגעהויבן שרעקלעך רודפן און פאַר־ביטערן דאָס לעבן, מאַכן ענג זיינע טריט אין רעדאַקציע.

אָבער דאָס קאָמישסטע איז פּאַרגעקומען ערשט די טעג:

נאָך אַ צוויי־יעריקער לירישער־רירנדיקער ליבעס־שפּיל האָט פּערל מיט אייניקע וואָכן צוריק חתונה געהאַט, און דאָ ערשט האָבן זיך אָנגעהויבן זיינע גרויסע פּיינען און ווייטאָגן. ביז לעצטנס, ווי איינער, וואָס קען געלויפיק די ענגלישע שפּראַך, פלעגט ער אין רעדאַקציע קומען אַרבעטן בלויז בייטאָג און אין אָוונט, ווי אַ רעפּאָרטער. אָבער דער רעדאַקטאָר האָט איצט גע־זען אַ גלענצנדיקע געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיטן יונגן שנעק, וואָס איז אַריינגעפאַלן ביי אים אין אומחן (ווער עס האָט חתונה היינטיקע צייטן, מישטיינס געזאָגט!...) גלייך נאָך דער חתונה האָט פּערל געקראָגן פון זיין רעדאַקטאָר אַן אינטערע־סאַנטן דרשה־געשאַנק: ער איז באַשטימט געוואָרן ווי אַ נייעס־שרייבער... דער אָרימער פּערל, וועלכער האָט געמוזט איצט אויפשטיין אַרום פיר אַזייגער פּאַרטאָג, האָט שוין געהאַט דע־ריבער זיינע גרונטן אויף צו פילן זיך דער אומגליקלעכסטער ערשט־פּאַרהייראַטער מאַן אין דער גאַנצער וועלט.

דער אָרימער יונג איז אַרומגעגאַנגען גאָר אינגאַנצן אָן אַ קאָפּ; אָבער דער עולם אין קאַפע — דער בייזער עולם, דער

גלייכגילטיק־אָפּשפּעטערישער עולם — האָט געלאַכט אין די הויפּנס, האָט זיך אַזש געשטיקט לאַכנדיק... און דאָ דאַרף זיך אויפן אָרימען דאַרינקן דיכטער־יונג, אויף פּערלען, אונטערדרוקן אַ צווייטער אומגליק, — אַז עס הויבט שוין איינעם אָן גיין נישט גוט, גייט עס אים שוין ניט נאָכאַנאַנד... כאָטש די דאָזיקע צווייטע פּאַסירונג, די אומגליקלעכע פּאַסירונג, האָט לכל־הפּחות פאַרמאַכט אַלעמען די צערפּעטע מיילער, האָט אַנטשטומט דאָס וואָלוועלע, גראָב־הויטיקע געלעכטער אויפן חשבון פון אַ מענטשנס איידעלסטן וויטאָק!...

יאָ, מען האָט עס אַלץ ראַמבאַמען ביסלעכוויז דערציילט... עס האָט פּאַסירט אָט־וואָס:

דער נעמלעכער פּערל, דער דיכטער מיטן איידל־ווייך פּנימל פון אַ מיידל און מיט די בלאָנדע האָר אויף אַזעלכע ווייכע, געקרייזלטע און מיידלשע — איז דאָ היינט צום ערשטן מאָל פאַרגעשטעלט געוואָרן דעם אַלטן גרויסן דיכטער פּענעך.

ביי פּערלען איז דאָס געווען אַ זעלטענער און געהויבענער מאָמענט: אפשר דער וויכטיקסטער אין זיין גאַנץ יונג לעבן... ער האָט שוין לאַנג, זייער לאַנג אויף דעם אויסגעקוקט. דער נעמלעכער אַלטער דיכטער — שוין באַלד מיט איין פוס אין גרוב; אַלנפאַלס, אַ האַלבער אינוואַליד, מיט אייניקע פּאַראַליזירטע קערפּער־טיילן — פּלעגט זיך דאַך זעלטן באַווייזן אין קאַפע. דאָס יונגע אָנפּאַנגערישע האַרץ פון דעם נאַאיוון בחור האָט אַזש געפּלאַטערט פון פרייד מחמת אָט דער ניט־געריכטער באַגעגעניש. אפשר וועט ער ד אָ דערהערן דאָס טרייסט־וואָרט, וואָס ער האָט גראַד איצט אַזוי נויטיק געדאַרפט, אַ קעגן־ווירקונג קעגן די אַנטמוטיקונגען און פאַרפאַלגונגען פונם גרויסן רעדאַקטאָר, פונם ריזיקן רעדאַקטאָר? אָבער אים האָט דאָ ווידער נעבעך דערוואַרט אַ נישט־אָנגענעמע איבעראַשונג.

דער חשובער קלאַסיקער, אַנשטאָט צו געבן דעם יונגן דיכטערישן שפּראָצלינג אַ קניפּ אין בעקל אַריין, און זאָגן אים אַ וואַרימען דערמוטיקנדיקן וואָרט, האָט גאָר אויף אים דראָענדיק אויפגעהויבן זיין אַלטן סענקעוואַטן שטעקן... מיט זיידעשן גרימ־

צאָרן האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן יונגעטשקן, ניי־צוגע־קומענעם נביא אין דער מחנה:

— אַ, אומגליקלעכער אינגל, וואָס איר זענט... אַ, יונג קעלבעלע... כ׳האָב איבערגעלייענט אייערע צוויי לידלעך... איר האָט דאָך טאַלאַנט, טאַלאַנט! — האָט ער זיך צעשריען אויפן דערשראָקענעם בחורל, פּונקט ווי ער וואָלט אים אויפגעוואָרפן אַ גוואַלדיקן חטא. — אַ זאַך, וואָס די אַלע דאָ אַרום (האָט ער געמאַכט מיטן שטעקן אַ ברייטע באַוועגונג אַרום זיך, ווי אויף אַריינצונעמען דעם גאַנצן עולם שרייבער אין קאַפע) הויבן אפילו ניט אָן צו פאַרמאָגן!... איז גייט איר זיך פאַרביטערן אייערע יאָרן, אַוועקגעבן אייער גאַנץ לעבן — אַ גאַנץ לעבן! — אַזאַ פאַסקודנער, אַזאַ ניט־דאַנקבאַרער ליטעראַטור, ווי דער אידישער? ענגליש דאַרפט איר שרייבן, שנעק איינער, ענגליש! ענגליש!... עך, איך וואָלט עס אַליין אויך געטאָן ווען איך וואָלט ניט גע־שטאַנען שוין מיט איין פוס אין קבר...

הייסט עס, ער אויך... אַט האָסטו דיר אַ טרייסט! זיין גרינלעך אָפּגעבליאַקעוועט פּנים איז אַזש רויט געוואָרן פון אויפ־רעגונג. ער האָט זיך אַזוי מוראדיק פאַנאַנדערגעהוסט, אַז ער האָט אַזש ניט געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

— אַנטלויפט, אַנטלויפט... — האָט ער קוים אַרויסגערעדט אינמיטן דעם שטיקנדיקן קייכענדיקן הוסט. — אַנטלויפט כל־זמן איר קענט נאָך... יונגערמאַן, איך וואָרן אייך! היט זיך פון צו ווערן דער אומגליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט, — אַ אידישער שריפטשטעלער אין אַמעריקע...

ב.

איז אַט אַרום דעם האָט זיך עס געדרייט דער גאַנצער שמועס נאָכדעם ווי דער אַלטער דיכטער איז אַוועק, און איידער נאָך ראַמבאַם איז אַהער אַריינגעקומען. אַט דער שמועס האָט אַלע־מען פאַראייניקט, צונויפגעשמידט, צונויפגעקיטעוועט די באַזונ־דער און געווייניטלעך יעדער פאַר זיך ריידנדיקע קינסטלער אין איין גאַנצער עדה, — אַ זעלטענע זאַך... און מסתמא דערפאַר איז עס ראַמבאַם דאָס מאָל געווען דאָ אַזאַ אָנגעלייגטער גאַסט.

דער גרויסער ראָמאַניסט, — מיטן נאָך גרעסערן פּליך זיי־נעם, אַ פליך פון אויער ביז אויער, מיט ריזיקע האָרן־ברילן, וואָס זיינען ביי אים געזעסן סאַמע אויפן שפּיץ פון דער נאָז, דער גלאַנציקער און קיילעכדיקער ווי אַ מעשענע גאָלקע — ער האָט זיך צו ראַמבאַמען דער ערשטער נאָענט צוגערוקט: אָך, מען האָט זיך באַדאַרפט איצט טוליען צו ראַמבאַמען, וויבאַלד אַז זיין צד הויבט אָן מנצח זיין... און אפשר איז עס געווען דערפאַר, וואָס עס האָט אים גאָר פאַרדראָסן: ס'איז שוין העכער אַ שעה צייט, אַז די גאַנצע אויפמערקזאַמקייטביים טיש ווערט נאָך אַלץ געשענקט דעם אַלטן און קראַנקן דיכטער, כאָטש יענער איז שוין לאַנג דאָ ניטאָ...

קאָנטיק, אַלנפאַלס, אַז ער האָט באַשלאָסן אריינצונעמען ראַמבאַמען אין קרייז פון זיין צוטרויען, אים מקרב זיין. ער האָט וואָס אַמאָל אַלץ נענטער צוגערוקט זיין שטול צו אים, ביז ער האָט זיך כמעט ווי אָנגעשפּאַרט מיט דער ברוסט אָן ראַמבאַמס אַקסל. ער האָט אָנגעהויבן ריידן צו אים פאַרטרוילעך האַרציק אַזוי, אין אַ טאָן פון אַן אינטימען ודוי:

— זיי ריידן דאָ אַלץ וועגן אים, וועגם דעם „קלאַסיקער" אונדזערן... איך האָב פאַר אים, פאַרשטייט זיך, דעם גרעסטען רעספּעקט... ער האָט זיך זיינע פאַרדינסטן, זיין אָרט... כאָטש זיי געהערן שוין, לויט מיין באַשיידענער מיינונג, מער דער פאַר־גאַנגענהייט איידער דעם בילד פון דער איצטיקער אידישער לי־טעראַטור... אָבער ס'איז נישט וויכטיק... וואָס ווייסט מען ביי אונדז, וואָס עס טוט זיך ביי אַ שרייבער אויף דער נשמה... ביי יעדן איינציקן... נעמט אַ שטייגער, כאָטש מיך אַליין... איך בין שוין, ווי איר קוקט מיך אָן, אַ איד אַריבער פופציק... („אַריבער זעכציק", האָט ראַמבאַם בשעת־מעשה ניט פאַרפעלט אין גערדאַנק אויסצובעסערן די אָנגעגעבענע דאַטע). איך שרייב שוין, ווי איר ווייסט, אַוודאי העכער דרייסיק יאָר! און שטעלט אייך פאָר, — איך וועל אייך אַנטדעקן איצט דעם ריינעם אמת: די גאַנצע צייט כמעט, וואָס איך שרייב, שרייב איך מיט שוואַכן גלויבן אין דער צוקונפט פון דער אידישער ליטעראַטור דאָ אין לאַנד — און ניט גאָט ווייס אין וואָס פאַר אַ ווייטער און אומבאַשטימטער

צוקונפט, נאָר אין דער סאַמע נאָענטסטער און באַשטימטסטער.
איר פאַרשטייט, וואָס דאָס הייסט? ד י ג אַ נ צ ע צ י י ט!

זיינע ווערטער האָבן פייכט און וואַרעם אָנגערירט ראַמ־באַמס לינקן אויער. אים איז זיין פּאָזיציע ניט געווען אָנגענעם, ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט שווערקייט, האָט זיך אויף דעם ראָמאַניסטס רייד מיט קיין וואָרט ניט אָפּגערופן, נאָר האָט בלויז אויף יענעם אויסשפּירנדיק געקוקט. יענער אָבער, דער־מונטערט פון אָט דעם צייכן פון אויפמערקזאַמקייט, האָט זיך נאָך מער פאַנאַנדערגעהיצט.

— וואָס? — האָט ער אויף ראַמבאַמען ווידער געהויכט פון גאָר נאָענט מיטן גרויסן פליישיקן מויל זיינעם, פון וועלכן עס האָט זיך געטראָגן ניט גאָר קיין פרישער ריח. — וואָס? מיט אַ שוואַכן גלויבן, האָב איך געזאָגט? ניין, מיט זייער אַ שטאַרקן גלויבן! כאַ־כאַ!—האָט ער זיך דראַמאַטיש פאַנאַנדערגעלאַכט,— מיט אַ שטאַרקן און פעסטן גלויבן! מיט אַ גלויבן, אַז איך — פונקט ווי איר, קאָלעגע ראַמבאַם, פונקט ווי מיר אַלע — זיינען די לעצטע דאָ, סאַמע דער לעצטער דור... מיר שטעלן דאָ מיט אונדזער אַרבעט דער אידישער ליטעראַטור אַ שיינע מצבה, דאַצאָל... איך בין איבערצייגט, אַז אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור וועלן מיר טאַקע אַזוי פאַרצייכנט ווערן: „דער דור פון די מצבות־שטעלער"...

ג.

ראַמבאַם האָט געשוויגן. אים איז דאָ איצט ניט נויטיק געווען צו ריידן — אָ, איצט האָבן שוין אַנדערע גערעדט פאַר אים... פאַרקערט. ער נעמט פּלוצלונג און שטעלט זיך אַוועק אין דער ראָליע פון אַ סניגור גאָר — גלאַט אַזוי, מחמת דעם געוויינלעכן אומבאַוואוסטזיניקן צו־להכעיס־געפיל פון יעדן דעבאַ־טאַנט בעת אַן אַמפּעריי. ס'האָט אפשר, אים אויך פאַרדראָסן וואָס יענער האָט זיך שוין צופיל צעלאָזן פאַר אים מיט זיין ודוי... זע נאָר, סאַראַ וועזן ער מאַכט עס פון זיך! און ס'קען אויך זיין, אַז מיט זיינע כלומרשט־אָפּטימיסטישע רייד האָט, ראַמבאַם, בלויז געוואָלט יענעם נאָך מער „אַרויסציען".

— נו, וואָס ווילט איר — האָבן זיך באַוויזן עטלעכע אָנגעכמורעטע קנייטשן אין דער לייַנג און אין דער ברייט פון ראַמבאַמס שטערן — ס'מוז שוין אַזוי זיין, וויבאַלד אַז אונדזער לעבן דאָ אין לאַנד איז דאָך מער נישט ווי אַן אימיגראַנטן־לעבן... ביי אַלע פעלקער פון דער וועלט איז אַן אימיגראַנטן־לעבן אַ זאַמדיקער, אומזיכערער באָדן... נעמט די היגע דייטשן, די איטאַליענער, די...

אַך, ווי פיין זיי האָבן עס ביידע זיך געביטן איצט מיט די ראָלן... דער גרויסער ראָמאַניסט האָט זיך מיט יעדער מינוט אַלץ מער צעקאָכט — אַ סימן האָט איר, אַז ער האָט האַסטיק אַ הויב אויף געטאָן זיינע ריזיקע האָרן־ברילן פון דער נאָז און זיי געגעבן אַ זעץ אַרויף אויפן שטערן. פון דעם זיינען זיינע קורצזיכטיקע אויגן געוואָרן קלענער, קלעפּיק און רויטלעך אַזוי.

— אימיגראַנטן־לעבן, זאָגט איר? — האָט ער זיינע פייכטלעכע, קורצזיכטיקע אויגן רחמנותדיק אַזוי צוגערוקט נאָענט צו ראַמבאַמס זקניש־אַרונטערהייַנגענדיקע באַקן. — אָבער ליבינקער... ווער פון אונדז האַלט עס דען, אַז מיר זיינען דאָ בלויז אַן אימיגראַנטישער ערב־רב, מיט אַ קיקיון־דיונהדיקן לעבן, און מעג זיך עס אפילו ציען ניט קיין טאָג בלויז, נאָר גאַנצע עטלעכע צענדליקער יאָרן! ווער פון אונדז האַלט עס אונדזער לעבן דאָ בלויז פאַר צויטן, פאַר פרענדזלעך פון דעם לעבן פון אַ פאָלק, וואָס זיין הויפּט־מאַסע געפינט זיך ערגעץ אַנדערש־וואו, אַ שטייגער, ווי עס געפינען זיך דאָ אימיגראַנטן־קבוצים פון *אַנדערע* פעלקער? *מיר* האַלטן זיך דאָ פאַר אַן עיקר־טייל, אויב ניט פאַרן וויכטיקסטן צווייג — ניין, פאַרן שטאַם פונם גאַנצן אידישן פאָלק!

אויף אַ ווײַלע האָט ער אָפּגעשטעלט דעם אימפּעטדיקן שטראָם פון זיינע ווערטער. מיט אַ ציכטיק־ווייס, צונויפגעפאַלדעוועט טיכעלע האָט ער אָנגעהויבן אַרונטערווישן דעם שפּעדיקן שווייס פון זיין שטערן. ער האָט געוואַרט, קאָנטיק, אויף אַ דערווידערונג מצד זיין אָפּאָנענט. נאָר ראַמבאַם האָט בלויז שווייגנדיק אַריינגערוקט די נאָז זיינע אין זיין טעפל קאַווע. וואָס האָט ער אים געקענט ענטפערן? ער אויך האָט דערווייל

גערוואָרט, — געוואָרט אויף זיין געלעגנהייט. דער גרויסער ראַ־מאַניסט האָט מיט זיין נאָזטיכל געווישט דעם שוויצנדיקן שטערן, דעם רויט־געוואָרענעם קאַרק.

— און מיט רעכט אויך! — ניט געקוקט אויף ראַמבאַמס שווייגן, וואָס מען האָט געקענט אָננעמען ווי אַ הסכמה, האָט יענער זיך פונדעסטוועגן אַלץ ווייטער געהיצט. — אפילו רייך־קוואַנטיטאַטיוו זיינען מיר דאָך אויך דאָס גרעסטע שטיק פונם אידישן פאָלק — אויף איין אָרט, אין איין לאַנד! הם, „אימי־גראַנטן!“ — האָט זיך אין אים באַלד דערוועקט זיין אַמערי־קאַנישער פּאַטריאָטיזם. — איך בין טיף איבערצייגט: מיר ווערן דאָ איינגעוואָרצלט אַ סך טיפער ווי אין וועלכן ס'איז אַנדער לאַנד פון אונדזערע ביז איצטיקע וואַנדערונגען. שטימט איר נישט איין מיט מיר?

ער האָט ווידער אַרונטערגעלאָזט די בריקן פון שטערן אויף דער נאָז אַרונטער און האָט חניפהדיק פאַרקוקט ראַמבאַמען אין די אויגן אַריין.

— אוודאי אַזוי... — האָט זיך אָפּגערופן איינער אַ פּאָר־שוין ביים טיש, וועלכער האָט פון דעם ראָמאַניסטס לאַנגע רייד אויפגעכאַפּט בלויז די לעצטע ווערטער. — אוודאי אַזוי... — האָט ער זיך ביטער אַ וויצל געטאָן. — ווייל פון דאַנען — איז כאַטש אין וואַסער אַריין...

לייזגער קען אָבער שוין ראַמבאַם נישט אויסהאַלטן די פאַלשע ראָלע זיינע פון אַ סניגור — דאָס גייט דאָך, סוף־כל־סוף, קעגן זיין גאַנצן וועזן... אין זיין האַרץ הויבט עס ווידער אָן עפּעס צו קאָכן; אין די אויגן בליצט אויף אַ קרענקלעך אומ־געדולדיק פייערל: „וואָס פּיעסטשעט ער זיך אַזוי, דער אַלטער?“ פאַרזיכטיק, פאַרזיכטיק הויבט ראַמבאַם אָן צו בויגן דעם שטעקן אויף צוריק.

— נו, איך בעט אייך, קאָלעגע... הלמאי אַזוי שטאַרק אי־בערטרייבן... צוליב וואָס מאַכן דערפון אַזאַ מוראדיקע טראַגע־דיע... אָט די אַלע אומעדיקע רייד דרייען זיך דאָך רק אַרום דער אידישער שפּראַך! איז ערשטנס, וואָס איז אַ שפּראַך גאָר אינגאַנצן? איר ווייסט דאָך וואָס עס האָט געזאָגט וועגן דעם

ענין דער באַרימטער... דער — ווי הייסט ער דאָרטן... היינט וועד רעדט שוין פון אונדזער קולטור — אין אונדזער קולטור איז דאָך שפּראַך קיינמאָל ניט געווען קיין תוך־זאַך... ביי אידן איז שפּראַך תמיד געווען אַ לבוש בלויז, — מיר האָבן, דוכט זיך, דורך אונדזער גאַנצער געשיכטע נאָכאַנאַנד אַנגעטאָן און אויסגעטאָן שפּראַכן... וועט צוקומען נאָך אַ שפּראַך אַן אויס־געטאָנענע...

— הערט... אָט דאָס, אייגנטלעך, האָב איך דאָך אייך אפשר געוואָלט זאָגן... — האָט פּאָרזיכטיק זיך אָנגעכאַפּט דער אַל־טער ראָמאַניסט, אַ דערפרייטער וואָס ראַמבאַם האָט ענדלעך פּאַנאַנדערגעבונדן די צונג. כאָטש ער האָט נאָך דערוויי׳ל ניט געוואוסט ווי ווייט ראַדיקאַל עס וועט זיין ראמבאמס אפיקורסות, און צי קען ער זיך דעריבער סאָלידאַריזירן מיט אים דורכאויס און אויף צו־פריער. — כ׳מיין אַזוי אויך...

— יאָ... יאָ... וואַרט נאָר... איך בעט אייך... שלאָגט ניט איבער׳... — האָט ראַמבאַמס קול געגומען קלינגען פעסטער, שוין ניט אַזוי הייזעריק ווי אין אָנהויב. — צוליב וואָס דאָס דאַזיקע קלאַמערן זיך מיט ציין־און־נעגל? נו, הכלל, אידיש גייט דאָ אונטער... איז צוליב וואָס אַזאַ היסטעריקע? אַלע שפּראַכן פון די פרעמדע איינגעוואָנדערטע פעלקער גייען דאָ אונטער... צענ־דליקער, צענדליקער פון זיי... מיט וואָס זיינען מיר עס גרע־סערע מיוחסים פון אַנדערע? ס׳איז אַלץ אונדזער אַלטער וואויל־באַקאַנטער אתה־בחרתנו!

ד.

די גאַנצע צייט זשאָנגלירן די קעלנער קונציק אַרום די טיש־לעך. אין איין האַנט — אַ טעלער פּאַרענדיקע זופּ; אין דער צווייטער — אַ טאַץ מיט געפּרעגלטע שניצלעך, געדושעטע קאַלבס־צונג, געדעמפּטע פּיסלעך, פּאַרברוינטע קאַשע... אונטער די פּאַכוועס — פלעשער מיט קאַלטע געטראַנקען, מיט סעלערי־טאָניק, מיט סאַספּאַרעלאַ, מיט אינגבער־אייל. זיי קירעווען אַלץ אַרום און אַרום דעם צענטער־טיש, זיי מיידן אים אויס, ווי אַ גע־פערלעכן שטורמישן אָרט אויפן ים. דער דאַזיקער טיש מעג זיך

טאַקע איצט זיין דער צענטער פון גאַנצן קאָפּע, אָבער די קעל־נער באַטראַכטן אים, און דעם אַרומגעקליבענעם עולם אַרום אים, קרומלעך און פונדערזייט:

— זיצן שוין אַזאַ לאַנגע צייט ביי ליידיקע גלעזלעך קאַווע, אַנגעוואָרפן און אָנגעמיסטיקט אויפן טישטוך, אומעטום אַש און ציגאַרעטן־שפּיצן... מאַכן יעדעס מאָל קאַליע אַ טישטוך... און וואָלטן זיי כאָטש עפּעס באַשטעלן... זיצן בלויז און האַקן אַ טשאַיניק...

ביים טיש גופא איז שוין לאַנג פאַר קיין נייעם גאַסט קיין אָרט ניטאָ; שטייען די ערשט־אונטערגעקומענע מענטשן געדיכט הינטער די זיצנדיקע. מען שטייט קאָפּ אויף קאָפּ, און דער רינג אַרום טיש ווערט וואָס אַמאָל שטייפער, ענגער, הייסער.

דער גרויסער ראָמאַניסט גיט לסוף אַ טראַכט, אַז ער האָט אפשר איבערגעכאַפּט די מאָס — ניין, אַזוי ווייט וויל ער פונ־דעסטוועגן ניט גיין מיט ראָמבאַמען... ער האָט זיך דעריבער געקליבן איצט אַריבערגיין אַ ביסעלע אין דער אָפּאָזיציע: מען דאַרף פונדעסטוועגן אַ ביסל זיך אָפּטיילן פון אים, פון אָט דעם געוועזענעם אויך־מיר־פּאָעט. אָבער איידער ער האָט נאָך צייט ווי געהעריק צו פאָרמולירן זיין ענטפער, טרעפט אים אַן אַטאַקע פון גאָר אַן אומגעריכטער זייט — אַן אַטאַקע טאַקע פון הינטן. ער האָט זיך שווער און אומגעלומפּערט אויסגעדרייט אויף זיין שטול אָנקוקן דעם אומגעריכטן שונא.

דער דאָזיקער אָנפאַל איז געקומען מצד איינעם פון די גאָר „יונגעטשקע" — דער אַלטער ראָמאַניסט האָט שוין לאַנג גע־וואוסט, אָדער געפילט, אַז „יענע" טראָגן אַ האַרץ אויף אים.

אַך, אַזאַ איינער וואָלט דאָך, געוויינטלעך, די העזה אַפילו ניט געהאַט זיך צו ווענדן צו אים מיט אַזאַ דרייסטן טאָן, מיט אַזוי פיל זעלבסט־זיכערקייט, מיט אַזוי פיל חוצפה כמעט... נאָר מסתמא איז עס די שעה איצט געווען אַזאַ — אַ צערודערטע און אַנגעווייטאָגטע שעה איז עס געווען, וואָס האָט טיף און פיינלעך צעאַקערט די געמיטער ביי אַלעמען, און האָט דאָ, אינם קעניגרייך פון די אילוזיע־שכורים, אויסגעגלייכט „קליין" און „גרויס".

דאָס איז געווען איינער, וואָס איז געווען באַקאַנט אין די קאַפּע־קרייזן ווי אַ „צוזאָגנדיקער" בעלעטריסט, נאָך גאָר אַ יונ־גינקער בחור. זיינע שוואַרצע אויגן — נאָך בליציקע און פרישע. אָבער דערפאַר האָט אין זיין קול געקלונגען אַן אויסערגעוויינט־לעכע אַלטקייט און אַ טיפע פאַרזאָרגטקייט, שוין גאָר ניט נאָך זיין אויסזען נאָך.

— יאָ, — האָט ער זיך שוין גלייך פון די ערשטע ווערטער צעהיצט און צעקאָכט, אפשר מחמת איבערגעטריבענע זעלבסט־באַוואוסטזיניקייט (ער רעדט דאָך איצט צווישן אַזעלכע „גרויסע" !) — יאָ, אייך איז פונדעסטוועגן גוט... איר, די עלטערע, קענט עס, נאָך אַלעמען, גרינג פאַרטראָגן. ווייל וואָס איז פאַר אייך אַמעריקע ? אַן אָרט, וואו מען קען לעבן אין זיכערקייט און וואו ס'איז גרינגער צו „מאַכן אַ לעבן"... קינסטלעריש עקזיסטירט דאָך פאַר אייך אַמעריקע כמעט נישט... איר שפּייזט זיך ווי אַל־טישטקע פון דערינערונגען — ביי וועמען זיי זיינען העלער און בולטער, און ביי וועמען — שוין בלייך און וואָסערדיק... אָבער לעבט לעבט איר זיך דאָך סוף־כל־סוף אויס אין אייער אימי־גראַנטן־סביבה... און אויב איר דיסקוטירט אַמאָל איבער אַמערי־קע, ווי איר טוט עס איצט, איז עס גלאַט אַזוי־זיך, אויס וואויל־טאָג... אויס הרחבת־הדעת... עז־געץ ביי אייך אין אַ ווינקל־מח האָט איר דאָך אוודאי די גאַנצע צייט אַ באַרואיגנדיקע מחשבהלע: „מילא, נו... צו־שטאַרק דאַרף מען זיך פונדעסטוועגן די מעשה צום האַרצן ניט נעמען... אויף אונדזערע פאַרבליבענע פאַר יאָר וועט עס נאָך קלעקן"...

זיין נערוועז־ציטערנדיקער קול האָט זיך אַלע ווײַלע איבער־געבראָכן, איבערגעהאַקט. דאָס איז מסתמא געווען דערפאַר, וואָס ער האָט לכתחילה אָנגעהויבן זיין מאָנאָלאָג צו־הויך און צו־איילנדיק, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים ניט אויסהערן ; ווי ער וואָלט זיך געשראָקן, אַז מ'וועט אים חלילה ניט לאָזן ענדיקן. כאָטש ער איז דאָך ניט אַרויסגעטראָטן קעגן אימיצן פּערזענלעך — גלאַט אַזוי, קעגן די „אַלטע"... ער האָט אָבער געהאַט אַ טעות.

גאָר אומדערוואַרטעט פאַר אים אַליין האָבן זיך אַלעמענס

בליקן ביים טיש אויסגעדרייט אין זיין ריכטונג, האָבן זיך אָנ־געהאָנגען אויף אים מיט גרויס נייגעריקייט. דער דאָזיקער יונ־גינקער בחור איז געווען זייער אַ זעלטענע פּרי אין אָט די קרייזן — אַ קליינינקייט, דער יונגער דור, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַמעריקע! — זעלטן, זעלטן האָט זיך אַזאַ איינער באַוויזן דאָ אין די ליטעראַרישע קרייזן. און האָט ער זיך אַמאָל אין אַ שמיטה שוין יאָ באַוויזן, האָט מען איבער אים געציטערט ווי איבער אַ טייער בן־יחידל: מען האָט אַזאַ איינעם באַטראַכט ווי אַ צור־פעליק־פאַרבלאָנדזשעטן... ס'איז געווען ביי אַלעמען אַזאַ מין געפיל, אַז אָט־אָט, — ווי נאָר ער וועט זיך אַרומקוקן, ווי נאָר ער וועט זיך באַקענען מיט דער „אמתער לאַגע", וועט ער גלייך פון דאַנען נעלם ווערן.

אָט דעריבער, אַפּנים, האָט דער דאָזיקער בחורל געהאַט דאָ צו זיך, מצד אַלעמען כמעט, אַ זעלטן־גוטע באַציאונג. כאָטש קיין שום באַזונדערע „טאַלאַנטן" האָט ער נאָך ניט אַרויסגעוויזן, און ער האָט נאָך כמעט קיינעם מיט גאָרנישט ניט איבעררּאַשט. מען האָט אָבער געוואוסט וועגן אים, געוואוסט אַז ער איז שוין שיער ניט אַ היגער געבאָרענער: אַלנפאַלס, איז ער דאָ, אין אַמעריקאַנישן לאַנד, כמעט אינגאַנצן דערצויגן געוואָרן. און על־טערע קאָלעגן פלעגן זיך וועגן אים הינטער די פּלייצעס שושקען און סודען ווי וועגן עפּעס אַ וואונדער — ווי וועגן אַ נס...

ה.

ס'איז ניט געווען צו וויסן צו וועמען זיינע צעהיצטע און, קענטיק, זייער אויפריכטיקע רייד זיינען עס געווען איצט גע־ווענדעט — צו דעם „גרויסן ראָמאַניסט", צי צו ראַמבאַמען. גי־כער, ווייזט אויס, זיינען זיי געווען פיילן, געצילעוועט קעגן דעם גרויסן ראָמאַניסט, כאָטש געקוקט האָט ער די גאַנצע צייט גאָר אויף ראַמבאַמען.

— יאָ, אייך איז נאָך גוט... — האָט ער, אַ דערמוטיקטער פון אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט, נאָך העכער אָנגעהויבן צו שטור־רעמען. — אָבער וואָס זאָל טאָן איך? — האָט ער זיך העפטיק אַ קלאַפּ געטאָן אין ברוסט־קאַסטן אַריין. — קינסטלעריש עק־

זיסטירט ניט מער פאַר מיר קיין אַנדער לאַנד, חוץ אַמעריקע! און טאַקע ניט דאָס אימיגראַנטן־אַמעריקע, וואָס צעשטויבט זיך און צעברעקלט זיך פאַר אייערע אויגן, ניט די „איסט־סייד" — סיי אין געאָגראַפישן און סיי אין אַ מאָראַלישן זין — נאָר דאָס גאַנצע יונגע און נייע לעבן, וואָס שאַפט זיך און וואַקסט אויס אויף מיינע אייגענע אויגן, און אין וועלכן איך, מיר נעמען אויך אַן אָנטייל! און אַז איך קום צו צום דאַזיקן לעבן מיטן אידישן לשון אויף מיין פען, פיל איך מיך ווי אַ פרעמדער... ערגער נאָך: כמעט ווי אַ שטומער.

די דאָזיקע לאַנגע טיראַדע, וואָס איז פון צייט צו צייט באַגלייט געוואָרן מיט אַ זעץ אין האַרצן אַריין, איז פון אַלעמען אויסגעהערט געוואָרן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט, אפילו מיט מיטגעפיל — אַ זעלטענע זאַך אין די דאָזיקע קרייזן. קיינער ביים טיש האָט דעם יונגינקן אָנפאַנגער ניט איבערגעשלאָגן די רייד, קיינער האָט זיך איבער אים ניט קיין וויצל געטאָן, קיינער אפילו האָט אים קיין שטאָך ניט געגעבן... אַלע זיינען, ווייזט אויס, דאָס מאָל גענויגט געווען מודה צו זיין ביי זיך אין האַרצן, אַז יענער רעדט מיט אויפריכטיקן ווייטאָג.

איינער בלויז, דער „גרויסער ראָמאַניסט", האָט עס בשום אופן ניט געקענט פאַרטראָגן. אים איז ניט געגאַנגען אַזוי אין דעם, צי יענער איז גערעכט אָדער אומגערעכט, צי יענעמס רייד זיינען ריכטיקע אָדער איבערגעטריבענע. נאָר סתם: „אַזאַ יונגער שנעק — און נעמט זיך שוין אַזוי ערנסט... אַזאַ עגאָ־געפיל! איז שוין אַזוי פאַרריסן!" — האָט ער זיך אויף אים אַ וואָרף געטאָן שאַרף און פלוצלונג, ווי אַ הונט פון דער קייט אַרונטער — ער וועט אים באַלד צעטרעטן, מאַכן תחת חרב — ס'איז דאָך פאָרט ניט געווען משה ראַמבאַם...

— הערט נאָר, יונגערמאַן, איך פאַרשטיי אייך ניט... אַז אייך געפעלט ניט אַזוי אונדזער אימיגראַנטן־סביבה, — מילא, טוט מען איר אַפּ אַ צו־להכעיס: טראָגט מען זיך אָפּ פון איר... פאַר אייער סביבה, דער „אַמעריקאַנישער", זאָגט איר, האָט איר ניט קיין „אידישן לשון"? נו, איז... (ער האָט אַ ווײַלע ניט געוואוסט ווי אַזוי אים אי איינצייטיק אי איידל, אי טיף אַ שטאָך

צו געבן) — איז... ווידער די אייגענע מעשה... טוט מען אָפּ דער דאָזקער אַמעריקע אַ שפּיצל: מען פאַרלאָזט זי גאַר אינ־גאַנצן! אַ מצוה אויף איר!... מען פאָרט אַוועק קיין רוסלאַנד, קיין פּוילן... איר וועט נאָך דאָרטן געפינען, ברוך השם, אַ גאַנץ היבשע אידישע באַפעלקערונג, וואָס לעבט זיך אינגאַנצן אויס אידיש... קיין ווייַנערס און קלאָגערס דאַרפן מיר דאָ ניט! און — טוט אונדז ניט קיין טובות...

— אַהאַ... אַזוי... — האָט זיך ביים יונגן, און דוכט זיך, גאָר שטילן בחור אַזש באַוויזן אַ שוים אויף די ליפּן. ער האָט ענדלעך געוועגדעט זיינע אויגן צו דעם גרויסן ראָמאַניסט, צו וועלכן ער האָט דאָך אין דער אמתן די גאַנצע צייט גערעדט, כאָטש ניט אויף אים האָט ער עס די גאַנצע צייט געקוקט.

— אַזוי... איר ראָט מיר אַוועקצופאָרן פון דאַנען... וואָס־זשע הייסט עס? (אַ זעץ אין האַרצן). ווי איז דער דין, אַז איך וויל ניט?—זיין כעס האָט זיך גיך אויסגעוועבט, איז אַריבער; זיינע ליפּן האָבן אָבער אָנגעהויבן ציטערן, ווי ער וואָלט זיך שיער ניט פאַנאַנדערגעוויינט. — ווי איז, אַז איך ק ע ן ניט?!... אַוועק־פאָרן הייסט איר מיר... אָבער ד אָ איז דאָך מיין לאַנד, און ניט ערגעץ אַנדערש! יעדעס ווינקעלע איז מיר דאָ טייער... מיט אומצייליקע ווייטאָגן און פּיינען, מיט אומצייליקע פריידן און ליידן בין איך פאַרבונדן מיט אָט דעם לאַנד אַמעריקע! דאָס היגע אידישע לעבן איז מיר נאָענט, אייגן, כ׳נעם זיך עס צום האַרצן מער אפשר ווי מיין אייגן לעבן — און מעג דאָס היגע לעבן מיר זיין עקלדיק און דערווידער! — און איר זאָגט מיר: „פאָרט אַוועק פון דאַנען!"...

דער ראָזלעכער שוים אַרום דעם בחורס ליפּן איז ממש מיט יעדער סעקונדע געוואָרן קלעפּיקער, געדיכטער: קיינער האָט זיך ניט אונטערגענומען צו דערווידערן אים. יעדער איינער ביים טיש האָט איצט אָפּגעקערט די אויגן פון דעם צעהיצטן יונגעטשקן שרייבער, האָט אַריינגעשטופּט די נאָז אין זיין גלאָז טיי, אין טעפּל קאַווע, אַבי זיך נישט צו באַגעגענען מיט יענעמס בליקן — ווי מען קערט, אַ שטייגער, אָפּ די אויגן פון איינעם, וועלכער

רייסט אָפּן אויף זיינע בלוטנדיקע וואונדן: ס׳דערוועקט אי רחמנות און אי — עפּעס אַ ווידערגעפיל.

דער יונגערמאַן האָט אָבער אַלץ ניט איבערגעריסן זיינע רייד. עס וואָלט אים, קאָנטיק, נישט געאַרט ווען ער זאָל אַפילו דאַרפן איצט האַלטן איינער אַליין גאַנצע מאָנאָלאָגן. ווער קען דען וויסן, ווי לאַנג דער דאָזיקער יונגינקער שרייבער האָט עס געוואַרט אויף אַ געלעגנהייט, ער זאָל קענען אַרונטערקייקלען זיך אַ שווערן שטיין פון האַרצן, אָדער כאָטש בעטן ביי זיינע עלטערע חברים, אַז זיי זאָלן אים העלפן אַרונטערקייקלען דעם דאָזיקן שווערן שטיין... דער שוים אַרום זיינע יונגע פיין־גע־שניצטע ליפּן, וואָס האָט אַזוי ניט איידל און ניט שיין זיך גע־בלעזלט, האָט עדות געזאָגט, ווי אַלץ אין אים זידט און וואַרפט זיך אַפילו איצט: זיינע רייד האָבן זיך געגאָסן הייס און שווער — ניט ווי ווערטער, נאָר ווי שטיקער בלוט.

— אַז איך בין נאָך אָבער יונג... פאַרשטייט איר וואָס דאָס הייסט? יונג! איך וויל לעבן, לעבן, לעבן... און אַרום מיר זע איך בלויז אַלטס, זקנים און זקנות... עס לעכצט אין מיר אַלץ אַרומגערינגלט צו זיין מיט יוגנט, ווי איך בין עס אַליין — פילן אַ וואַרימן הויך, יאָגנדיקן, שפּרינגענדיקן בלוט... אָבער אַלץ וואָס ס׳איז נאָר יונג אין אַמעריקע פאַרלאָזט אונדז אַזוי גרויזאַם און עגאָאיסטיש, לאָזט אונדז איבער הינטער זיך מיט אַ קאַלט געלעכטער... איז וואָס קען איך העלפן... — האָט ער זיך שיער ניט פאַנאַנדערגעוויינט. — ס׳איז פאַר מיר פאַרט שווער: שוין אין מיינע בעסטע אינגסטע יאָרן אַריינצוקריכן אויף אייביק אין אַ קעלער, וואוהין די אַרומיקע זון שיינט ניט אַריין, און עס שמעקט תמיד מיט פאַרפאַלענער אומעטיקייט און אָפּגעזונדערט־קייט — און דערצו נאָך אין אַזאַ זוניק־ליכטיקן און אָפענעם לאַנד, אין אונדזער אַמעריקע...

— אדרבה, איך פרעג אייך — האָט ער זיך ווידער גע־ווענדט צו די אַרומיקע — איר זענט דאָך עלטערע!... גיט אַ י ר מיר אַן עצה! ווי אַזוי קאָן איך, מיין יוגנט און אַנהויב־לעבן צוצופּבינדן אויף אַזוי לאַנג — אויף אַ גאַנץ לעבן! אויף אייביק! — מיט אָפּגאַנג... מיט טויט?

ו.

דער גרויסער ראָמאַניסט, מיטן גרויסן שופּרדיקן נאָז, זיצט די גאַנצע צייט אויף שפּילקעס. זיינע לויזע באַקן זיינען אָנגע־בלאָזן, זיין צעקנייטשטער קאַרק איז רויט פון גרויסער אָנשטרענ־גונג איינצוהאַלטן אין זיך זיין באַליידיקונג. אינסטיקטיוו פילט ער, אַז דער עולם אַרום טיש איז איצט געשטימט סימפּאַטיש צום יונגינקן רעדנער — מען וועט אים נישט לאָזן איצט קריוו־דען. אָבער דער גרויסער ראָמאַניסט פילט זיך כמעט פערזענ־לעך באַליידיקט פון יענעמס „אָנשטעל". אַזאַ... טאַלאַנטלאָזיקייט! און ער פּלאַצט ענדלעך אַרויס:

— נו, יונגערמאַן, טאָ שרייבט ענגליש, צו אַל־די גוטע יאָר... אויב איר קענט נאָר גוט די שפּראַך, ווי די קלאַנגען גייען וועגן אייך... זע נאָר, ווי אַ מענטש נעמט זיך עס איבער, טראָגט זיך עס אַזוי אַרום מיט זיך... ווען איך בין געווען יונג האָב איך מיך אַזוי פיל ניט אָפּגעגעבן מיט אַזעלכע פראַגן... קהל צווינגט אייך דען צו זיין אַ אידישער שרייבער? איז שרייבט ניט קיין אידיש — אַבי שרייבט נאָר טאַלאַנטפולע זאַכן...

אָבער ראַמבאַם האָט שוין דאָ באַשלאָסן, אַז ער האָט צו־לאַנג געשוויגן, — מען דאַרף זיך סוף־כל־סוף פּאַר אָט דעם יונ־גינקן בחורל איינשטעלן: ער רעדט, דוכט זיך, צו דער זאַך... פּאַמעלעך האָט ער דעם אויבערשטן טייל פון זיין שווערן גוף אַריבערגעוואָרפן אין דער ריכטונג צום „גרויסן ראָמאַניסט".

— נו, איז אָט אַזוי האָט איר דאָך געדאַרפט ריידן די ג אַ נ צ ע צייט!... הערסט אַביסל... אָט דאָס טענה איך דאָך תמיד! צוליב וואָס־זשע פריידיקט איר, מיין ליבער, די גאַנצע צייט דעם אידישיזם, אין וועלכן איר אַליין, זע איך, האָט אַזאַ קנאַפּע אמונה?

— יאָ, — האָט זיך אָן די ווערטער ווידער אָנגעכאַפּט דער יונגער בעלעטריסט, ווען עס איז אַפּנים זייער שווער געווען צו טראָגן אַליין זיין אָנגעטשעפּעטן גורל. ער האָט זיך נאָך העפּ־טיקער אַ רוק געטאָן פאָראויס אינם געדיכטן געזעמל אַרום טיש. — אייער אידישיזם מאַכט אומגליקלעך מענטשן... נעמט כאָטש מיר אַליין... קינדוויז האָט מען מיך יעדן טאָג געשיקט אין

נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, וואו מען פלעגט בלויז טאָן און מיר מיט אַלע כוחות איינפלאַנצן בענקשאַפט צו אַן „אַמאָליק" אידיש לעבן, וואָס איז מיר ביז דאַן געווען אומבאַקאַנט און אויך דער־נאָך פאַרבליבן פרעמד — צו אַ אידיש לעבן אויף יענער זייט אָקעאַן, אין עפּעס אַן „אַלטער היים"... מען האָט אין מיר איינ־געפלאַנצט דעם גלויבן, אַז אַ שטאָלצער איר דאַרף זיך אויס־לעבן אין אידיש, און דאָס גלייכן. אין מיין היציקער יונגער נשמה האָט זיך איינגעפרעסט טיף די דאָזיקע אמונה נאָך פון קינדווייז אָן. ווען די ערשטע שרייבער־חלומות האָבן מיך אָנגערירט, איז ביי מיר שוין אין דער פאַנטאַזיע פאַרקניפּט געוואָרן דאָס ווערן אַ קינסטלער — מיט אידיש, מיט דער אידישער שפּראַך... און איצט קומט צוגיין אַן עלטערער קאָלעגע, אַ קאָלעגע מיט אַזעלכע גרויסע פאַרדינסטן — ער האָט מיט אַ מאָנענדיקן פינגער אָנ־געוויזן אויפן גרויסן ראָמאַניסט — און גיט זיך אַ זאָג גלייכ־גילטיק: „טאָ שרייבט ענגליש"... הייסט עס, אַז דאָס אַלץ פריער איז געווען בסך־הכל אַ... ליגן? אַ שפּילכל פון דערוואַק־סענע מיט אונדזערע יונגע נשמות?

— וואָס דען... — האָט שוין ראַמבאַם אָפן אָנגעקוואָלן פונם יונגנמאַן, האָט אַזש דערפילט דאַנקבאַרקייט צו אים פאַר זיין דינען ווי אַ לעבעדיקע באַשטעטיקונג צו זיינע, ראַמבאַמס, טענות פון תמיד אָן, — וואָס דען... וואָס דען, מיינט איר, איז עס געווען? בלויז פאַראַד־אידישיזם... הויכע רייד ביי „פייער־לעכע" אָנגעלעגנהייטן, ווי ביי פּאָליטיקער און דיפּלאָמאַטן, אַ שטייגער... זייט אַ מוטיקער מענטש, — האָט ער גאָר אויפגע־געלעבט און אַזש נצחונדיק אַ קלאַפּ געטאָן דעם גרויסן ראָמאַניסט איבער דער פּלייצע, — זייט אַ מוטיקער מענטש און זאָגט עס אַרויס קלאָר, אָפן, מיט באַקצייגער: „דער אידישיזם אין אַמע־ריקע — דאָס איז דער ביטערסטער ליגן, די אָפנאַרערישסטע אי־לוזיע, וואָס איז נאָר ווען עס איז געווען ביי אונדז"...

די היץ און די ענגשאַפט אַרום דעם טיש ווערן וואָס אַ מינוט געדיכטער, קלעפּיקער. מענטשן הויבן אויף די פּנימער איינער צום אַנדערן אין דערוואַרטונג. אַ פּאָר מינוט הערשט אַ שטילקייט. עס דוכט זיך דעריבער, אַז גאָרנישט מער קאָן שוין דאָ געזאָגט

ווערן, גאָרנישט מער קאָן שוין ווייטער פּאַסירן... פונדעסטוועגן זיצט און שטייט אַלץ דער עולם אויף אַן אָרט ווי צוגעקלעפּט, ווי פּאַרכישופט — ס׳ווילט זיך קיינעם נישט אַוועק. אַט אַזוי ווילט זיך אפשר קיינעם נישט דער ערשטער אַוועקגיין פון אַ געזעמל, וואו מען האָט אַ לענגערע צייט דערציילט מעשיות וועגן טויט...

ז.

מיטאַמאָל פּאַסירט פּאָרט עפּעס גאָר אומגעריכטס:

אַ גלאָז בריענדיקע קאַווע ווערט ראַשיק איבערגעקערט, מיט אַ הילכיקן קלונג פון אַרויסגעפאַלענער לעפעלע איבער דער מאַרמאָרנער טישל־פּלאַטע. אַ מוטנע פליסיקייט גיסט זיך פאַנאַנדער איבערן גאַנצן טיש, רינט אַרונטער מענטשן אויף די קליידער, בריט קניען און שויסן.

ס׳ווערט אַ געפּילדער, אַ ליאַרם. מען באַמיט זיך אָפּצורוקן וואָס ווייטער פונם אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע. ס׳איז אָבער ניט מעגלעך; דער שטייפער מענטשן־רונג אַרום האַלט איינגעקלאַמערט די מענטשן ביים טיש ווי אין אַ צוואַנג. די זודיקע פליסיקייט בריט, כאָטש מען ווישט עס אַרונטער פון זיך, מען שאַרט עס אַוועק אויפן צווייטן...

וואָס האָט דאָ פּאַסירט? אינם אַלגעמיינעם טומל דערהערט זיך באַלד, העכער פון די איבעריקע שטימען, אַ קוויטשענדיק היסטעריש קול, טאַקע דאָס קול פון זעלביקן מענטשן, וועלכער האָט עס אַזוי אומגעלומפּערט איבערגעקערט דאָס גלאָז קאַווע. כאָטש ער האָט עס געטאָן אינגאַנצן אומגערן, בעת ער האָט געפּרוּווט אויפשטעלן זיך פון זיין פּלאַץ אין דער געדיכטעניש אַרום אים.

עס איז אים אָבער דערפאַר פּאָרט געלונגען זיך ענדלעך אויפצושטעלן. ער איז הויך און דאַר, דער דאָזיקער מענטש, דאָס פּנים — שפּיציק, קנאָכעדיק. באַקן — איינגעפאַלן, גריבערדיק. די אונטערשטע ליפּ הענגט ביי אים אַרונטער, ווי אַ שמאַטע, די אויבערשטע ליפּ — ציטערט אינגאַנצן, ווי ס׳וואָלט אים קאַלט געווען. דאָס לינקע אויגן־לעדל איז ביי אים פאַרקלעפּט, ווי דאָס

לעדל פון אַ ניט אויסגעשלאָפענעם אויג. דערפאַר אָבער דאָס רעכטע...

זיין רעכטע אויג איז געווען איצט איינגאַנצן בלוט־פאַרלאָפן, און עס האָט געשפריצט פון זיך אַזאַ מין זודיק־רויטלעך פייער. דאָס געזעמל איז אין איין מינוט אַנטשוויגן געוואָרן. דער הויכער און דאַרער מענטש האָט אָנגעהויבן שאָקלען אַ פינגער, — אויך אַזאַ לאַנגן און דאַרן, ווי אַ שטעכעדיקן גאָפל, — אויף ראַמבאַמען.

— איר זענט אַן עוכר ישראל... איר... ווי רופט מען אייך דאָרטן... איר האַלט זיך דאָך אַוודאי אויך פאַר אַ אידישן שרייבער... פאַר אונדז זענט איר אָבער ערגער נאָך ווי אַ משומד!... יענע פאַרלאָזן אונדז כאָטש איינגאַנצן — אַזעלכע ווי איר פאַרבלייבן אָבער ביי אונדז, צו אונדזער גרויסן אומגליק... און זיי פאַרסמען אונדזער אייגן ביסל לופט מיטן ריח פון זייער אייגענער צעפוילונג און פאַנאַנדערפאַל... שמדט אייך, צו אַל־די שוואַרצע יאָר, און אַוועק פון אונדז!

ח.

עס איז געווען זייער אויסטערליש.

אָט דער לאַנגער און דאַרער מענטש איז דאָ די גאַנצע צייט געזעסן אַזוי שטיל — מען האָט אים באַמערקט ביים טיש ווייניקער ווי אַ שאָטן. שווייגנדיק האָט ער די גאַנצע צייט, וואָס דאָ אין קאַפע האָט זיך געטומלט, געקוקט ערגעץ אויף אַ פינטל מיט זיין איינציקן אָפענעם אויג, ווי זיין געוואוינהייט איז. שווייגנדיק האָט ער פאַרשפרייט אַרום זיך אומהיימלעכקייט מיטן פאַרקלעפטן לעדל פונם צווייטן אויג, אויב אימיצער פלעגט שוין אויף אים אַמאָל יאָ אַ קוק טאָן. דאָס אויפשטיין פונם שווייגער איז געווען אַזוי פלוצלונג, אַזוי איינגאַנצן אומגעריכט פאַרן עולם ביים טיש. ס'איז געווען ווי אַן אומגעזעענער רעזשיסער וואָלט אים אויף שנעל איינגערוימט אין אויער, אַז אָט איצט איז געקומען ז י י ן ריי: ער דאַרף אויף גיך שוין זיך אויפהויבן און „אַרויסטרעטן”... אָבער דער עולם ביים טיש האָט זיך פשוט איבערגעשראָקן פון אָט דעם אומדערוואַרטן אויפטריט.

און דער דאָזיקער אומהיימלעכער איינדרוק איז באַלד נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן. ווי נאָר יענער האָט אַרויסגעשליידערט פון זיך זיינע שטראָפנדיקע כעס־שפּריצנדיקע רייד, האָט ער האַסטיק צוריקגעצויגן זיין אויסגעשטרעקטע מוסרדיקע האַנט, וואָס איז געווען געווענדט קעגן ראַמבאַמען, און האָט מיט זיינע שפּיציקע קנאָכעדיקע עלנבויגנס זיך גענומען מאַכן אַ וועג דורך דעם געדיכטן רונג אַרום אים. פאַר אים האָט זיך דער שטייפער רינג שווייגנדיק און גרינג פאַנאַנדערגעעפנט. כאָטש ווי נאָר יענער איז אַרויס פון קאַפע, פאַרמאַכנדיק די דרויסנדיקע טיר הינטער זיך מיט אַ זעץ, האָט דער מענטשן־רינג ווידער שטייף זיך צונויפגעקלאַמערט און אַרומגעשלאָסן דעם טיש.

ראַמבאַם האָט נאַטירלעך געוואוסט, פונקט ווי דאָס רוב באַזוכער פונם קאַפע, ווער אָט דער היכער לאַנגער פאַרשוין איז געווען. יענער פלעגט דאָך דאָ אָפּליגן גאַנצענע טעג. ס׳איז געווען אַ מענטש מיט אַ פאַרבנרייכער קאַלעידאָסקאָפּישער פאַרגאַנגענהייט; אַ מענטש, וועלכער האָט שוין אין זיין לעבן (לאַנגן אָדער קורצן: זיין עלטער האָט קיינער ניט געוואוסט) דורכגעמאַכט אַלערליי געזעלשאַפטלעכע און אידייאישע גלגולים.

מען האָט דערציילט אויף אים, אַז ער איז שוין געווען אין זיין לעבן אי אַ ציוניסט, אי אַ רעוואָלוציאָנערער מאַקסימאַליסט; אַז אַ געוויסע צייט איז ער געווען אידייאיש גענויגט צו דער אָרטאָדאָקסיע, כאָטש ערשט מיט אַ פּאָר יאָר פאַר דעם איז ער געווען אַן „אידיש־שפּרעכנדער” אַנאַרכיסט. ביז ער איז, לסוף, געוואָרן סתם אַ „אידישיסט” — נאָך אַ סך יאָרן פאַרבראַכטע אין פאַרשיידענע שטעט פון ענגלאַנד און אַמעריקע. אָבער אין זיין איצטיקן „אידישיסטישן” גלגול איז ער געווען נאָך אַ סך פאַנאַטישער, פאַרברענטער און עקסטרעמער ווי אין אַלע זיינע פריערדיקע אידייאישע וואַנדער־וועגן — אפשר דערפאַר, וואָס דאָס איז, אַפּנים, שוין געווען זיין לעצטער גלגול, זיין לעצטע ליבע.

אָבער ס׳האָט זיך נאָך קיינמאָל ניט געפונען קיין בייזע צונג — אפילו די בייזסטע אין די גאַליקסטע צונג דאָ אין קאַפע, שאול ווילדענס צונג — וועלכע זאָל פּרוואוון וואַרפן דעם

מינדסטן חשד אויף דער ערלעכקייט פון אַט די אַלע צאַלרייכע אידייאישע גלגולים זיינע. קיין שום קאַריעריסטישע מאַכט־זוכערישע מאָטיוון האָבן בשום אופן נישט געקאָנט שטעקן אין זיין פאַל. אַלע האָבן געוואוסט, אַז ס׳איז אַ מענטש אַ פּרוש, אַן אַסקעט. ער האָט ניט געהאַט קיין ווייב, קיין קינד און קיין רינד: קיינער האָט אפילו קיינמאָל נישט געוואוסט וואו ער וואוינט — ווי, און פון וואָס ער לעבט זיך דורך. דאָ, צווישן די שרייבער און האַלב־שרייבער פון דעם אַנגערויכערטן און יאָ־רידיקן קאַפע־הויז, איז געווען זיין וועלט, — דאָ פלעגט ער אָפליגן ממש טעג גאַנצע און נעכט. כאָטש ס׳איז ניט באַקאַנט געוווען, אַז ער אַליין זאָל ווען עס איז האָבן געשריבן, אָדער זאָל זיך אַליין ארומטראָגן מיט וואָסערע ליטעראַרישע אַמביציעס: ער פלעגט זעלטן ווען מיט ווען אויסריידן אַ וואָרט.

— אידיאָט! — האָט זיך באַלד געהאַלטן אין אָפרייסן אַ כעסדיק וואָרט פון ראַמבאַמס ליפן, דאָס ערשטע וואָרט אוודאי פון אַ גאַנצן שאַרפן זידל־זאַץ אויפן חשבון פון זיין פאַרשוואונדענעם באַליידיקער. ראַמבאַם האָט אָבער נאָך יענעמס האַסטיקן אַרויסלויפן באַלד דערזען, ווי אַלע אַרום טיש זיינען געבליבן זיצן אַזוי ערנסט און אַזוי פאַרטראַכט: ניין, קיינעם פון זיי, קאָנטיק, איז ניט איינגעפאַלן אפילו, אַז ר אַ מ ב אַ ם איז דאָ געווען דער געקריוודעטער... פאַרקערט נאָך:

באַלד האָט זיך אימיצער פון זיי — אַ מיטל־יאָריקער דיכטער מיט אַ דערשלאָגן־עניוותדיקן פנים און מיט קלוגע גרויע אויגן פון אַהינטער תמיד כמעט אַראָפּגעלאָזטע וויעס — באַלד האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו ראַמבאַמען.

ט.

ראַמבאַם האָט גוט געוואוסט: דאָס איז אַ מענטש, וואָס מישט זיך בדרך כלל ניט אין קאַפעאישע „ליטעראַטור־שמועסן״, נאָר זיצט תמיד צווישן אַלעמען ס׳רוב מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן, שווייגט און הערט זיך אויפמערקזאַם צו צו דעם, וואָס אַ נ ד ע ר ע ריידן. דער צערודערטער ראַמבאַם האָט זיך דע־ריבער גיריק און דורשטיק גענומען צוהערן צו יענעמס ווערטער;

בפרט נאָך, אַז יענעמס קול האָט געקלונגען אַזוי שטיל־ערנסט — ער האָט זיך זיכער געקליבן צו טרייסטן אים, ראַמבאַמען, און ניט צו קריגן זיך מיט אים.

— איר דאַרפט טאַקע קיין פאַריבל ניט האָבן, ליבער קאַ־לעגע... — האָבן זיך יענעמס ווערטער גענומען גיסן שטיל און אַזוי ווי שעמעוודיק. — ס׳גייט דאָך דאָ סוף־כל־סוף נישט אין דעם, ווער ס׳איז גערעכט, און ווער ס׳איז אומגערעכט... לאָמיר זאָגן אַז גערעכט — אָ ב י ע ק ט י ו ו גערעכט — זייט איר טאַקע... דאָ איז אָבער גאָר עפּעס אַנדערש: קיין שום מענטש קאָן נישט פאַרבלייבן גלייכגילטיק ווען מען רירט אָן זיין טיפסטן גלויבן, — זיין ל ע צ ט ן גלויבן...

ראַמבאַמס פּירקאַנטיק־אָקסישער קאָפּ איז אַרונטערגעזונקען אַ ביסל צום טיש־צו. יענעמס רייד האָבן טאַקע געווירקט אויף אים זיס און באַרואיקנדיק און איינצייטיק אויך ווי פאַרשעמענדיק אַ ביסל.

— אָט, נעמט טאַקע מיך אַליין... — האָט דער מיטל־יע־ריקער דיכטער מיטן דערשלאָגן־עניוותדיקן פּנים פאַרטגעזעצט. — איר ווייסט דאָך מסתמא, אַז איך בין ניט פון די... פון די היציקע... כ׳ווייס שוין פון לאַנג דעם ווערט פון אַלערליי אונד־זערע „איזמען”. און, גלויבט מיר, עס זיינען שוין דאָ ביי מיר געווען שעהן פון צווייפל, און אפילו פאַרצווייפלונג. פונדעסטוועגן איז מיר אַליין שווער געווען צו הערן אַזעלכע רייד ווי אייערע: מיין גאַנץ לעבן, מיין גאַנץ גליק האָב איך דאָך אַוועקגעשטעלט אין קאָן ביי מיין אַרבעט!... איר פאַרשטייט דעם מוראדיקן באַ־דייט פון אָט די צוויי קליינע ווערטער: „ג אַ נ ץ ל ע ב ן”? קיין צווייט לעבן וועל איך שוין ניט האָבן! און איר מוזט דע־ריבער אַליין פאַרשטיין, וואָס איינער פילט דעמאָלט, ווען מען קומט און מען שיט אים נאָך זאַלץ אויף זיינע וואונדן...

יאָ, ראַמבאַם פילט זיך מיטאַמאָל זייער פאַרשעמט. דאָס דאָ־זיקע פאַרשעמטקייט־געפיל איז אפילו זייער אַ ממשותדיקס: עס קריכט ערגעץ טיף פון די אינגעווייד אַרויס, קלעטערט אַרויף אין האַלדז, באַדעקט דאָס פּנים מיט אַ שווערער הייסער באַ־פאַרבונג... ער דערפילט זיך מיטאַמאָל ווי אַ וואָרים — ניין, ני־

דעריקער נאָך פון אַ וואָרים, וואָס קריכט אַרום אויף בליענדיקע פלאַנצן. נו, איז נ י ט קיין בליענדיקע פלאַנצן — איז שווינדזיכטיקע פלאַנצן... אָבער וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער, ראַמבאַם, צו מישן זיך אַהער ? נאָך גוט געווען אַמאָל, ווען ער אויך איז געווען צווישן די פלאַנצער... אָבער איצט ?

ער ענטפערט דעריבער יענעם קיין וואָרט ניט, כאָטש ער באַמיט זיך וואָס ווייניקער אַרויסצואווייזן זיין געפאַלענע שטימונג. ער זיצט שטיל ווי אַ לעמעלע אויך שפעטער, ווען דער גרויסער ראָמאַניסט קומט ענדלעך צו זיך, נאָכדעם ווי די אומגעריכטע שטורמדיקע אויסגוסן פונם יונגן בעלעטריסט, וואָס האָבן אים אַזוי צעטומלט און דענערווירט, האָבן זיך אויסגעוועפט. ווידער רוקט ער צו זיינע שטאַרק־קורצזיכטיקע אויגן הינטער די דיקע שפּאַקטיוו־גלעזער צו ראַמבאַמען: ניין, ער מוז אים דערווייזן די גאַנצע טראַגישע העלדישקייט, וואָס עס ליגט הינטער זיין גאַנצן ביז־איצטיקן לעבן... זיין רויטע פליישיקע נאָז, וואָס מען וואָלט זיך גאָר קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז זי זאָל קענען ווערן כאָטש אויף איין שאַטירונג רויטער, ו ו ע ר ט עס פונדעסטוועגן מיט יעדער מינוט.

— סטייטש, ווי פאַרשטייט איר עס ניט, קאָלעגע... איר זענט דאָך אַליין אַ קינסטלער, קאָלעגע ראַמבאַם... איז ווי פאַרשטייט איר עס ניט, ווי שווער עס איז אָפּצושרייבן אַ גאַנץ לעבן לאַנג אויף אַ שפּראַך, פון וועלכער יעדער איינער ממש אַנטלויפט !... און זענען מיר דען אַליין בעסער ? — האָט ער ראַמבאַמען געפרואווט כישופן מיט נאָך טיפערער אויפריכטיקייט. — מיינע אייגענע קינדער אפילו קענען קיין אידיש ניט לייענען, און אייערע מסתמא אויך ניט... וואָס פאַר אַן אָפּהילך האָט דען מיין גאַנצע אַרבעט ? אַן אָפּהילך בלויז פון איין טאָג. איך שרייב שוין עטלעכע צענדליק יאָר: כ׳האָב שוין אַרויסגעלאָזט, ווי איר ווייסט, היפשע עטלעכע בענד... האַ ? צען ? טאַקע מער ווי צען... מאָלט אייך, איר האָט אַ טעות... וואָס איז, כ׳ווייס ניט, איר לייענט מיך דען ? אָבער דאָס איז ניט וויכטיק... וויכטיק איז: זאָל איך אויף איין יאָר בלויז אויפהערן מיטצואַרבעטן רעגלמעסיק

אין אַ צייטונג — ווער איך גלייך טויט... אינגאַנצן טויט... און אַלע אונדזערע אַנדערע אַמעריקאַנער שרייבער — אויך אַזוי...

די לעצטע ווערטער האָט אונטערגעכאַפּט אַן אַנדער שריפט־שטעלער פון סאַמע די הינטערשטע רייען אין קרייז: אַ טשיקאַ־ווער פאַרשוין, מיט אַ קאָפּ גרויע האָר איבער אַ קיילעכדיק אויסגעפּאַשעט פּנימל, ווי ביי די טראַדיציאָנעלע מלאכימלעך אויף די בייליקע שונד־בילדער. כאָטש דער זעלביקער פאַרשוין האָט פונדעסטוועגן געהאַט פאַרביטערטע צוויי ווערטיקאַלע קנייטשן בייביידע זייטן פונם זיסן מיידעלשן מיילכל זיינעם, קנייטשן פאַרביטערטע, ווי ביי אַ געראָדפטן און „פאַרשוויגע־נעם".

— די אידישע ליטעראַטור, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — ווערט דאָ לאַנגזאַם, אָבער זיכער אויפגעלייזט... אונדזער גייסט ווערט דאָ וואָס אַמאָל אַלץ מער געפּענטעט אין דער טעמפּער מאַטעריע... מיר האָבן דאָ איבערגענומען בלויז דעם שוים־לעבן פון דעם ביליקסטן אַמעריקאַניזם. בכלל, אונדזער ג אַ נ צ ע ר גייסטיקער לעבן אין אַמעריקע איז אַ שוים־לעבן...

אַך, אָט דער־אָ האָט אויך, קאַנטיק, לאַנג געוואָרט אויף אַ געלעגנהייט צו לאָזן הערן זיין שטים... אַלע, אַלע דאָ האָבן זיי געהאַט פאַרשטיקט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געדריקט שווער אויפן געמיט — שווערער נאָך דערפאַר, וואָס עס איז זעלטן געווען די מעגלעכקייט אַרונטערצוקייקלען עס פון האַרצן... און דער פאַרשוין מיט דעם זיס־מלאכדיקן פּנימל און מיטן האַרץ פול ביטערניש, האָט ווייטער גערעדט מיט קנאהשע און פייער־דיקע אויגן פון אַ נביא.

— צייטונגען!... צייטונגען!... זיי „אַמעריקאַניזירן" אונד־זער לעבן אינם וואולגאַרסטן זין פון וואָרט — זיי טויטן אָפּ אין אונדז דעם מינדסטן שפּור פון היימיש־מיטגעבראַכטן אידע־אַליזם... די שטאַרקע, די מוטיקע, די ערלעכע פון אונדז, וואָס לאָזן זיך ניט איינשלינגען פון דער צייטונג, — האָט ער נביאיש רעציטירט, — ווערן אינגאַנצן איגנאָרירט און פאַרשוויגן... און די אַנדערע, — די נאָכגיביקע, די „גליקלעכע", — דערשטיקט זי אין איר נעץ פון אומריינעם גאָלד און טרייפענעם דערפאָלג...

זי קאָכט זיי איבער און מאָלט זיי איבער אין איר אינגעווייד, די פּרעסע, — זי מאַכט פון זיי זאַטע און כיטרע, אָפּגעפּרעסע־נע און זעלבסטצופרידענע פאַרשוינען...

י.

דאָ האָט ראַמבאַם פּאַרדעכטיק אָנגעשפּיצט זיינע אויערן: ניין, אַזוי פיל האָט ער שוין ניט געקענט פאַרטראָגן...

— וואַרט אַקאָרשט... דער דאָזיקער „קריטיקוס" מיינט דאָך, דוכט זיך, טאַקע מיך אַליין, ניין? אַזאַ חוצפּה...

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. מען דאַרף שוין גיין אַהיים. ער איז מיד. ווי נאָר ער שטעלט זיך אויף אַרויסצוגיין, רינגלט אים אַרום אַ גאַנצע כאָפּטע „אָנפאַנגער" און „פאַרשפּרעכנדיקע", וועלכע האָבן פריער דעם מוט ניט געהאַט צוצוגיין צו אים, ווען ער איז געזעסן אַרומגערינגלט מיט די „גרויסע". ראַמבאַם דער־קענט צווישן זיי ק י ו ו י נ ע ן, דעם נידעריקן גאַליציאַנער בחור מיטן שטאַרק־מגושמדיקן פּנים ווי ביי אַ שמיד־געהילף, מיט די ברייטע קין־באַקן און מיט די פּאַסמעס רויט אָפּגעבליאַ־קעוועטע האָר, וואָס זיינען אים אַרונטערגעהאַנגען פון ביידע זייטן קאָפּ, שיער ניט ביז צו דעם קין. קיווין איז געווען פון די גאָר ווייניקע מענטשן, וועלכע פלעגן ראַמבאַמען באַזוכן אין מיטן דער וואָך. ראַמבאַם פלעגט בכלל קיין געסט ניט אויפנעמען אין מיטן דער וואָך, ווייל ער פלעגט דאָך אַכט־ניין אַזייגער שוין זיין אין בעט. קיווין פלעגט אויך פון צייט צו צייט גיין מיט עלאַן אין טעאַטער, אָדער צו אַ קאָנצערט, ווי באַלד אַז מיט ראַמבאַמען פלעגט זי כמעט אין ערגעץ ניט קאָנען גיין פאַר־ברענגען.

— זע אַקאָרשט, ווי ער האָט זיך עס פאַרפּוצט, — באַ־טראַכט ראַמבאַם פון דערווייטנס יענעמס שטאַרק־הויכן מאָדישן קראַגן מיט שרייענדיקן ביליקן קראַוואַט. — און סאַראַ אויסדרוק פון לייטזעליקייט אויף זיין פּנים: אַ וועלט באַגליקט ער ממש... כ'זע נישט איין, וואָס אַזוינס עלאַ געפינט עס אין זיינע לידער... זיי זיינען, דוכט זיך, פּראָסט און האַמעטנע, ווי ער אַליין.

יאָ, ס'איז קלאָר... פון דעם, וואָס די דאָזיקע חברה פאַר־

קוקט אים איצט אין די אויגן אַזוי שמייכלדיק, ווערט משה ראַמבאַמען קלאָר, אַז דאָ שמעקט עפּעס מיט אַ נייעם זשורנאַלעכל... דאָס האָט חברה פונם הויזן־נייען און קנעפּלעך־איינגייען מסתמא ווידער באַוויזן אָפּצושפּאָרן אַ פּאָר דאָלער אויף צו באַגראָבן...

— אָט באַלד, באַלד — און מען וועט אים זיכער אונטעררוקן עפּעס אַ נאָטיצל אויף אַריינצושטעלן אין צייטונג...

ער האָט טאַקע געטראָפֿן. נאָר — ס׳מאַכט נישט אויס. ראַמבאַם איז שוין איצט ווידער געשטימט גרויסמוטיק, ווי מיט אַ שעה־צוויי צוריק, ביי זיין אַריינקומען. מעשה עלטערער און איבערגעגעבענער קאָלעגע, קלאַפּט ער זיי אַלעמען איבער די פּלייצעס גאָר פריינטלעך און דערמוטיגנדיק.

— אָט אַזוי... אָט אַזוי... גיט אַרויס, גיט אַרויס... אָט אַזוי האָב איך ליב... איין נומער, צוויי נומערן — נו, איז וואָס... אַלץ איז אַ קרן פאַר אונדזער קולטור, אַלץ איז וויכטיק... נאָר געאַרבעט, באָיעס, תמיד געאַרבעט... מיר פּלעגן אַמאָל אויך אַזוי טאָן... באַי די ווער, קיווין, קומט אַמאָל אַרויף צו מיר אין אַ פרייען נאָכמיטאָג — פאַרענדיקט ער גאָר צוגעלאָזן — מירן כאַפּן אַ שמועס, זיך דורכריידן... כ׳על מעגלעך איינגיכן האָבן אַן אייגענעם אויטאָמאָביל אויך... האַ? יו׳ל בי סורפּראַיזד... מיין עלאַ האָט זיך שוין גאָר פאַרבענקט נאָך אייך. איר ווייסט דאָך, זי איז אַ גוואַלדיקע חסידה פון אייערע לידער... אָבער קלינגט מיר פריער אָן... איר זאָלט מיך טרעפן אין שטוב.

יאָ, ער וועט טאַקע איינקויפן אַן אויטאָמאָביל, און נישט קיין אַבי וואָסערן: אַ פּאָרד אָדער אַ שעווראָלעי... ער׳ט טאַקע קויפן אַ „קינג״, אַ „ראָלס־ראַיס״, זאָל ער נאָר קריגן דעם פּובליסיטי־דזשאַב ביי דער טרעקשאָן־קאָמיסיע. ער הויבט זיך אַזש אָן באַצייטנס רייבן די הענט פון גרויס הנאה. און אַז קיווין באַקלאָגט זיך פאַר אים, אַז ס׳איז שוין דאָס דריטע בוך, וואָס ער גיט אַרויס אויף אייגענע מיטלען, און אַלע ליגן זיי ווי שטיינער, ווייל „אידישע ביכער וויל דאָך דאָ קיינער אפילו אומזיסט ניט נעמען״ — באַרואיקט אים ראַמבאַם מיט אַ פאַלשן גרינגן געמיט:

— הערסט, דאַרפט איר דאָך גאָר זיין שטאָלץ, מיין

פריינט... ס׳איז דאָך אומעטום אַזוי... גוטע ביכער גייען אומעטום שלעכט... הכלל, קומט אַרויף, מירן נאָך ריידן וועגן דעם. קלינגט מיר אָבער פריער אָן, איר זאָלט מיך כאָטש טרעפן אין שטוב... יעס ?

ווען ער איז שוין אויף יענער זייט טיר, קומט פאָר ביי אַ זייטיקן טישל אַזאַ מין שמועס :

—כ׳האָב קיינמאָל ניט געזען, אַז אַ מענטש זאָל אַליין, בידים, שלעפן אויף זיך אַן אומגליק, ווי עס טוט עס אָט דער ראַמבאַם... אפילו אַ בלינדער וואָלט דאָך געקאָנט זען, אַז עלאַ איז צו קיווינען ניט גלייכגילטיק... דאָרט פיקט זיך עפּעס — אויב ס׳האָט זיך שוין ניט אויסגעפּיקט...

— כ׳מיין אַז קיווין האָט ש ו י ן אַ פּיק געטאָן, — לאָזט פאַלן אַן אַנדערער אַ צווייִדייטיק אָנצוהערעניש.

— אַוועק, דו שלאַנגען־צונג... — קאָן שוין אַ דריטער ניט אויסהאַלטן דאָס נייע רכילותל, — ראַמבאַם איז שוין גאָר ניט אַזאַ פערדאַטש, ווי דו שטעלסט אים דאָ פאָר... האָסט ניט געהערט, ווי ער האָט אים אַ פריער געהייסן אָנקלינגען ? כדי „איר זאָלט מיך כאָטש טרעפן אין שטוב״... ליוו איט טו הים !

פינפטער קאַפּיטל.

פרישינקע זעמל און סקאַרינקעס ברויט. — מיט וואָס אַ מענטש לאָזט זיך טרייסטן. — קאָן מען דען זעגן האַלץ אויף פּאַרקעט־פראַטירטע דילן? — עס ווערט געזוכט אַ דאָקטער פאַר אַ זעלטע־נער חלאת. — אַ געזאַנג צום וואונדערלעכן לאַנד פון בערג, וואַסערן און זון.

א.

ראַמבאַם קערט זיך אום אַהיים מיטן עלעוועיִטעד. זיין שטי־מונג איז איצט אַ קלאָרע, אַ לויטערע — אַך, דאָס פּאַסירט ביי אים אַזוי זעלטן. דער טאָג היינטיקער, הייסט עס, איז פאַר אים געוועזן זייער גוט, פון אָנהויב ביזן סוף. ער האָט זיך פאַר אים גוט אָנגעהויבן אינדערפרי נאָך, אין דער רעדאַקציע; און דער־נאָך, אין קאַפע־הויז, האָט ער זיך ערשט רעכט פאַנאַנדערגעבליט, ראַמבאַמס טאָג — זיך פאַנאַנדערגעבליט אין אַ היפּשער פּו־לער פּרי...

מען קען נישט זאָגן. ער איז טאַקע זייער אַ געראָטענער, דער היינטיקער טאָג, אַ געראָטענער פאַר אַלעמען — פאַר יעדן איינוואוינער פון דער גרויסער שטאָט. דער סוף־ווינטער האָט זיך פונאַנדערגעבליט איבער ניו יאָרק מיט אַ בלענדיק־ליכ־טיקער פרילינגדיקער זון, אומדערוואַרט און אומגעריכט, אַזוי ווי בכלל ניו יאָרקער פרילינג־טעג.

און דער הימל... ראַמבאַם קוקט טאַקע נישט אַזוי אָפט אויפן הימל. באמת, ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, אַז עס איז גאָר דאָ אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי אַ הימל: זיינע קורצזיכ־טיקע אויגן אונטער די פּענסנע מיט די דיקע שייבלעך קוקן זעלטן אינדערהויך. אָבער היינט איז דאָך געוועזן אַן אויסנאַם־טאָג!...

זעט ער טאַקע, ווי הויך עס איז היינט דער הימל. די וואונדערלעכע בלויקייט פון די ריזיקע הימל־פלאַכטעס ציט זיך

אַן אַ שיער ווייטער ווי בלויז איבער ניו יאָרק — מען זעט באַשיינפּערלעך, ווי זי ציט זיך אַוועק אין די ווייטסטע לענ־דער. און איידל זיינען זיי, די הימלען, גרינלעך־בלויע, ווי ווייטע וואַסערן. און איבער זיי, זעט ער, איז פאַרגליווערט אַ צאָל קליינע וואָלקנדלעך פון אַזאַ ווייסן, שיינענדיקן פייער — גרוי־סע שטיקער זילבער. זיי זיינען געבליבן היינגען איבער ניו יאָרק אין פאַרגליווערטקייט, די דאָזיקע וואָלקנדלעך, און האָבן מיט ליכטיקן נייגער זיך צוגעקוקט צום בבלדיקן טומל אונטן.

כאָטש די קויטיקע שויבן פונם עלעוועיטעד־וואַגאָן, וואו ער זיצט, זיינען ליכטיק אויסגעשייערט דורך דער שפּע זון, וואָס פּלייצט פון דער הויך, פון סאַמע איבערן קאָפּ, לאָזט ראַמבאַם פונדעסטוועגן אינגאַנצן אַרונטער דאָס פענצטער־ראָם און רוקט אַרויס דעם קאָפּ זיינעם דורכן פירקאַנטיקן לאָך — אַ דורשטי־קער, אַ הונגעריקער נאָכן נייעם, אויפגעוואַכטן דרויסן.

אויף אַ ווינקל גאַס מויערט זיך שוין ווידער אַ נייער וואָלקן־קראַצער: קעגן הימל־בלוי טורעמט און שוואַרצט זיך שוין אַ פופציק־שטאָקיקער, אַ זעכציק־שטאָקיקער שטאָלענער סקעלעט. עס היינגען און קריכן אויף אים, סאַמע אינדערהויך, אויף אַ געפלאָנטער פון שטאָלענע קוּוער־באַלקנס און מאַמאָט־זיילן, איינציקע מילבן, קופּקעלעך מוראַשקעס... ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז דאָס זיינען עס טאַקע מענטשן — געניטע מעכאַניקער, וואָס אַרבעטן דאָרט מיטן עלעקטרישן עגבער, דריי־לעוון לעבער אין מעטאַל־באַלקנס, באַפעסטיקן זיי, שמידן צונויף מיט קראַפטפולע ברען־לאַמטערנעס, בעלקעס פון שטאָל און אייזן.

און אַ ביסל ווייטער:

לעכער, גריבער, פינצטערע תהומען, איבער וועלכע עס הויבן זיך שוואַרצע הילצערנע געשטעלן, ווי ברונעמער. מען בויט שוין, הייסט עס, ווידער אַ נייע סאַבווע. מען ראַיעט און מען גראָבט זיך שוין ווידער אין די פעלזיקע געדערים און גראַניטע־נע קישקעס פונם ריזיקן וועלט־כרך... און מיטאַמאָל: וועכטער ביי אָט די קליינע הילצערנע געשטעלן הויבן אָן אַרומצולויפן ווי פאַרסמטע — זיי פאָכען און פלאַטערן און וואָרענען מיט

רויטע פענדלעך אין די קליינע הענטלעך. אַהאַ, ס'איז קלאָר, פאַרוואָס זיי אַנטלויפן אַזוי: עס דערהערט זיך באַלד אַ מורא־דיקער קנאַל, וועלכער הילכט אַריבער דעם געדויש פון דער יאָגנ־דיקער לופט־באַן, — דאָס רייסט מען אויף מיט דינאַמיט עפּעס אַן איינגעקעשנט פאַרשטאָפּעכץ אין ניו יאָרקס איינגעווייד.

און נאָך אַביסל ווייטער, —

ציט זיך אַן איטאַליענישע לויה, וואָס קוקט גאָר אויס עפּעס ווי אַ חתונה. אַ לויה מיט אַ היפּשן מוזיק־אָרקעסטער, מיט פערד איינגעדעקטע אין רייך־געשטיקטע קאָלדרעס, אויסגעפּוצטע מיט ווייסע פעדער־קרויזן אויף די קעפּ. הייליקע שומרים אין לאַנגע קרעפּלעך־קאַפּעליושן טראָגן אויף זייערע פּלייצעס ברע־נענדיקע שטורקאַצן אויף זילבערנע שטאַנגען, אין טונקל־שויבי־קע לאַמטערנעס. אַ לויה אַ פריילעכע, מיט געזאַנג און געברו־מעריי פון פרעלאַטן און גלחים, מיט פיל פּאַראַד און פייערלעכ־קייט.

און אייניקע קוואַרטאַלן דערנאָך:

אויבן — ריזיקע שויפענצטער פון מאַגאַזינען: שויפענצ־טער ווי גאַנצע ווענט פון גלאָז, וואָס שפּיגלען זיך אויף דער זון און הנדלען זיך מיט דער רייכקייט פון די טויזנטער אויס־געשטעלטע אַרטיקלען. אונטען — אַ קאַטערינקע שפּילט אויפן טראָטואַר. באַרוועסע פאַרמורזשעטע קינדערלעך טאַנצן אַ קאַ־ראַהאָד אינמיטן גאַס, אויפן גלאַנציקן אַספאַלט. אַן אָרעמע איטאַליענערין, אַ זקנה, שלעפּט זיך ביים סאַמע ראַנד פונם טראָטואַר, שאַרט פּאַוואָלינקע מיט די פיס, באַלאַנסירט אַ שווער בינטל האָלץ אויפן קאָפּ — ווי אַ צום טויט־פאַרמשפּטע פאַרברעכערין, וואָס מוז נאָך אַליין טראָגן דאָס האָלץ צום איי־גענעם שייטערהויפן. און ביי יעדן איבערשניט פון סטריט און עווענױ אַנטפּלעקן זיך וואָסער־ציגנער, שטיקער פונם האָדסאָנ־טייך, פונם האָרלעם־ריווער — זיי פאַרשטאַרקן נאָך מער ראַמ־באַמס פרייד. זיינען זיי דען ניט קיין שליאַכן, וואָס קאָנען אים נאָך אַמאָל פירן און אַוועקפירן ווייט, ערגעץ ווייט פון דער סדום־שטאָט, וואָס האָט אים אומגליקלעך געמאַכט — ווייט אויף ריינע וואָסערדיקע מדבריות אַרויס?

מיטאָמאָל אינם געוויינלעכן געלאָף דעם גרויס־שטעטישן, — אַ קנופּ, אַ געדרענגעניש, אַ געפּלאָנטער... עס זעט זיך פונ־דערהויך: אַן אַרויפגעפּאָרענער לאַסט־אויטאָמאָביל אויפן טראָ־טואַר. באַלד שפּאָלט זיך אָפּ פונם געדיכטן געדרענגעניש אַ צינגל מענטשן, לאָזט זיך מיט עפּעס אַ קליין פּעקעלע, וואָס איז הויך אויפגעהויבן איבער אַלעמענס קעפּ, צו אַ נאָענטער אַפּטייק. מסתמא איז אַ קינד דאָרט איבערגעפאָרן געוואָרן, — טראַכט זיך ראַמבאַם מיט גלייכגילטיקן נייגער פון אַ גרויס־שטאָטישן מענטשן. אפשר איינס פון די זעלביקע קינדער, וואָס האָבן דאָרט אַפריער געטאַנצט אויפן ברוק, צום גרימפּלענדיקן געשפּילעריי פון דער זאַרגלאָזער קאַטערינקע... כאָטש דער עלעוועיטעד־צוג איז שוין לאַנג פאַראויס אַוועקגעפלויגן.

די גרויסע שטאָט, ווי תמיד... זי אָטעמט מיט איר מעכ־טיקן און שנעלן אָטעם: זי ברענט און שרפעט ווי אַ גהינומדיקער קאַלך־אויוון. זי פּילט אָן דאָס בלוט פון יעדן איינעם, וואָס שטייט נאָענט לעבן איר, מיט אַ הייסן פלאַם — אַ פלאַם, וואָס יאָגט, און מאַכט יעדן איינעם הונגעריק און דורשטיק — הונ־געריק נאָך אַרבעט און דורשטיק נאָך פרייד. — יאָ, די גרויסע שטאָט, וואָס שטעלט אַליין צו די פרייד אויך.

ראַמבאַמען איז איצט געווען גוט אויפן האַרצן... און אפשר איז עס טאַקע געווען דערפאַר, וואָס ער האָט אין אָט די מינוטן דערפילט זיך ווי אַ נויטיקער טיילכל פונם אַרומיקן גרויסן באַשאַף, ווי אַ קליין שרייפעלע — אויף זיין געהעריק אָרט? אַ זיס געפיל, אַ פריידיק געפיל, אַ זיכער געפיל...

ב.

אָבער באַלד ווי ער קומט גאָר אַהיים, איז שוין אַלץ ווידער געענדיקט.

אין שטוב — ווי תמיד אין דער צייט. די קינדער זיינען נאָך ניטאָ פון דער פּאָבליק סקול. דער טיש איז שוין געגרייט אויף מיטאָג, רייך געגרייט. אינמיטן פון אָנגעשטעלטע טעלער און טעלערלעך בליט אַרויס אַ פלאַש גרינלעך־ברוינער קאָניאַק, איינגעוויקלט אין אַ שיידל פון געפלאָכטענעם שטריי: „מאַרטעל,

דריי שטערנדלעך". פון דער קיך אַרויס שפּרייט זיך פאַנאַנדער איבער דער גאַנצער שטוב אַ געשמאַקער רייצנדער ריח פון קאַלב־קאָטלעטן, וואָס בראָטן זיך אין אַ פאַן.

דאָס ווייב באַגעגנט אים מיט אַ פריידיקן שמייכל — אויף יעדן פאַל... זי נעמט אים אַרום אַרום די אַקסלען. כאָטש זי קוקט אים די גאַנצע צייט פאַרזיכטיק און אויספאָרשנדיק אין די אויגן אַריין — אָט אַזוי, אַ שטייגער, קוקט אַ פרעמדער גאַסט אין די אויגן אַריין אַ בייזן כלב אין שטוב, אין וועמענס געדולדיקער צוגעלאָזטקייט און צייטווייליקער רואיקייט עס לאָזט זיך ניט האָבן קיין סך אמונה, כאָטש מען גיט אים, פאַרזיכטיק און מיט פחד, אַ גלעט איבערן האַריקן רוקן, איבער שטעכעדיקן קאָפּ. ס'איז אפילו ניט קענטיק, אַז איר מאַן זאָל האָבן געקור־מען היינט אין אַ וועלכער עס איז צערייצטער שטימונג: אָבער פונדעסטוועגן... מען קען ביי אים קיינמאָל ניט וויסן.

און די גוטע און געטרייע עלאַ האָט טאַקע דאָס מאָל אויך געטראָפן, פונקט ווי תמיד.

סאַמע פון אָנהויב מאָלצייט, ביים געדעקטן טיש מיט כל־טוב, פאַלט פלוצלונג ראַמבאַמען איין צו פרעגן זיין ווייב:

— זאָג נאָר, עלאַ... מיר דוכט... דוכט זיך, אַז ביי דיר איז נאָך פאַרבליבן אַ פּאָר שטיקלעך פיש פון נעכטן?

און אַז עלאַ מאַכט זיך ניט הערנדיק, און רוקט אים צו אַ טעלער פרישן רויטן לאַקס — דעם פעטן מאָגן־טייל, וואָס איר מאַן האָט דאָס אַזוי ליב — שטויסט ער אָפּ פון זיך דעם טעלער מיט לאַקס־אויפשניט, וואָס איז שיין גאַרנירט מיט צע־שניטענע פעניצלעך פון ראש־חודש־רעטעכלעך.

— נו, אוודאי... — ברומט ער אַרויס. — אַרויסגעוואָרפן שוין, מסתמא... עס גייט מיר, נאַטירלעך, ניט אין דעם געלט... נאָר למאי זאָל מען עס האָבן אַ טבע לכתחילה אָנקאָכן אַזוי פיל, און דערנאָך עס לאָזן גיין אין ביוועץ אַריין...

און שוין איז אים די שטימונג ווידער קאַליע געוואָרן, — אָ, דאָס אַלץ איז דאָך זיכער בלויז אַן אויסרייד... זיין געטרייע פרוי פאַרשטייט עס: מסתמא קוועטשט אים שוין ווידער ער־גער, עפּעס טוט אים שוין ווידער וויי. און וויבאַלד אַזוי, איז

דאָך שוין אַלץ איינס, צו וואָס ער טשעפּעט זיך. דערטאַפּט ער שוין באַלד צווישן די ציכטיקע ראש־חודש־רעטעכלעך איינס, וואָס איז פעלטשיק און קאַליע; טשעפּעט ער זיך שוין אין אַ ווײַלע אַרום צו עפּעס אַנדערש.

אויפן טיש, אין אַ געפלאָכטענעם קוישל פון פורפור־געפאַרבטן שטרוי, איז אָנגעהויפט אַ קופּע פרישע צוגעברוינטע זעמל — דער זיסער געשמאַקער ריח זייערער שפּאַרט פאַנאַנדער די נאָזלעכער ווי די איידלסטע בשמים. דאָ זײַנען דאָ אי זיסע אי פּיסנע זעמל, ברוינע און ווייסלעכע: אייניקע זײַנען מיט מאָן באַדעקט, די אַנדערע מיט ציבעלקעלעך פאַרקנאָטן, די דריטע מיט קימל באַשאָטן... ראַמבאַם גריבלט זיך אין קוישל, וואַרפט איבער אַלע זעמל און בולקעלעך — ער קען עפּעס דאָרט צווישן זיי קיין אייך רעכטס ניט געפינען.

— עלאַ, גיב נאָר אַ קוק אין ברויט־קעסטל... איך בין זיכער, אַז דאָרט מוז זיך נאָך געפינען ביי דיר אַ גאַנצע קופּע ברויט... ס'גייט מיר נישט, נאַטירלעך, אינם געלט... נאָר דו ווייסט דאָך, אַז כ'האָב בעסער ליב אַלט־געבאַקן ברויט... ס'איז טאַקע אַ סך געזינטער פאַרן מאָגן...

פּע, ער האָט געקראָגן אַ מיאוסע טבע צו קוקן דעם ווייב אין שיסל אַריין; ער איז די לעצטע צייט געוואָרן קאַרג, ראַמבאַם, שרעקלעך קאַרג.

אָט, נעמען אפילו דעם קוואַרטיראַנט, וואָס זיי האָבן מיט אַ צייט צוריק אַריינגענומען אין שטוב. אמת, ער איז קאָנטיק אַ שטילער און סימפּאַטישער יונגערמאַן: אַ גאַנצן טאָג איז ער ביי דער אַרבעט, ער איז אַ מאַליער. אין אָוונט — ניט מען זעט אים און ניט מען הערט אים קיינמאָל. זיצט פאַרשפּאַרט ביי זיך אין צימער. ער לייענט, שטודירט; אַ פּאָר אָוונטן דורך דער וואָך גייט ער מסתמא אַוועק צו מיטינגען. אַ גאַנץ לייטעשער מענטש, דער באָרדער. אָבער, פונדעסטוועגן... צו וואָס האָבן זיי אים באַדאַרפט? זיי וואָלטן זיכער געקענט אויסקומען אָן זײַנע צוואַנציק דאָלער אַ חודש. דאָס צימער, וואָס יענער פאַרנעמט, האָט דאָך געקענט באַנוצט ווערן פאַר נ ע ט ן, דעם עלטערן אייניקל זייערן.

איז צו וואָס דאַרף עלאַ פאַרען זיך אַרום אַ פ ר ע מ ד ן מענטשן, פאַרבעטן אַ פרעמד בעט, אויפראַמען? אמת, יענער איז טאַקע אַ גאַנץ ציכטיקער מענטש, כאָטש ער איז אַ פּעיב־טער... ער איז אָפּגעהיט, פאַרזיכטיק מיט זיינע מלבושים און זאַכן. אָבער פונדעסטוועגן...

נאָר ס׳איז אַלץ געווען זיין אויפטו, איר מאַנס, אַריינצו־נעמען אַ פרעמדן מענטשן אין שטוב: זיין מאָדנע קאַרגשאַפט. ניין, ער איז אַמאָל זיכער אַזוי ניט געווען. ער איז בלויז לעצטנס געוואָרן אַזוי קאַרג. און אַמאָל איז ער דאָך געווען אַזוי אָרעם: געדענקט זי דען ניט די צייט ווען זי האָט נאָך באַדאַרפט איבער־לאָזן די קינדער ביי אַ באַקאַנטער, ביי אַ שכנה און אַליין גיין אַרבעטן אין שאַפּ? און איצט איז ער דאָך רייך. ער האָט אַ היפּשע סומע געלט אינוועסטעד אין אייניקע ריעל־עסטעיט אונ־טערנעמונגען. ער האָט אפילו אביסל געלט אָפּגעשפּאָרט אין באַנק אויך. פאַר אַ מענטשן פון זיין גראַד איז ער, דוכט זיך, גאַנץ גוט באַזאָרגט. און זיין שטעלע אין דער רעדאַקציע איז אויך כמעט אויף לעבנס־לאַנג. נאָר עפּעס האָט איר מאַן אַלץ מורא תמיד, אַז ס׳וועט אים נישט סטאַיען, — אַז אַמאָל, ווען עס איז שפּעטער, וועט ער נאָך ניט האָבן גענוג צום לעבן... יאָ, ראַמבאַם איז אַ קראַנקער מענטש: ווי מען זאָל אים ניט לייגן, ליגט זיך אים אַלץ שלעכט.

ער איז תמיד אומרואיק. לעצטנס דוכט זיך אים אַלץ, אַז ער האָט אַלערליי מיחושן, אַלערליי חלאתן: ער הערט זיך צו צו יעדער קלייניקייט, וואָס קומט פאָר אינווייניק אין אים. ער נעמט תמיד איין אַלערליי פּילן, פּאַטענטירטע מעדיקאַמענטן, טאָניקס... איז אפשר דערפאַר, וואָס ער איז קראַנק, טשעפּעט ער זיך אַלץ צו זיין פרוי? כאָטש מעגלעך, עס איז גאָר דער־עיקרשט מחמת דעם, וואָס ראַמבאַמען איז די לעצטע פּאָר יאָר, זינט ער האָט זיך דערוואָרבן אַ „סטענדינג״ אין דער געזעל־שאַפט — געוואָרן פּוסט אַזוי אויף דער נשמה... מעגלעך, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס ער פילט זיך דאָס רוב צייט אויסגע־ליידיקט פון יעדן אינהאַלט, פּוסט און נאַקעט.

ג.

נאָר אַט, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, איז אין ראַמבאַמען פּלוצ־לונג אויפגעגאַנגען אַ פרייד, אַ גרויסע פרייד.

אומדערוואַרט האָט ער געפונען פאַר זיך אַן אינטערעס, אַ געהיימען אַנבונד אַנם לעבן.

עפּעס אַ מאָדנע חלאת האָט זיך ביי אים באַוויזן... ס'איז אים אַליין, נאַטירלעך, שווער געווען צו באַשטימען, וואָס עס איז געווען פאַר אַ מין חלאת. אַמאָל האָט עס אים ווי געטאָן אַרום האַרץ; און אַמאָל — אַרום די נירן. אַמאָל — האָט אים דער חוט־השדרה געבראָכן, אַז ער האָט אַזש ניט געקענט מאַכן קיין איינציקן טראָט אָן טיפע ווייטאָגן; און אַמאָל האָט עס אים געשפּאַרט אַזוי מוראַדיק אונטערן לעפעלע, פּשוט מער ניט אויסצוהאַלטן... הקיצור: ס'האָט אים ווי געטאָן כמעט אומעטום, ס'פלעגט אָפּלאָזן אויף איין אָרט, און זיך באַווייזן אויף אַ צווייטן. ראַמבאַם פלעגט תמיד זיין זיכער, אַז ער איז אַ מבין אויף אַלערליי חלאתן; אָבער דאָס איז געווען עפּעס גאָר אַ נייעס — אַ זעלטענע, אַ געהיימניספולע חולאת.

איבערהויפּט אין משך פון די לעצטע עטלעכע טעג איז אים אויסגעקומען צו ליידן זייער שווערע ווייטאָגן, שטעכענישן און שניידענישן אין פאַרשיידענע טיילן פון גוף. ער האָט אָבער פאַרביסן די ליפּן. וועד ווייס — האָט ער געטראַכט — אפשר איז עס דער אָנהייב פון אַ ראַק... יאָ, לויט די סימנים נאָך — ווי ער האָט וועגן דעם אַמאָל געלייענט — איז עס ניט אַנדערש ווי אַ ראַק. ער איז נאָך אפילו גאָרניט אַזוי אַלט, ראַמבאַם: עס פּאַסירט דאָך אָבער, אַז אַ ראַק באַווייזט זיך אויך ביי יינ־גערע מענטשן...

זינט ער האָט אַנטדעקט אין זיך אָט די זעלטענע חולאת, איז זיין לעבן מיטאַמאָל אָנגעפילט געוואָרן מיט וויכטיקן אינ־האַלט. עס איז אים, דוכט זיך, גלייך גרינגער געוואָרן אַ ביסל צו לעבן... אַלנפאַלס, ס'איז אים געווען אויפן האַרצן ניט אַזוי פּוסט, ווי ביז איצט. אין דער קיילעכדיקער זאַטקייט פון זיינע טעג איז אַריינגעקומען אַ דורשטיקע נייקייט; אין דער זי־

בערקייט און זאָרגלאָזקייט פון זיין לעבן — עפּעס אַ ציטער פון אומרו.

און אפילו פון וויכטיקייט... מען קען דאָך ניט וויסן אין אַזעלכע פאַלן: מעגלעך, אַז דאָ קומט שוין אין אים איצט פאַר דער אָנהויב פון זיין סוף...

שעהן־וויַיז, אין די ליידיקע פּוסט־און־פּאַסנע נאָכמיטאָגס, פלעגט ער אָפּליגן אויפן שעזלאָנג, אָן אַרומגערינגלטער מיט זיידענע און סאַמעטענע קישעלעך, רויכערן סיגאַרעט נאָך סי־גאַרעט, און כמעט אַ גליקלעכער פאַנטאַזירן:

—יאָ, ווער ווייס וואָס פון דעם קאָן נאָך אַרויסקומען... אַ ראַק איז ניט קיין קליניקייט.

אַז ראַמבאַם פלעגט אַמאָל, מיט גרויס נייגעריקייט, איבער־לייענען אין אַ בלאַט עפּעס אַ נייעס וועגן דעם, אַז גרויסע מע־דיצינער האָבן אין אַ לאַבאָראַטאָריע פון ערגעץ אַ וויסנשאַפט־לעכן אינסטיטוט ענדלעך אויסגעפונען אַ סערום קעגן ראַק, פלעגט ער זיך סקעפּטיש פאַנאַנדערלאַכן פאַר זיך אַליין.

— ווייס איך וואָס... מען מאַכט זיך גלאַט נאַריש... דאָס וועט זיי קיינמאָל ניט געלינגען... אַ קליניקייט, — זיי שפּילן זיך מיט אַ ראַק! אַ ראַק איז זייער אַ געהיימניספולע קרענק, זייער און זייער אַ רעטענישפולע קרענק...

און איינמאָל נאָכמיטאָג, נאָכן אָפּליגן אַזוי עטלעכע שעהן אין שווייַגעניש אויפן שעזלאָנג, מיטן פּנים צו דער וואַנט, דער־שטיקנדיק אין זיך די ווייטאָגדיקע קרעכצן, וואָס האָבן זיך אַלץ געריסן אין דרויסן אַרויס, רופט ער זיך פּלוצלונג אָפּ:

— ווייסט, עלאַ, וואָס מיר איז איינגעפאַלן...

עלאַ רופט זיך ניט אָפּ. זי זיצט איצט אינעם שכנותדיקן צימער, אינעם עס־צימער, וואָס איז אָפּגעטיילט בלויז מיט אַ שווערער פּאָרטיערע פון דעם פּאַרלאָר־צימער, וואו ראַמבאַם ליגט. זי זיצט דאָרט און העפט אויס מיט זילבערנעם גאָרן אויף אַ קישעלע, — אויסהעפטן תמיד אַ ניי קישעלע איז עלאַס איינ־ציקער פאַרגעניגן, איר איינציקע ליידנשאַפט און איינציקער אַפּרו.

— ווייסט וואָס... — דערהערט זי ווידער זיין קול, שוין

אביסעלע געהעכערט, אין א מינוט ארום. — איך טראַכט לעצטנס, אַז איך וואָלט מיך געדאַרפט פאַרסטראַכירן אויף עפּעס אַ גרעסערער סומע געלט...

עלאַ האָט נישט ליב אַזעלכע שמועסן. זי מאַכט זיך דערי־בער ווי זי וואָלט נישט געהערט זיינע רייד. אָבער ראַמבאַם איז איינגעעקשנט און רעדט ווייטער:

—האָב עס תמיד, ווי דו ווייסט אַליין, געהאַלטן פאַר אַ נאַרעשקייט דאָס דאַזיקע פאַרסטראַכירן זיך... אָבער לעצטנס...

אָבער לעצטנס, דערקלערט ער איר, טראַכט ער אַנדערש וועגן דעם. ער טראַכט, אַז מאַלע וואָס עס קאָן נאָך אַמאָל פּאַ־סירן מיט אַ לעבעדיקן מענטשן...

— מסתמא האָט ער שוין זיינע גרונטן וועגן דעם...

נאָר עלאַ שיינקט אַלץ ניט קיין אויפמערקזאַמקייט זיינע רייד. זי ווייסט, אַז איר מאַן — ווי מען האָט עס איר געזאָגט וועגן אַלע גרויסע מענטשן בכלל — האָט פון צייט צו צייט מאָדנע איינפאַלן, קאַפּריזן ווילדע. זיי גייען אָבער גיך אַריבער. עלאַ איז זייער פאַרנומען מיט איר אַרבעט; זי העפט פאַרזיכ־טיק און פרום, היט זיך ניט דורכצולאָזן אויף דער מאַרלע קיין איין לעכעלע, קיין איין אויגל... ניט אויפהויבנדיק די אויגן, ענטפערט זי אים בלויז עפּעס, גלאָט אַזוי אויף אָפּצוטשעפּען זיך, ווי זי טוט עס תמיד, ווען זי וויל פאַרמיידן זיינע ווייטער־דיקע אומזיסטע אויספרעגענישן:

— כ׳ווייס... וואָס פרעגסטו מיך... טו ווי דו פאַרשטייסט...

דעמאָלט קערט ער זיך האַסטיק אום פון דער וואַנט צו איר מיטן אַנגעצונדענעם פּנים, גיט אויף איר אַ שאַרפן קוק מיט זיין שטעכעדיקן בליק: „נו, נאַטירלעך... מיין טויט וואָלט פאַר איר דעמאָלט ניט געווען אַזאַ גרויסער אומגליק"... ער כאַפּט זיך פונדעסטוועגן באַלד, אַז ער באַגייט אַן עוולה קעגן זיין פרוי — אַז צו טראַכטן אַזוי וועגן איר איז שוין צר־מיאוס: וואָס־וואָס, אויף אַזוי פיל ווייס ער נאָך — עלאַ אים, אים, אויף דער גאַנצער וועלט, דאָס איינציקע אמת־געטרייע באַשעפעניש. אויף דער גאַנצער וועלט, יאָ.

ד.

ווענן זיין געהיימניספולער חולאת האָט ער פונדעסטוועגן דער ווייב זיינער גאָרנישט געוואָלט דערציילן. דאָס איז געווען זיין סוד, זיין באַהאַלטענער אוצר, זיין טרייסט...

נאָר עלאַן איז ביסלעכווייז אַליין געוואָרן פאַרדעכטיק איר מאַנס אָפּליגן שעהן אויפן שעזלאָנג אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען. זי איז אויך געוואָרן אומרואיק איבער דעם, וואָס ער האָט די לעצטע פּאָר וואָכן אויפגעהערט גאָר אײנגאַנצן צו טשעפּען זיך צו איר, געפינען אויף איר נאָכאַנאַנד חסרונות:

— איז ער אַמאָל ניט קראַנק עפּעס?

זי האָט זיך אָנגעהויבן שטילערהייט צוהערן צו אים, נאָכ־שפּירן, ביז זי האָט אַ פּאָר מאָל דערהערט ווי ער קרעכצט עפּעס אַזוי טיף אין שלאָף, אָדער אַמאָל בייטאָג אינם צווייטן צימער.

— וואָס איז דער מער מיט דיר? — די בלייכקייט אויף איר דערשראָקן פּנים האָט גערעדט מער ווי די פּאָר ווער־טער.

—גאָרנישט, — האָט זיך ראַמבאַמס געזיכט אויסגעקרימט אין אַ גליקלעכן שמייכל. — ס'איז אַ קלייניקייט... זיך פאַר־קילט מסתמא...

איינמאָל אַזוי, אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן — ביז עלאַ האָט זיך ניט אויף קיין קאַטאָוועס אָנגעהויבן שרעקן איבער זיין פאַרעקשנטן, סודותדיקן שווייגן.

— ניין, ס'איז אַוודאי נ י ש ט קיין קלייניקייט...

און זי איז צו אים אַזוי לאַנג צוגעשטאַנען, מיט אַזוי פיל האַרציקער געטריישאַפט, ביז ער האָט איר ענדלעך געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט זען זיין ביי אַ דאָקטער און זיך לאָזן פון אים באַטראַכטן.

איינמאָל אין אַ נאָכמיטאָג, נאָך דער אַרבעט אין רעדאַקציע, איז ער טאַקע אַוועק צו אַ גרויסן און באַרימטן דאָקטער, אַ מומחה אויף אַלערליי אינערלעכע קראַנקהייטן. אָנצוקומען צו אַזאַ גרויסן דאָקטער איז געווען גישט אַזוי גרינג; ס'איז געווען

איינער פון יענע דאָקטוירים, וואָס ווען ער נעמט שוין צו די 25 דאָלער פאַרן וויזיט, טוט ער עס מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט עס בסך־הכל דעם חולה דערמיט געטאָן אַ גרויסע פער־זענלעכע טובה.

אַ נעגער אין אַ גאָלדן־געזוימטער ליוורייע האָט באַוואָכט די ברייטע טירן, וואָס האָבן געפירט צום מירמל־שטיינערנעם באַגילטן וועסטיביול פונם אַפּאַרטמענט־הויז אויף דער פינפטער עוועניו, וואו יענער דאָקטער האָט געוואוינט.

אינם קאַבינעט פונם דאָזיקן גערימטן דאָקטער איז ביי דער וואַנט געשטאַנען אַ גרויסער טיש באַשטימט ספּעציעל פאַר לאַבאָראַטאָריע־צוועקן, פאַר כעמיש־באַקטעריאָלאָגישע אַנאַ־ליזן. אַ טיש אַ באַדעקטער מיט כל־ערליי פּראָביר־גלעזלעך, רעטאָרטעס, מיט בייכיקע פלעשער אָנגעפילט מיט אַלערליי זויער־שטאָפן, פאַרצעלייענע שיסלען און טעפלעך, ברענענדיקע בענסאָן־לעמפלעך... דער דאָזיקער טיש פלעגט ממש אָנוואַרפן אַן אימה אויף די אַריינגעקומענע פּאַציענטן און האָט זיי אפשר מער אימפּאָנירט ווי אַליין דער גרויסער דאָקטער מיט זיין שווייגנדיקן און אָפּגעשיידטן אויסזען, מיט זיין וואוקסיקער אַנגלאָ־זאַקסישער פיגור, מיטן ראָזיק־געגאָלטן קאָפּ און שטרענגן פולן פּנים.

דער גרויסער דאָקטער האָט ראַמבאַמען אַ לענגערע צייט שטריינג און געוויסנהאַפט באַטראַכט — ניט נאָר אים אַליין; זיין גאַנצע משפחה האָט ער דאָ גענומען אויפן צימבל... ער האָט נויטיק באַדאַרפט וויסן אויב ווער עס איז פון ראַמבאַמס משפחה האָט ווען עס איז געליטן אויף אַ גאַנצער ריי חולאתן, פון רומאַטיזם ביז ווענערישע קרענק. ראַמבאַם האָט זיך מיט־אַמאָל דערפילט ווי ער וואָלט געוועזן ניט קיין איינציקער מענטש בלויז, נאָר עפּעס אַ גאַנצע מחנה...

דערנאָך ערשט האָט ער גענומען און אים אָוועקגעלייגט אַ האַלב־נאַקעטן און אַ שרעקלעך־הילפלאָזן אויף אַ לאַנגן לע־דער־באַדעקטן טיש, וואָס איז געווען קאַלט און גליטשיק און האָט אָפּגעשראָקן מער ווי עפּעס אַנדערש. דער דאָקטער האָט ראַמבאַמען דאָרט געדרייט און איבערגעקערט אויף אַלע זייטן,

ווי עפּעס אַ ניט־דערבאַקן לאַבן אין אַן אויוון, האָט אים אויסגעקלאַפּט מיט אַ העמערל און מיט קאַלטע פינגער־קנאָכנס, האָט אים גענומען אַ בלוט־פּראָבע, און,דערנאָך, טאַקע אים אַליין אין די אויגן, געמאַכט דעם אַנאַליז — געגאָסן, צוגעגאָסן, איבערגעגאָסן אַלערליי פליסיקייטן פון איין פּרוביר־גלעזל אין אַ צווייטער — און דאַן געלאָזט דרייען זיך די פּרוביר־גלעזלעך מיט אַ טייוולאָנישער שנעלקייט אין עפּעס אַן אַפּאַראַט אַזאַ — פון די גלעזלעך, פון זיין בלוט און פון ראַמבאַמס גאַנצן לעבן איז דאָ באַלד געוואָרן מער ניט ווי אביסל ראַש זיך־באַוועגנדיקע לופט...

ראַמבאַמען האָט באַגאָסן אַ קאַלטער שווייס בשעת ער האָט זיך צוגעקוקט צום דאָקטערס שווייגנדיקער און געהיימניספולער אַרבעט. פאַרביי זיינע אויגן האָבן זיך געוועבט קאָלירפולע רויטע געוועבן — דאָס איז עס... צוקער מסתמא אויך... אַלבומין... צופיל ווייסע קערפּערלעך אינם בלוט...

נאָר דער גרויסער דאָקטער האָט אין אָט דער מינוט, ווייזט אויס, ניט געלייגט מער אַכט אויף ראַמבאַמען און אויף זיינע פיבערדיקע געדאַנקען, ווי אויף דער סטעליע איבער זיין קאָפּ, אָדער אויף דער פּאָדלאָגע אונטער זיינע פיס. די גאַנצע צייט האָט ער איצט מיט ראַמבאַמען קיין וואָרט נישט אויסגערעדט: מער האָט שוין ראַמבאַם, ווי אַ לעבעדיקער מענטש, פאַר אים נישט עקזיסטירט.

באַלד האָט ער צוריק אַנידערגעשטעלט אין דעם הילצערנעם געשטעל מיט די קיילעכדיקע לעכלעך די פּרוביר־טרייבלעך מיט דער מוטנער פורפורנער פליסיקייט, און האָט אַ וואונק געטאָן דעם האַלב־נאַקעטן ראַמבאַמען ער זאָל אים נאָכגיין.

ער האָט אים אַריינגעפירט אין אַ קליינעם פינצטערן חדר, וואָס איז געווען פון אינווייניק און פון דרויסן באַקלאַפּט מיט אַ שיכט פון דינעם מעטאַל — צין אָדער בלעך. דאָס צימער האָט ניט פאַרמאָגט קיין שום פענצטער, איז געווען אַן אָפּגעזונדערטע בודע. די בודע האָט געשפּרייט אַרום זיך אַן אימה ווי אַן אינקוויזיציע־קאַמער. אינמיטן צימער, אויף אַ הויכן געשטעל, האָט זיך געהויבן עפּעס אַ ריזיקע מאַשינעריע. ראַמבאַמען

האָט זי אין אָט דער מינוט אויסגעזען ווי אַ געהיימניספולער מאָטער־אינסטרומענט...

דער דאָקטער איז באַלד אַריינגעקומען אין אַ טונקעלן כאַלאַט וואָס האָט געהאַט אויף דעם זעלביקן מעטאַל־קאָליר, וואָס די ווענט פון דער בודע, — צין, אָדער אַלטער בלעך. ער האָט אויף דעם דערשראָקענעם האַלב־נאַקעטן ראַמבאַמען, וועלכער איז אַריינגעקוועטשט געוואָרן צווישן צוויי טונקעלע פּלאַטן, וואָס האָבן קאַלט געדריקט קעגן זיין ברוסט און מאָגן — אַ לאַז געטאָן מיט אַ קנאַקעריי און טראַסקעריי אַ שטראָם בלוי־לעכע און וויאָלעטענע פייערן פון דער ריזיקער לאַמטערנע, אַ שטראָם פון קנאַקעדיקע בליצן פון עקס־שטראַלן.

— יאָ, — האָט ראַמבאַם געטראַכט מיט האַרץ־קלאַפּעניש.

— ס׳איז טאַקע אַזוי ווי מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט... אַ ראַק...

יאָ, — האָט ער ווייטער געטראַכט בשעת די עקס־שטראַלן האָבן דורכגעדרונגען זיך, דורכגעסמאַליעט זיין לייב און געביין מיט ריח פון צוגעברענטן פלייש. — ס׳איז דער אָנהויב פון דעם סוף...

מיידלעך־געהילפן האָבן אין אַן אַנדער צימער דערווייל צו־געגרייט די בילדער פון דעם גענומענעם קאַרדיאָגראַף.

דער צערודערטער ראַמבאַם האָט געוואַרט מיט האַרץ־קלאַ־פּעניש אויף דעם טויט־אורטייל, וואָס דער דאָקטער וועט אים זיכער באַלד אַרויסטראָגן. ער האָט אָבער אויף דעם אַרויסגע־קוקט, ראַמבאַם, מיט אַזאַ נייגעריקער האַרץ־קלאַפּעניש און אַזאַ באַגערעניש, פּונקט ווי פאַר אים וואָלט עס געווען ניט קיין טויט־אורטייל, נאָר אַ לעבנס־אורטייל...

ה.

דער סוף איז אָבער געווען זייער אַן אומדערוואַרטעטער און זייער אַן אַנטוישנדיקער.

— איך האָב מורא, אַז אייך איז גאָרניט... — דער גרוי־סער שטרענגער דאָקטער איז שוין איצט ווידער געזעסן ביי זיין אויספרעג־טיש. מיטן עלנבויגן אָנגעשפּאַרט אָן דעם דיקן מע־דיצינישן פּנקס זיינעם, האָט ער מיט די קאַלטע שטאָלענע אויגן אַריבערגעקוקט אויף דעם ניט־וויכטיקן פּאַציענט אים אַנטקעגן,

פון דער צווייטער זייט טיש. אין אַ ווינקל פון זיינע קאַלטע גרויע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ שפּאָטיש פּייערל.

— איך האָב מורא, אַז דאָס איז אַלץ אַן איינגערעדטע זאַך ביי אייך... דער פּליוראָסקאָפּ און די קאַרדיאָגראַמע זיינע ווייזט אויס מער־ווייניקער נאָרמאַל... נו, אַביסעלע סקרעלאָז דאַרטן... ס׳איז אָבער גאַנץ נאַטירלעך אין אייער עלטער. כ׳מיין, אַז מען געפינט זיך אין די מיטעלע יאָרן... צי קען מען עס אויסקורירן, פרעגט איר? — ער האָט זיך הילכיק פאַנאַנדערגעלאַכט מיטן זעלבסט־צופרידענעם געלעכטער פון אַ דורכאויס געזונטן מענטש, וועלכער ווייס נאָך דערצו, אַז ער איז קליגער פון אַנדערע, כאָטש ער איז געניג טאַקטפול עס ניט אַרויסצואווייזן. צום ערשטן מאָל האָט זיך דאָביים טיש באַוויזן אַ מענטש, ניט דער פריערדיקער שטרענגער מעדיצינישער אויסשפּיר־אויטאָמאַט. — יאָ, אוודאי! אויב איר וועט נאָר אָנהויבן עסן איינפאַכע עסנס און... אַביסעלע ווייניקער... און דערצו — נאָך עפּעס: האַקן האַלץ... איר מוזט, מיסטער, אומבאַדינגט אָנהויבן האַלץ האַקן כאָטש איין שעה אַ טאָג... יעדן טאָג...

— אָבער דאָקטער...—איז ראַמבאַם אינגאַנצן רויט געוואָרן פון באַליידיקונג און פאַרדראָס; אַ בושה־שווייס איז אים אַרויסגעטראָטן אויף שטערן, — וואָס מיינט איר עפּעס האַקן האַלץ... אים בין אַ זשורנאַליסט... אַן אָנגעזעענער שרייבער...

דער גרויסער דאָקטער האָט אַ ביסל מיט פאַראַכטונג קוים באַמערקלעך אַ קרום געטאָן דאָס פולע שיינע געזיכט זיינס, און האָט זיך אויפגעהויבן. פאַר נאַרישקייטן, הייסט עס, האָט ער דאָ קיין צייט ניט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— ס׳איז נעווראַסטעניע... איר זייט דאָך, דוכט זיך, פון דער אידישער ראַסע? נו, יאָ, ביי אייער ראַסע איז עס זייער אַ פאַרשפּרייטע חלאת... האַלץ־האַקן! — איז זיין געזיכט שטרענגער געוואָרן, — האַלץ־האַקן! גוד־באַי!

ראַמבאַם האָט זיך דערפילט ווי מען וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ שעפל קאַלטע וואַסער. ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן. ער האָט אָנגעהויבן שטאַמלען:

— אָבער דאָקטער... וואָס הייסט האַקן האַלץ... חוץ אַלע

מען... ווי קען איך... אַז מיר וואוינען אויפן פינפטן שטאָק... אונטן זיינען דאָ שכנים... ביי אונדז זיינען דאָך פּאַרקעט־דילן... געוועקסטע...

נאָר דער דאָקטער האָט אים בלויז פריינטלעך געדריקט די האַנט און נאָך פריינטלעכער, אַרומנעמענדיק ראַמבאַמען פעסט מיט זיין לינקן אָרעם, אַרויסבאַגלייט אים מיט אָט דער באַוועגונג פון קאַבינעט אַרויס. אין אויפנאַם־צימער האָבן דאָך געוואַרט אויף אים נאָך פּאַציענטן.

ו.

אַהיים קערט זיך ראַמבאַם יענעם טאָג אום אַ שטאַרק־אַנטוישטער, אַ באַליידיקטער אין זיין גאַנצן וועזן: מען האָט זיך אויסגעלאַכט פון אים... מען האָט פון אים חוזק געמאַכט... פונדעסטוועגן באַשליסט ער אויפן וועג:

— מילא, האַלץ־האַקן — דאָס איז חוזק... עסן אָבער וועט ער פון איצט אָן און ווייטער טאַקע אָנהויבן זייער ווייניק, וואָס ווייניקער — איז ער פעסט ביי זיך — הלמאי זאָל ער עס ניט טאָן, וויבאַלד ס'איז פון זיין אייגענער טובה וועגן?

יאָ, ס'איז טאַקע אמת: ער פרעסט טאַקע צופיל, צופיל רייכע און פעטע שפייזן. פון דעם אַליין קאָן מען קריגן אויב ניט קיין ראַק, איז לכל־הפּחות אַ מאָגן־קאַטאַר. און ס'איז פונקט אַזוי געפערלעך. אָבער שולדיק אין דעם איז דאָך ווידער בלויז זיין פרוי: רק זי רעדט אים צו ער זאָל עסן, עסן; רק זי שטאָפּט אים און שטאָפּט אים.

ער האָט שוין געוואָלט זיין וואָס גיכער אין דערהיים, אויסגיסן זיין גאַנצן כעס און ביטער־האַרץ אויף איר. אָבער, אַז ער קומט אַהיים, טרעפט ער ווידער אויפן טיש פון כל־טוב, ווי געווינלעך צו מיטאָג. און ווי יעדן אַנדער טאָג, האָט אים אויך היינט זיין איבערגעגעבענע פרוי צוגעגרייט עפּעס גייעס פאַר אים. סקעלאָפּס געפרעגלטע, גרעיפּ־פרוכט מיט צעבראָקט אייז און מיט אַן איינגעשטאַנענער רויטער מאַראַשינאָ־קאַרש אינמיטן. און דאַן — דאָס עיקר־געריכט: געפרעגלטער אינדיק מיט צעריבענע קאַשטאַנעס, ראַמבאַמס באַליבטער מאכל. דער ריח פון

אָט דעם אינדיק, וואָס פּרעגלט זיך איצט, פאַרשמעקט די גאַנצע שטוב מיט רייכן יום־טובדיקן מאָלצייט.

איז ענדיקן ענדיקט זיך עס מיט דעם, וואָס ראַמבאַם לייגט אָפּ דעם אָנהויב פון זיין דיעטע־תענית אויף מאָרגן: — איין טאָג דאָרטן איז ניט אַזאַ גוואַלדיקע געפאַר... היינט אָבער עסט ער אויף אַלץ, וואָס איז נאָר דאָ אויפן טיש, שטאָפּט זיך אָן ביזן האַלדז און פאַרטרינקט נאָך מיט אַ פּאָר פלעשער ביר דערצו.

בלויז צום סוף מיטאָג, ביים קרעם־דעסערט, מורמלט ער אומזיכער אַרויס צווישן די ליפּן דעם אַלטן פּזמון זיינעם: „גוואַלד, וואָס שטאָפּט זי מיך אַזוי... גוואַלד, וואָס שטאָפּט זי מיך אַזוי". נאָר ער איז געווען צופרידן, וואָס זיין ווייב האָט כאָטש ניט געהערט זיינע נאַרישע רייד.

ער פאַרלאָזט דעם טיש מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ, גיט זיך גלייך אַ וואַלגער אַרונטער מיט אַ קרעכץ אויפן שעז־לאָנג און קערט זיך אום מיטן פּנים צו דער וואַנט, ווי געוויינ־לעך לעצטנס, מיט אַ פאַרדרוס אויף זיך און אויף דער גאַנצער וועלט:

— עך, — וויינט אין אים יעדער אבר פון פאַרדרוס. — עך... אַפילו אויף צווינגען זיך צו עסן אַ ביסל ווייניקער, האָב איך אויך קיין ווילן ניט. ניין, ס'וועט שוין פון מיר גאָרנישט ניט זיין, גאָרנישט...

ז.

אויף באַנקעטן, אויף אַ שרייבערישער שמחה אָדער פאַר־זאַמלונג גייט ראַמבאַם קיינמאָל ניט: ער זאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס ער קען ניט ליידן די פאַלשקייט, די אָפענע צביעות, די נאַקעטע אומאויפריכטיקייט וואָס הערשט, לויט ראַמבאַמען, ביי אָט אַזעלכע געלעגנהייטן. עפּעס אַ מעפּיסטאָפע־לישן תענוג האָט ער תמיד אין אַזעלכע פאַלן — ווען ער הערט אימיצן אין אַ הויכן, פייערלעכן טאָן דאַרשענען וועגן די מעלות און אויפטוען פונם בעל־שמחה, — צו פאַרגלייכן יענעמס גע־הויבענע רייד אין אָט ד ע ר מינוט מיט דעמזעלבנס געוויינ־לעכע מיינונגען וועגן דעם בעל־שמחה, וועלכע יענער באַהאַלט

ניט אויס אַ גאַנץ יאָר. אַט אַזעלכע מיני פאַרגליייכן פלעגן אים כלומרשט פאַרשטערן יעטווידער מעגלעכן פאַרגעניגן... ניין, ראַמבאַם האָט נישט ליב צו גיין אויף אַזעלכע מיני שמחות.

אייניקע חברים זיינע — דערהויפּט שאול ווילדען, זיין איבערגעגעבנסטער חבר אין די אַמאָליקע יאָרן — זאָגן אַפילו: דאָס איז דערפאַר, וואָס מען האָט אים אַליין, ראַמבאַמען, קיינ־מאָל אין זיין לעבן קיין באַנקעט ניט געמאַכט. און איצט איז דאָך שוין אוודאי ניטאָ קיין שום אויסזיכטן, אַז מען זאָל אים ווען עס איז פאַרשאַפן אַט דעם מין נאַרישע, אָבער אַנגענעמע פונדעסטוועגן, פרייד. יאָ, אַזוי וויצלט מען זיך אַמאָל אויף זיין חשבון; אָבער די סמיקע שאַרפקייט פון שרייבערישע צינגער, אַמאָל אַ חבריש־גוטמוטיקע בלויז, און אַמאָל טאַקע אַ שלאַנגיקע — זי איז דאָך שוין באַקאַנט פון לאַנג אָן!

איז אַט דעריבער לאַנגווייליק ראַמבאַמען, פּוסט און לאַנג־ווייליק.

גוט איז אים נאָר שבת אין אָוונט, ווען עס קומען זיך ביי אים אין הויז צונויף אַ עולם פריינט און סתם באַקאַנטע, און מען כאַפּט אַ היציק קערטל. אָבער אַ גאַנצע וואָך זיינען דאָך דאָ אַ סך לאַנגע און ליידיקע נאָכמיטאָגס — איז טאַקע שלעכט, איז טאַקע ביטער.

לייענען ווילט זיך אים שוין פון לאַנג נישט. ס׳הייסט, ווילן ווילט זיך אים גראָד יאָ: דער חשק צו זען, צו וויסן וואָס אַנדער טוען אויף ברענט אין אים שטאַרק. פאַרן אָנהויב פון יעדן נייעם יאָר שרייבט ער אויס די בעסטע אידישע זשורנאַלן פון דער גאַנצער וועלט. נאָר זיי בלייבן שוין אַזוי ליגן ביי אים דאָס רוב נישט קיין צעשניטענע אפילו; ער קאָן זיי ניט לייי־ענען, דאָס האַרץ דערלאָזט ניט... ס׳שניידט און רייסט אַפּנים ערגעץ אין דער טיף דער אָנבליק פון די אויפטוען און דערגריי־כונגען פון אַ נ ד ע ר ע.

די זשורנאַלן און ביכער, נייאינקע און ניט־אויפגעשניטענע, וואַלגערן זיך ביי אים אומעטום אין קאַבינעט — אויפן שרייב־

טיש, אין די טיפע מאריס־שטולן, אויפן דיל. זיי וואַלגערן זיך ניט־געוואונטשענע און איבעריקע, ווערן ביסלעכווייז געדיכט באַדעקט מיט שטויב. דאָס ווייב קלייבט זיי דעמאָלט צונויף, בינדט זיי צוזאַמען אין איין פּאַק און טראָגט זיי אַרונטער אין גאַס, — פאַרן מיסט־וואָגן.

אין טעאַטער אַריין גייט ראַמבאַם אויך ניט. ערשטנס, איז איז עס ניט מעגלעך: ער מוז דאָך אויפשטיין יעדן טאָג פרי צו דער אַרבעט. אַזייגער פיר אינדערפרי. און ער ליגט שוין לאַנג אין בעט, ווען דער יום־טובדיקער עולם הויבט זיך ערשט אָן צונויפקלייבן אין די ניו יאָרקער טעאַטערן. אָבער חוץ דעם: ראַמבאַם טענהט, אַז דאָס אידישע טעאַטער איז שרעקלעך הינ־טערשטעליק, איז מוראדיק קאָנסערוואַטיוו, האָט ניט קיין אָרט פאַר קיין שום מאָדערנע ריכטונגען און קונסט־שטרעמונגען... הכלל: ס׳איז ניט קיין טעאַטער, נאָר אַ באַלאַגאַן.

— אַ מענטשן כאַטש מיט אַ ב י ס ל ראַפינירטן גע־שמאַק — פּלעגט די אונטערשטע ליפּ ראַמבאַמס זיך מיט גרינג־שעצונג אַרונטערלאָזן צו דער פּירקאַנטיקער בולדאָגישער גאָמ־בע זיינער — אַזאַ מין מענטשן עקלט דאָך ממש פונם אידישן טעאַטער... עס מ ו ז דאָך אים עקלען!...

און ס׳איז דאָך געווען אַמאָל אַ צייט, ווען ער האָט זיך דעם גורל פונם אידישן טעאַטער גענומען זייער שטאַרק צום האַרצן. ער האָט דעמאָלט געהאָלפן גרינדן דראַמאַטישע קלובן, טעאַטער־קורסן. אַ שטיק צייט האָט ער דאָך אַפילו אַליין גע־שפּילט טעאַטער: ס׳איז דאָך זיכער ניט געווען זיין שולד, וואָס די יוניאָן האָט אים ניט געוואָלט דורכלאָזן ביי די עקזאַמענס... ג ע ט ר ו י מ ט האָט ער דאָך די גאַנצע צייט פון אַ שיינעם טעאַטער — כאָטש פון אַ קליין ווינקל־טעאַטערל, פון אַן אָפּ־געזונדערט קאַמער־טעאַטערל...

יאָ, דאָס איז טאַקע אַלץ אמת. אָבער דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל, ווען ראַמבאַם בכלל האָט נאָך ג ע ט ר ו י מ ט. דאָס איז געווען — א י ד ע ר, א י י ד ע ר . . .

ח.

גוט איז נאָך, וואָס אים איז לעצטנס ענדלעך געלונגען זיך איינצושאַפן אַן ערשט־קלאַסיקן אויטאָמאָביל. דאָס איז געווען די ערשטע מתנה, וואָס ער האָט זיך אַליין געשאָנקען גלייך נאָכדעם, ווי ער איז באַשטימט געוואָרן ווי אַ „פּאָבליסיטי״־אַגענט פאַר דער שטאָטישער „טרעקשאַן־קאָמיסיע״: צוויי טויזנט פינף הונדערט דאָלער אַ יאָר, פופציק דאָלער אַ וואָך... דאָס איז געווען אַ שטעלע אַ זיכערע און אַן „אייביקע״ — פעסט, ווי גאָלד: אַלנפאַלס, אַזוי לאַנג ווי די איצטיקע שטאָט־רעגירונג וועט זיך געפינען אין די זעלביקע הענט.

אָבער ראַמבאַם האָט זיך געוואָלט איינשמועסן, אַז געקויפט אָט דעם נייעם אויטאָמאָביל האָט ער גאָר צוליב זיין פרויס וועגן. זי האָט דאָך נעבעך קיינמאָל קיין געלעגנהייט ניט אַרויס־צוגיין פון שטוב, פאַרברייניגען אַביסל, אָנצוקוקן די פרייע וועלט. זי זיצט דאָך תמיד פאַרשפאַרט אין שטוב ווי אַן אַרעסטאַנטקע. פרימאָרגנס — ביי דער באַלעבאַטישקייט. נאָכמיטאָג — ווייל ער, ראַמבאַם, איז שוין דאָ אינדערהיים. אין אָוונט — ווייל ער לייגט זיך דאָך פרי שלאָפן. און דער דאָזיקער קיווין... ס׳איז אפשר ניט גלייך, וואָס ער לאָזט אים אויסנעמען עלאַן אַזוי אָפט. קיין שלעכטס קאָן ער אפילו פון זיין עלאַן ניט דערוואַרטן, נאָר עפּעס רויטלט זי זיך צו־שטאַרק, ווען קיווין איז דאָ, לאָזט צופיל אַראָפּ די אויגן... און מיט וואָס פאַר אַן ענטוזיאַזם זי האָט עס אָנגעהויבן צו פאַרטיידיקן זיינע לידער! אמת, ראַמבאַם אַליין שרייבט דאָך שוין מער ניט קיין לידער; אמת, זי מאָג דאָך אויסגיין מיט קיווינען, וויבאַלד אַז ער אַליין, ראַמבאַם, נעמט זי כמעט אין ערגעץ ניט אויס. אָבער פונדעסטוועגן... אויף די בעסטע פרויען טאָר מען זיך ניט פאַרלאָזן. ער ווייסט עס פון זיין אייגענער דערפאַרונג, ראַמבאַם...

איז איצט, מיטן נייעם אויטאָמאָביל, אַ גרויסער בלישטשע־דיקער ראָלס־ראָיס אויף גאַנצע זעקס פלעצער — קאָנען זיי אין אַ זונטאָג־נאָכמיטאָג מאַכן אַ שטיקל יום־טוב, קאָנען זיי מאַכן אין דער מאַשין אַן עקסקורסיע ווייט הינטער דער שטאָט. אַמאָל צום ים און אַמאָל אין די בערג. איינלאַדן געסט אויך...

אָ, אַזעלכע עקסקורסיעס... זיי פאַרבלייבן תמיד אין ראַמ־באַמס געדעכעניש ווי פייערן, וואָס ברענען אין אַ ביינאַכטיקן פעלד, ווי ליכט־טורעמס אויפן ברעג פון אַ וויסטן און אומהיימ־לעכן ים. אַט האָבן זיי, אַ שטייגער, טאַקע לעצטן זונטיק־נאָכ־מיטאָג, אַלע צוזאַמען געמאַכט אַ רייזע פון ניו יאָרק קיין נוי־בורג. ער מיט זיין משפּחה, ווי אויך אַ פּאָר יונגע חברה, וואָס ער האָט אַנומעלטן אין קאַפע איינגעלאַדן צו זיך אויף זונטיק.

די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן זעצן, ווען זיי זיינען גע־פאָרן צוריקוועגנס איבער דעם שטורם־קינג שאָסעי, צווישן נ י ו ב ו י ר ג, דער שיינער שטאָט אויפן שיפּוע פונם באַר־גיקן ברעג פונם האָדסאָן־טייך און דער פעסטונג ו ו ע ס ט פּאָינט, וואָס הענגט אין די פעלזן פון די שטורם־קינג בערג, ווי אַן אָדלער־נעסט. אין דער פעלזיקער וואַנט פונם מאַיעסטעטישן באַרג האָט זיך געקלאַמערט דער הענגענדיקער שאָסעי, גע־שווינדלט אַרויף און אַראָפּ צווישן די גראַניט־פעלזן. אונטן, הונדערטער פוס אין דער נידער, האָט געברענט מיט גאָלד דער ברייטער שליאַך פונם האָדסאָן־וואַסער. עס איז צעטיילט געווען אויף צוויי טייל, דאָס וואַסער: איין העלפט איז געווען אין רויטלעכן און ברוינעם שאָטן; און די צווייטע, די מזרחדיקע העלפט, האָט זיך געטונקט אין אַ פאַרפלייצעניש פון רויטער זון... דאָס וואַסער פאַרנאַכט איז געווען שטיל. גרויסע טוריסטן־דאַמפּערס און ציכטיקע ווייסע לוקסוס־יאַכטעס האָבן זיך גע־גליטשט איבער דער גלאַטקייט פון דעם האָדסאָן־שפּיגל, ווי ריזיקע גענדז.

— קיווין, דער יונגער דיכטער פון גאַליציע, דער נידעריקער בחור מיטן שטאַרק מגושמדיקן פּנים, ווי ביי אַ שמיד־געהילף, מיט די ברייטע קינבאַקן און מיט פאַסמעס רויט־אָפּגעבליאַקע־וועטע האָר, וואָס זיינען אים אַרונטערגעהאַנגען פון ביידע זייטן באַקן, שיער ניט ביז צו דעם קין־צו, ער איז אויך מיט זיי מיט־געפאָרן. זיי זיינען געווען זאַלבעפינפט אין דער מאַשין. ער האָט נאָכאַנאַנד געקרעכצט — אַפּנים מחמת גרויס באַגייסטערונג — און געשריען אָן ווערטער... ער איז אויסגעווען אַ וועלט, דער דאָזיקער יונגער חברה־מאַן, האָט אַרומגעוואַנדערט איבער אַך־

אַ־שיער אייראָפּעאישע מדינות און פון אָט די וואַנדערונגען זיינע זיינען ביי אים פאַרבליבן צוויי הויפּט־שוואַכקייטן: אַ טבע אין געשפּרעכן, תמיד צו וואַרפן זיך מיט זיין געניטשאַפט אין דער געאָגראַפיע פון אייראָפּעאישע לענדער; און אַן אויבנ־אויפיקער בטולדיקער קוק אויפן לאַנד אַמעריקע און אויף אַלץ וואָס איז אַמעריקאַניש.

— נו, וואָס זאָגט איר אויף ד ע ם? — האָט ראַמבאַם קוים אַרויסגעזייט די פראַגע פון זיין מויל, וואָס איז געווען פאַרשטאָפּט מיט אַ דיקער ציגאַר. מיט די אויגן האָט ער דאָך גאָרנישט געקאָנט אָנווייזן — ער האָט זיי געהאַלטן אָנגעשטרענגט אויפן שפּיגלדיקן אַספאַלט פאַר אים, אויף וועלכן עס האָבן נאָכאַנאַנד פאַרבייגעשמיסן אויטאָס — ריזיקע זשוקן. און מיט די הענט האָט ער אויך גאָרניט געקאָנט אָנווייזן — דאָס אויטאָמאָביל־ראָד האָט זיך פעסט איינגעקלאַמערט אין די שוויי־סיקע הענט און זיי ניט אָפּגעלאָזט... איז בלויז מיטן קאָפּ און מיט אַן אַקסל האָט ער אַ וואונק געטאָן אויף דער ״זון־באַגאָ־סענער פראַכט, וואָס אַרום.

— נו, וואָס זאָגט א י ר א י צ ט אויף אַמעריקע?

— האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט זיין פראַגע מיטן טאָן פון אַ באַלעבאָס, וואָס באַווייזט מיט באַהאַלטענעם שטאָלץ זיין געראָטענע ווירטשאַפט פאַר אַ גאַסט אַ מבין: — ס'איז נאָך פונדעסטוועגן דאָ וואָס אָנצוקוקן אין אונדזער לאַנד אויך, ווי?

— אַך, אַמעריקע, אַמעריקע... — האָט דער דיכטער באַגייסטערט אַרויסגעקרעכצט, נאָך אַלץ ניט קענענדיק געפינען קיין ווערטער. ער איז געווען דאָ אין לאַנד שוין אַפילו אַ יאָר צוויי, אָבער די דאָזיקע פאָר יאָר האָט ער פאַרבראַכט גאָר אין אַן אַנדער וועלט, וועלכע ע'ר האָט אַפילו אָנגענומען פאַר אַמע־ריקע: ער האָט זיי פאַרבראַכט הויפּטזעכלעך בלויז אין איינעם אַ ווינקל פון דעם פאַרביקן און פיל־פעלקערדיקן פלאַטערניש פונם ריזיקן וועלט־כרך ניו יאָרק — אינם שרייבערישן קאַפע אויף איסט בראָדוועי. — אַך, אַמעריקע... ווער וואָלט זיך עס געקאָנט ריכטן! און סך־הכּל — אַ שעה־צוויי הינטער דער שטאָט...

קיווין האָט געקרעכצט און געאויקעט פון גרויסער באַגײ־סטערונג און התלהבות. ראַמבאַם, עלאַ און ער זײַנען געזעסן אין דער פאָדערשטער ריי, אין פראָנט פון אויטאָמאָביל. עלאַ צווישן ביידע מאַנסבילן. ס'איז געווען אַ ביסל ענגלעך. כאָטש הינטער זיי, אינם גרויסן אויטאָמאָביל איז דאָך געווען היפּשלעך פּוסט — דאָרט האָבן זיך געפונען בלויז נאָך צוויי „דיכטערלעך" און אַ פּאָר שפּייז־קעסטלעך. נאָר קיווין האָט געוואָלט דווקא זיצן אין דער פראָנט־ריי נעבן אָנטרייבער. אַז ניט, האָט ער דערקלערט, וואָלט זײַן רייזע אינגאַנצן געווען פאַרשטערט. האָט ער איצט אינגאַנצן געבריט. זײַן לינקער טייל קערפּער האָט פּשוט גע־ברענט... איז אפשר האָט זיך זײַן ענטוזיאַזם פאַר דער אַרומיקער געגנט גענומען אויך פון עלאַס נאָענטקייט? אפשר האָט ער ט אַ ק ע גערעדט איצט פון היץ? אַפּנים, אַז ניט אומזיסט האָט זיך די שרייבערישע ברודערשאַפט אין ליטעראַרישן קאַפע דורכגעוואָרפן מיט באַדייטונגספולע אויגן־ווינקענישן אויפן חשבון פון קיווינען און ראַמבאַמס ווייבל. כאָטש די זיכערקייט פון געוויסע מעשהלעך זייערע וועגן די באַציאונגען צווישן דעם פּאָרל, זײַנען מסתמא געווען איבערטריבן, האָבן געשטאַמט פון מאַנסבילשער קנאה — ניין, זיי זײַנען געווען זיכער איבערגע־טריבן, אַט יענע פייגע מעשהלעך וועגן קיווינען און עלאַן...

— איר ווייסט — איז ער ביסלעכווייז געקומען צו זיך, זיך פּאָרט ניט איינגעהאַלטן פון אַ שטאָלציר־טאָן מיט זײַן וועלט־קענטעניש: און אפשר האָט ער אויך געוואָלט אין איין וועגס שוין אַ חנפע טאָן ראַמבאַמען. — איר ווייסט... אַט דער שאָסעי אייערער... אַזוינס האָב איך געזען בלויז איינמאָל אין מײַן לעבן... אַמאָל אין דער שווייץ... מיט אַט דעם וועג קאָן זיך בלויז פאַרגלייכן דער „אַקסן־שטראַסע שאָסעי", וואָס פירט פון דער שווייץ קיין איטאַליע...

יאָ, אויב ער האָט געוואָלט מיט דעם אַ חנפע טאָן ראַמ־באַמען, האָט ער טאַקע ריכטיק צוגעטראָפן מיט זײַן חניפהלע, דער דאָזיקער געניטער חברה־מאַן. ראַמבאַם האָט זיך טאַקע תמיד געפילט שטאַרק שטאָלץ אויף אַמעריקע, אויף ז י י ן

לאַנד. ער האָט זיך שוין לאַנג געפילט ווי אַן איבערגעגעבענער זון פון אַמעריקע, כאָטש זיין וויגעלע איז געשטאַנען אין אַ מדינה, וואָס איז געווען גאָר ווייט פון דאַנען. און דעם גאַנצן פאַרנאַכט שוין, ביז זיי זיינען אָנגעקומען קיין ניו יאָרק, איז ער געווען אינגאַנצן אַרומגעכאַפּט מיט אַ געפיל פון שטאָלץ און דערהויבונג. אַ זעלטן און אומגעוויינטלעך געפיל ביי ראַמ־באַמען; אַ געפיל, וואָס ער האָט שוין ניט געהאַט זינט לאַנגע יאָרן...

צווייטער טייל.

באַמערקונג פונם שרייבער פון ראָמאַן:

די וויטערדיקע קאַפּיטלען — זיי שטעלן מיט זיך פאָר דעם צווייטן טייל פון ראָמאַן — זיינען געשריבן פון דער איי־גענער האַנט פון משה ראַמבאַמס „באָרדער". דעם שרייבער פונם דאָזיקן ראָמאַן איז געלונגען זיך צו באַקענען מיט אָט די קאַ־פּיטלען — זיי זיינען בלויז אַ טייל פון עטלעכע גרויסע און דיקע געדיכט־פאַרשריבענע העפטן — און ער האָט זיי איינ־געקראָגן אין זיין באַזיץ. וועגן דער פערזאָן פון ראַמבאַמס קוואַר־טיראַנט, וועלכער האָט געטראָגן אַזאַ קאַלירלאָזן נאָמען ווי „גאָלד־בלום", ווייס דער שרייבער נישט מער, ווי ער אַליין, גאָלדבלום, דערציילט וועגן זיך אין אָט די נאָכפאָלגנדיקע קאַפּיטלען. דער שרייבער האָפט, אַז זיי וועלן פאַרן לעזער זיין פונקט אַזוי אינ־טערעסאַנט, ווי זיי זיינען עס געווען פאַר אים, און דעריבער פאַרעפנטלעכט ער זיי דאָ.

זעקסטער קאַפּיטל.

דער דערציילער שלאָגט אָן דעם ערשטן אַקאָרד. — קאַנטיק אַז אים ווילט זיך ריידן אַ סך, ווייל אַ סך האָט זיך ביי אים אָנגע־קליבן אויפן האַרצן. — ביים סוף דערפילט ער ווי עפּעס גיט אים אַ שטיק אין האַלדז און אַ שפּאַר צו די אויגן. — מורא האָבנדיק, אַז ער זאָל ניט באַגיין קיין נאַרישקייט, האַקט ער איבער זיינע רייד אינמיטן, און רוקט זיך אַ פאַרשעמטער אָפּ אין אַ ווינקל.

א.

איך — דער מענטש, וועלכער שרייבט אָט־די שורות — בין אַ מענטש אַ פּשוטער, דער זון פון אַ מענטש אַ פּשוטן.

מיין פאָטער איז געווען אַ פּשוטער באַלמעלאָכע — אַ בויער פון הייזער, און איך, אין מיינע בעסטע יאָרן, בין אויך געווען אַ באַלמעלאָכע, האָב איך אויך געאַרבעט ביי נייע הייזער; כאָטש ניט ווי אַ בויער, נאָר ווי אַ מאַליער. איך געדענק נאָך מיין פאָטער זייער גוט. כאָטש איך האָב אים געקענט נאָר דע־מאָלט, ווען איך אַליין בין נאָך געווען מער ניט ווי אַ אינגל, געדענק איך אים אָט וואָס פאַר אַן איינעם:

אַ נידעריקער ברייטער איד, וואָס פלעגט תמיד טראָגן אַרום זיינע לענדן אַזאַ מין פאַרטוך פון אַ צעריסענעם זאַק; אין אים, אין דאָזיקן פאַרטוך־זאַק, פלעגן תמיד שטעקן פרישע סטרוזשקעס, קליינע און גרויסע. זיין ברייטע און בעזימדיקע באָרד, זיינע געדיכטע ברעמען און שווערע פאות פלעגן זיין געלבלעך־גרוי פונם געדיכטן זעגעכץ, וואָס פלעגט ליגן אויף זיי אין טעג, ווען ער פלעגט ביי די נייע „פּאָסטראָיקעס” זיך פאַר־נעמען מיט פאַנאַנדערזעגן געהילץ.

דער טאַטע מיינער האָט ביז זיין חתונה ניט געקענט ניט לייענען, ניט שרייבן. אפילו זאָגן פּשוטע עברי האָט ער ניט גע־קענט; ווען ער איז אַלט געוואָרן צען יאָר, האָבן אים גוטע

לייט, אַ קיילעכדיקן יתום, שוין געהאַט אַוועקגעגעבן אין דער מלאכה.

מאָדנע: מעביר זיין די סדרה האָט ער דווקא יאָ געקענט אַביסל, אָבער דאָס אויך בלויז אויסווייניק און ניט אין חומש. ס'איז געווען אַזוי: זומער לעבן, אַז ער פלעגט שטיין אויף די ליידיקע פלעצער און זעגן ברעטער אָדער אַרומטעסען קלעצער פאַר עפּעס אַ נייעם בנין, פלעגט ער דורך די זומערדיק־פּאַנאַנדער־געעפנטע פענצטער פון שכנשע הייזער אַרויסהערן אָפטמאָל ווי חדר־אינגלעך זינגען מיטן ניגון בשעת זיי לערנען זיך מעביר זיין די סדרה... איז דעמאָלט האָט זיך עס מיין פאָטער אויך, פון זיך אַליין, אויסגעלערנט אַביסל ווי צו מעביר זיין די סדרה.

קענטיק, דער טאַטע מיינער האָט געהאַט אַ גוטן אויער פאַר נגינה. די לאַנגע ווערטיקאַלע בויער־זעגן פלעגן פליען אַרויף און אַראָפּ דורכן לייב פון די פרישע און שמעקעדיקע וואַלד־קלעצער. צוויי קורצע געפּאַקטע בויערס, אַרומגעגאַרטלט מיט שטריק און באַהאַנגענע מיט זעק איבער קעפּ און אַקסלען, ווי מיט קאַפּישאָנען, פלעגן זיי, אַט די זעגן, נאָכאַנאַנד און פלייסיק שלעפּן אַרויף און אַראָפּ, אַראָפּ און אַרויף; אַן אויסזען האָבן זיי דעמאָלט געהאַט פון צוויי פּיפּיקע און געשמיידיקע „דאָמאָ־וויקעס", וואָס שפּילן זיך אַזוי מיט היפּשע וואַלד־קלעצער: איינער אין דער הויך, אויף זיי, און איינער אויף דער ערד, אונטער זיי. איז אָט יענע לאַנגע זעגן פלעגן דאָך אויך זינגען אַזוי ליכטיק און אַזוי פריידיק־העל...

ב.

יאָ, מיין פאָטער האָט געקענט אַביסל מעביר זיין די סדרה, אָבער בלויז פון אויסווייניק. אינעווייניק, אין חומש, האָט ער עס ניט געקענט טאָן. פּשוט: ער האָט נישט געקענט קיין עברי. מער ווי אַ געכאַפּטן הינקענדיקן קדיש־זאָגן האָט ער קיינמאָל ניט געקענט. און ווען ער איז געוואָרן בר־מצוה, האָט מען אים אפילו צו דער תורה ניט אויפגערופן. אַלץ, פאַרשטייט זיך,

דערפאַר, וואָס ער וואָלט דאָך אפילו די נויטיקע ברכות נישט געקענט מאַכן.

אָבער כאָטש מיין פאָטער איז געווען אַן אם־הארץ, איז ער פונדעסטוועגן ניט געווען דאָס, וואָס מען רופט אַן אַ „גראָ־בער יונג״; פון אַ סך זאַכן, וואָס איך האָב געהערט וועגן אים דערציילן שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אויסגעוואַקסן, און ער איז שוין לאַנג געווען געשטאָרבן, האָב איך דאָס רעכט זיך פאָרצושטעלן, אַז הינטער דעם געדיכטן צורעק פון סטרוזשקעס און זעגעכץ, האָט מיין פאָטער פאַרמאָגט זייער אַן איידעלע נשמה — אַן איידעלע און שווייגנדיקע נשמה, וואָס איז געווען פול מיט געזאַנג, ווי אַ קוואַל איז פול מיט וואַסער.

אין דער יוגנט זיינער האָט דאָס דאָזיקע שווייגנדיקע גע־זאַנג אין אים דאָך ממש געקערט וועלטן. די שטאָט פלעגט תמיד זיין פול מיט אים און זיינע שטיק און זיינע גענג.

ווייל כאָטש מיין טאַטע איז געווען פון זייער נידעריקן יחוס — סיי מיין טאַטנס טאַטע און סיי מיין טאַטנס זיידע ביז אויף היפּשע עטלעכע דורות צוריק זיינען געווען פּשוטע באַלמעלאָכעס; און אונדזער גאַנצע משפחה האָט קיינמאָל ניט געקענט שטאָלצירן אפילו מיט קיין איין איינציקן הענדלער אָדער קרעמער — פלעגן פונדעסטוועגן נאָך מיין טאַטן, ווען ער איז געווען אַ בחור, תמיד נאָכלויפן די שענסטע מיידלעך פון שטאָט. עס פלעגן זיך אין אים פאַרליבן אפילו באַלעבאַטישע טעכטער, וועלכע האָבן, נאַטירלעך, קיינמאָל דאָך ניט געקענט אפילו טראַכטן וועגן חתונה האָבן מיט אים... יאָ, די שענסטע מיידלעך פון שטאָט פלעגן ממש אויסגיין נאָך זיינע טריט.

פון צייט צו צייט פלעגט פאַרשוואונדן ווערן פון שטאָט עפּעס אַ באַלעבאַטיש מיידל — פאַרשוואונדן ווערן מיטאַמאָל און אומדערוואַרט, און אָנמאַכן אַ גרויסן רעש אין שטאָט מיט איר פאַרשווינדן. און צו דערזעלבער צייט פלעגט עפּעס מיין טאַטע אויך ניט סטאַיען... מען פלעגט דעמאָלט איבערקערן און איבעראַקערן די גאַנצע געגענט אַרום; די פאַרשעמטע עלטערן, מיט די פינגער, פלעגן פאַנאַנדערשיקן שטאַפעטן איבער די

נאָענטסטע און ווייטסטע מקומות; פלעגן זיך לאָזן קאָסטן אַ מטמון מיט געלט ביז וואַנען עס פלעגט זיי ענדלעך געלינגען צו פאַלן אויף אַ וועלכן ס'איז שליאַד פון דער פאַרשוואונדענער טאָכטער...

דערנאָך, אַז די פאַרשוואונדענע מיידל פלעגט זיך שוין שפּעטער אָפּזוכן, פלעגט מען זי ברייגגען אַהיים שטילינקער־הייט און אין אַ פינצטערער נאַכט — אַ נאַכט אָן לבנה און אָן שטערן; אַ נאַכט פאַר גנבים. דאָס מיידל פלעגט זיך שוין דערנאָך אין משך פון אַ שטיק צייט שעמען באַווייזן פאַר מענטשן.

און אַרום אָט דער שטוב, וואו עס האָט געוואוינט אָט יע־נער יחוסדיקער טאַטע, דער מיידלס פאָטער, האָט געהערשט דעמאָלט אַ מאָדנע, אַ פאַרזיכטיקע און אַן איינגעהאַלטענע שטי־מונג — אַ שטימונג, וואָס שאַפט זיך אַרום אַ הויז, אין וועלכן עס ליגט שוין אַ לאַנגע צייט זייער אַ שווערער חולה, און אַלע גייען דאָרט צוליב דעם אַרום פאַרזיכטיק און אויף די שפּיץ־פינגער...

און אויסלאָזן פלעגט זיך דאָס סוף־כל־סוף מיט דעם, וואָס מען פלעגט דאָס מיידל חתונה מאַכן פאַר עפּעס אַן אַלמן מיט פינף קינדער, חתונה מאַכן אין ערגעץ אַ ווייטער שטאָט, אין אַן אויסרייסעניש אין טיף־וואָלין—אַ שטאָט וואָס פון דאָרטן, צוליב דער גרויסער ווייטעניש, קערט מען זיך שוין מער אַהער ניט אום...

ג.

און די שטאָט אונדזערע פלעגט גלייך נאָכדעם ווידער פול ווערן מיט מיין טאַטן, מיט זיינע שטיקלעך און זיינע געננג.

איינמאָל האָט זיך מיין טאַטע אַליין אויפגעבויט אַ פּאָר אומגעווייגלעכע, גוואַלדיק־הויכע שטאַלצעס. ער פלעגט אויף זיי אַרומשפּאַנען מיט כשופדיקע ריזן־טריט איבער דער שטאָט; שפּאַנען אַזוי איבער אירע היפּשע בערגלעך און טאָלן, — אָט אַזוי ווי ער וואָלט דאָס געווען דער אוראַלטער ריז עוג, דער

קעניג פון בשן, וועלכער איז מיטאָמאָל לעבעדיק געוואָרן און אָנגעקומען אַהער צושפּאַנען פון די אַמאָליקע, ווייטע און מדבר־דיקע לענדער, וואָס אויף יענער זייט ים.

אַן אַנדערש מאָל — דערהויפּט אין אַ הייסן זומערדיקן פרייטיק־צו־נאַכטס, ווען שטאָטישע איינוואוינער זיצן געדיכט אויף פּריזבעס, אויף שוועלן פון טיר און פענצטער, אויף טראָ־טואַרן און אפילו סאַמע אינמיטן גאַס, אויף שטיינער און בערג־לעך זאַמד; רוען נאָך דער זאַטער פרייטיק־צונאַכטיקער ווע־טשערע און קוויקן זיך מיט דער מחיהדיקער אָוונטדיקער קיל־קייט, וואָס בלאָזט פון טייך און יענער זייט טייך — פלעגט מיין טאַטע נעמען אַ ווייסן ליילעך און זיך איינוויקלען אין אים פון קאָפּ ביז די פּיאַטעס, ווי אַ מת...

ער פלעגט אַזוי אָנהויבן אַרומיאָגן אויף זיינע שטאָלצעס איבער די געפּאַקטע גאַסן און געסלעך — ווייס אַזוי, תכריכימ־דיק און שווייגנדיק, אַ פאַרבלאָנדזשעטער, נאָך פ אַ ר האַל־בע נאַכט, ריזן־מת...

דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, האָט מיטן עצם פון מיין דער־ציילונג ניט צו טאָן. אויב איך דערצייל עס אייך יאָ, איז עס בלויז דערפאַר, וואָס עס פאַרשאַפט מיר גרויס פרייד און שטי־לע הנאה צו חלומען אין דער הויך וועגן מיין טאַטן, וועלכן איך האָב זייער ווייניק געקענט ביים לעבן. אַז איך האָב פאַרלאָזן מיין טאַטן צוליב די ווייטע לענדער, בין איך געווען נאָך גאָר אַ יונגער אינגל; און ווען ער איז געשטאָרבן, בין איך געווען שוין אַ סך, טויזנטער און טויזנטער מיילן ווייט פון אים.

ד.

ערשט דערנאָך, אַז מיין טאַטע האָט חתונה געהאַט — אַי, די מעשה מיט זיין חתונה... — איז ער געוואָרן רואיקער.

ער האָט אָוועקגעוואָרפן זיינע ווילדע קונדעסערייען און פאַרשייטע גענג; זיין בלוט איז געוואָרן שטילער... אמת, זיין נשמה האָט נאָך אַלץ ניט אויפגעהערט צו זינגען. נאָר דאָס געזאַנג פון זיין נשמה פלעגט איצט שוין אינגאַנצן בלויז אַרויס־

שאָלן אינם געזאַנג פון די זעגן; בלאַנקענדיקע און זינגענדיקע זעגן, וואָס פלעגן פריילעך לויפן אַרויף און אַראָפּ איבער דער קרייד־ליניע, דער אָנגעצייכנטער אויף די היפּשע וואַלד־קלעצער, וואָס זיינען געווען אַריבערגעוואָרפן איבער די הויכע זעג־געשטעלן.

און דעמאָלט, נאָך דער חתונה, האָט ער זיך ערשט אָנגע־הויבן לערנען.

ער האָט זיך צוערשט אָנגעהויבן לערנען „זאָגן עבֿרי"; און באַלד נאָכדעם — מעביר זיין די סדרה.

טאַקע א י נ ע װ ו י י נ י ק, אין חומש.

לערנען פלעגט ער זיך דערעיקרשט אין די לאַנגע ווינטער־נעכט. ווינטער „סטראַיעט" מען זיך ווייניק. געדענק איך נאָך: די חומשים, וואָס איך פלעג נעמען אין חדר אַריין צום לערנען, פלעגן אַלע זיין פאַרגאָסן מיט פאַרגליווערטע טראָפּנס חלב.

דער דאָזיקער חלב פלעגט אַרונטערקאַפּען פון די ליכט, וועלכע דער טאַטע מיינער פלעגט ניט־געקאַרגט באַנוצן ביים שווערן פאַרשפּעטיקטן לערנען זיינעם דורך די לאַנגע ווינטער־נעכט. יאָ... דאָס קליין ביסל, וואָס מיין פאָטער האָט זיך אויס־געלערנט נאָך דער חתונה, איז אים אָנגעקומען זייער שווער און מיט אַ סך האָרעוואַניע.

אויך איך, דער מענטש, וועלכער רעדט צו אייך די דאָזיקע ווערטער, האָב לכתחילה געדאַרפט גיין אויפן זעלביקן וועג, אויף וועלכן עס זיינען געגאַנגען מיינע עלטערן און עלטערנס עלטערן; אויך איך האָב געדאַרפט זיין אַ „פּשוטער בויער". אויב איך בין עס ניט געוואָרן, איז עס דערפאַר, וואָס איינמאָל האָט פּאַ־סירט אַזאַ מין זאַך:

איינמאָל, בעת מיין פאָטער האָט אין אַ פּראַסטיק־גרימיקן ווינטער־טאָג אַרומגעטעסעט מיט אַ האַק אַ היפּשע און לאַנגע קראָקווע, האָט זיך פלוצלונג די האַק אַרויסגעגליטשט פון זיין האַנט: דער שאַרפער קלינג איז אים אַריינגעלאָפן טיף אין פוס אַריין.

די קראָקווע איז געווען אַ פאַרפראָרענע און אַביסל אַ גלי־טשיקע פון די פיל פלעכטלעך אייז אויף איר, וואָס האָבן זיך

געשמאָלצן אין דער בייטאָגיקער זון. חוץ דעם: דעם בויערס האַנט, צוליבן גרויסן און גרימיקן פראָסט יענעם טאָג, איז געוועזן איינגעטונקט אין אַ ריזיקער, אומגעלומפּערטער הענטש־קע. די באַוועגונגען פון דער געניטער בויערישער האַנט זיינען דעריבער דאָס מאָל געווען ניט אַזוי געשיקט ווי תמיד.

מיין פאָטער איז דעמאָלט אָפּגעלעגן אין בעט אַ היפּשע פּאָר חדשים.

פון זיין גוף האָט זיך יענע טעג תמיד געשפּרייט אַ ריח פון יאָדאָפאָרם, פון קאַרבאָליק, פון שוועבל־זאַלב און אַנדערע מעדיקאַמענטן; און פון זיין שווייגנדיקן און איינגעפאַלענעם פּנים האָבן זיך נאָכאַנאַנד געשפּרייט טיפע און שטילע טראַכ־טונגען.

ה.

ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון בעט, האָבן טאַקע אַלע אין שטוב באַמערקט: מיין פאָטער איז געוואָרן זייער אַ שווייגנ־דיקער און זייער אַ פאַרטראַכטער מענטש... ער פלעגט איצט שוין זעלטן אויסריידן מיט אימיצן אַן איבעריקן וואָרט. ער פלעגט שטענדיק עפּעס טראַכטן פאַר זיך.

און אָט דעמאָלט טאַקע איז עס אָפּנים ביי אים באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך, זיין עלטערער זון, זאָל ניט גיין אין די זעלבע דרכים, וואָס ער. און נאָר צוליב אָט יענעם באַשלוס זיינעם — אַ באַשלוס פון אַ שטאַרק־פאַרייִלעכן און שטאַרק־לעבנסלוסטיקן מענטשן, וועלכער איז מיטאַמאָל געוואָרן שווייגנדיק און פאַר־טראַכט — בלויז צוליב אָט יענעם באַשלוס בין איך אויסגעוואַקסן אַביסעלע מער קענעוודיק און ניט אַזאַ גרויסער עם־הארץ, ווי מיין פאָטער.

אין גרונט אָבער ווייס איך דאָך: איך בין אַ מענטש אַ שווער־האָרעווענדיקער און איך קען ניט געפינען פאַר זיך קיין גרעסערע פרייד, ווי די פרייד פון אַרבעט. און אויב איך בין אפילו אַביסל מער קענעוודיק פון מיין פאָטער, איז אָבער די דאָזיקע קענעוודיקייט מיט אָנגעקומען זייער שווער און מיט גרויסער האָרעוואַניע. דעריבער, אָפּנים, האָב איך עס אָן אַ שיעור דורך־ארץ פאַר מענטשן, וואָס קענען אַ סך: איך האָב

ליב די קליינע אותיותלעך אויף ליכטיקע בלעטער מיט אַזאַ מין רירנדיקער ליבשאַפט, פונקט ווי איך האָב ליב די גאָר ערשטע מאַנצינקע בליאונגען און געוויקסן, וואָס ווייזן זיך אָנהויב זומער אויף ליכטיקע בייטן און ליכטיקע פעלדער.

נאָכאַמאָל:

איך ווייס איצט גוט: ווען נישט אָט יענער שאַרפער און טיפער שניט אין פוס, וואָס מיין פאָטער האָט געקראָגן אין איינעם אַ פראָסטיק־גרימיקן טאָג פון דער האַק, וואָס האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיין האַנט — וואָלט איך אויך אייגנטלעך געדראָפּט זיין אַזאַ מין פשוטער „פּלאָטניק״ ווי עס איז געווען מיין טאַטע; פונקט ווי ער, וואָלט איך אויך געוויס ניט געקענט לייענען און שרייבן ביז העט נאָך מיין חתונה... איך פאַרשטיי דעריבער, אַז איך האָב מיך ווייניק־וואָס איבערצונעמען פונם צופאַל צוליב וועלכן מיין טאַטן האָט זיך פאַרוואָלט צו מאַכן מיך פאַר אַ לערנער — פאַר דעם „שיינדל״ פון אונדזער גאַנצער משפחה, אַ משפחה, אין וועלכער קיינער האָט קיינמאָל מיט גאָרנישט ניט געשיינט; איך ווייס אויך, אַז דאָס האָב איך מיין טאַטן צו פאַרדאַנקען אָט יענעם גרויסן הונגער אין מיר, מיט וועלכן איך בין געבענטשט — אָן אַ שיעור אומדערזעטיקטער הונגער נאָך לעבן... אומגעזעטיקטער הונגער און קיינמאָל געשטילטער דאָרשט נאָך די פשוטסטע מאכלים, נאָך די געוויינלעכסטע געטראַנקען פון לעבן.

ו.

איך דערצייל דאָס, דוכט זיך, אַלץ קעגן דעם, כדי איר זאָלט פאַרשטיין פון וואַנען עס נעמט זיך ביי מיר דער גרויסער אומגעוויינלעכער דרך־ארץ און אפשיי, וואָס איך פיל פאַר אַ שרייבער. ווייל אויב איך בין נאָך אַלץ פרום און האָב נאָך איצט אויך, נאָך אַזוי פיל יאָרן פון אַלערליי מענטשלעכע ענדערונגען, ערגעץ אַ גאָט, צו וועלכן איך הויב אָפּט אויף מיינע אויגן — איז עס אַ שרייבער.

און אפשר נעמט זיך עס אַלץ דערפון, וואָס איך בין פון אַזאַ געמיינעם פראָסטן אָפּשטאַם? איך שטעל מיך פאַר: אָט

אַזוי ווי איך — וואָס מען רופט אָן „אַ וועלטלעכער מענטש״ — קוק אויף אַ שרייבער, האָט אוודאי מיין פאָטער, אין זיינע שפּעטערדיקע פרומע יאָרן, געמוזט קוקן אויף אַ גרויסן רב און סתם אויף אַ געטלעכן, זעלטענעם פרומען מאַן... יאָ, פאַר מיר, אַ פּשוטן מענטש פון פאָלק, איז עס די גרעסטע פרייד צו קענען זיין אַ קליין זעמדל אין יענעם גרויסן און אומענדלעכן געמאַך, וואָס אַ שרייבער בויט אויף.

שוין אָנדערטהאַלבן יאָר, אַז איך בין אַ קוואַרטיראַנט אינם הויז פונם באַקאַנטן שרייבער מ. ראַמבאַם. אַז איך קום אַהיים פון מיין שווערער אַרבעט — איך אַרבעט ווי אַן אַל־זייטיקער פאַכמאַנישער מאַליער אויף אַ נייער געביידע — איז אָפט שוין פאַר מיר אַ גענוגנדער אָפּרו דאָס אַליין, וואָס איך געפין זיך אונטער איין דאַך מיט אַזאַ מין מענטשן, און איך אָטעם צוזאַמען מיט אים אונטער איין באַלקן.

ער — איך ווייס: ער אינטערעסירט זיך מיט מיר אַזוי ווייניק, האָט צו מיר פּונקט אַזאַ מין גלייכגילטיקע באַציאונג, ווי מען קען נאָר האָבן צו אַ מאַנסביל־קוואַרטיראַנט. אָבער איך — איך געדענק אים נאָך, משה ראַמבאַמען, פון די גאָר ערשטע יאָרן פון זיין ליטעראַרישן אויפבלי, ווען איך פלעג מיט פרייד אָפּשפּאָרן פון מיין לעצטן ביסן, כדי איך זאָל זיין אימשטאַנד צו קויפן אָט יענע ליטעראַרישע זאַמלהעפטן, וואו ער, מיין איצטיקער באַלעבאָס, פלעגט דעמאָלט דרוקן זיינע וואונדערלע־כע שירים.

פונדערווייטנס, אַ זייטיקער — אַ זייטיקער אָבער אינדער־אמתן אַ נאָענטסטער — האָב איך דאָך די גאַנצע צייט, וואָס איך וואוין ביי אים אין הויז, נאָכגעפאָלגט זיין לעבן. און ער פאַרדעכטיקט אוודאי קיינמאָל ניט, אַז איינער אַ מענטש ביי אים אין הויז נעמט זיך צום האַרצן זיין גורל אפשר מער ווי ער אַליין.

אין־דער־שטיל ביי זיך וויין איך אָפט, ווען איך קוק מיך צו צו די קראַנקע און קרומע וועגן, אויף וועלכע דער שרייבער משה ראַמבאַם איז אין זיינע שפּעטערדיקע יאָרן פאַרקראָכן... נאָר — געגנוג וועגן דעם. איך הויב אָן.

זיבעטער קאַפּיטל.

דער מענטש, וועלכער דערציילט אָט די מעשה, האַלט ענדלעך ניט אויס, און רוקט זיך סוף־כל־סוף ווידער אַרויס פון זיין ווינקל. — דאָס איז אַ פּראָסטע, ריינע און ציכטיקע כלי, אין וועלכע ראַמבאַם גיסט אַריין דאָס אָפּפאַל פון זיין וויסטן אומ־גלויבן, פּליושקעט אין איר אָפּ זיין אָפּגעלאָזענעם גייסטיקן צו־שטאַנד פון דער ווערעמדיקייט און אומפּלייט, וואָס האָט זיך אויף אים אָנגעקליבן. — די כלי אַליין בלייבט פונדעסטוועגן אַלץ אַ ריינע כלי: ווען זי איז ליידיק פון ראַמבאַמס אָנגיסעכץ, קאָן מען אויסקלאַפּן קעגן אירע ווענטלעך לויטערע און ליכטיקע קלאַנגען, אַ לויטערע און שטילע מעלאָדיע.

א.

איך, דער מענטש, וועלכער שרייבט אָט די שורות, האָב נעכטן געהאַט אַ גרויסע אבידה.

נעכטן איז געווען שבת. שבת־אָוונט איז דער איינציקער אָוונט, וואָס איך בין פריי. נאַטירלעך, איך בין פריי אויך יעדן אַנדערן אָוונט. איך בין חס־ושלום ביי קיינעם נישט קיין עבד־כנעני. מער נישט וואָס אַ גאַנצע וואָך אַרבעט איך זייער שווער ביי מיין מלאכה, ביי מאַלעריי. אָבער טאַקע זייער שווער.

פאַרשטייט זיך, אַז איך באַקלאָג זיך ניט. אַבי איך האָב וואָס צו עסן צו דער זעט, אַ מלבוש אָנצוטאָן און אַן אָפּדאַך איבערן קאָפּ. פון וואַנען וואָלט איך דאָס אַלץ געהאַט, אויב איך וואָלט ניט געאַרבעט? אָבער יעדן אָוונט, אַז איך קום פון דער אַרבעט אַהיים, האַלט איך מיך קוים אויף די פיס פון מיד־קייט. איך קאָן שוין דעמאָלט עפּעס אַנדערש ניט טאָן ווי בלויז שמייכלען שוואַך צו יעדן איינעם, וועלכער ווענדט זיך צו מיר מיט עפּעס אַ פראַגע. אַ שטייגער, ווען מיין ליבע און איידעלע באַלעבאָסטע, מיסעס עלאַ ראַמבאַם, בעת זי עפנט מיר אויף

אין אָוונט די טיר, ווענדט זיך צו מיר מיט אַזעלכע פראַגן ווי, וואָס פאַר אַ וועטער איז עס היינט אין דרויסן? און צי האָב איך אָפּטמאָל ניט ביי זיך קיין שוועבעלע? אין שטוב זיינען גראַד אויסגעגאַנגען די שוועבעלעך... און צי האָב איך היינט ניט צו־שווער געאַרבעט? און אַזוי ווייטער — — —

איז שמייכל איך דעמאָלט און ענטפער אויף אַט די אַלע פראַגן, פּונקט ווי עס שמייכלט אַ מענטש אין אַ פרעמדן לאַנד, וועלכער פאַרשטייט ניט די שפּראַך, אויף וועלכער מען ווענדט זיך צו אים, ווייל אויף אויסצורעדן מיט אַ מענטשן עטלעכע סקלאַדנע ווערטער סטאַיעט שוין ביי מיר אין אָוונט, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, קיין כוח ניט.

און אפשר נעמט זיך מיין מידקייט אויך דערפון, וואָס איך בין דעמאָלט שוין געוויינלעך נאָך וועטשערע. כדי איינצו־שפּאָרן זיך אַביסל פרייע צייט, עס איך מיין וועטשערע גלייך נאָך דער אַרבעט, אין אַ קליינעם אָרעמען איטאַליענישן רעסטאָראַנדל אויף מאַלבערי סטריט, וואו עס קומט מיר גראַד אויס די לעצטע צייט צו אַרבעטן. איז אפשר מאַכט עס מיך די וועטשערע — די שווערע פעפערדיקע איטאַליענישע מאכלים, די מינעסטראָ־נעס און ראַוויאָלעס און געווירצטע פליישן און ספּאַגעטיס — אַביסל שלעפעריק. איך אייל מיך אַזוי און שטאָפּ מיך אָן ביי אַט דעם הויפּט־מאָלצייט מיינעם, ווייל ס'איז דאָך מיין הויפּט־מאָלצייט; חוץ דעם, וויל איך אַריינכאַפּן פאַר זיך כאָטש איינ־צוויי פרייע שעה ביי זיך אין שטוב. אָבער וואָס קומט אַרויס דערפון... נאָך איידער איך באַוויז ווי געהעריק איז אָפּצוואַ־וואַשן מיינע הענט און דעם האַלדז פון דעם אויל־פאַרב, וואָס עסט זיך אין זיי איין דורכן גאַנצן טאָג, פאַל איך שוין אַנידער אויף מיין געלעגער ווי אַ געהרגעטער.

שבת אָבער לייג איך אַוועק די אַרבעט פרי, אַרום מיטאָג־צייט. דאָס ערשטע וואָס איך טו, ווען איך קום אַהיים: איך שטרעק אויס אויפן בעט מיינע מידע פאַרהאָרעוועטע איברים, — מיינע אָרעמס, וואָס ציען און פליאַסקען אָפּטמאָל אַכט שעה נאָכאַנאַנד אין מעת־לעת מיטן פּענזל אַרויף און אַראָפּ איבער ווענט און סטעליעס; מיינע פיס, וואָס ברעכן זיך שוין סוף־וואָך

אונטער פון אַ גאַנצער וואָך אַרויף און אַראָפּקריכן אויף די לייטערס און די רעשטאַוואַניעס. איך פאַרזוך איצט אויך דעם אמתן טעם פון גליק. איך שלאָף מיר אָפּ אַזוי אַ גאַנצן נאָכ־מיטאָג, ביז דער אָוונט קומט אָן.

אָבער דער אָוונט — דער אָוונט איז דערפאַר מיינער!

דאָס איז דאָך דער איינציקער אָוונט אין וואָך, ווען איך האָב נאָך איבערגעבליבן אַביסל כּוח און ענערגיע פאַר זיך אַליין. דאָס איז דאָך דער איינציקער אָוונט, וואָס איך באַווייז ענדלעך אַראָפּצואוואַשן פון זיך די סימנים פון דער אַרבעטס־וואָך — די שפּריצלעך פאַרב, גיפּס און קאַלך: די פלעקן פון קלעפּיקן גלאַזור און שעללאַק, פון אויל און קיט, פון בענזין און טערפּענטין, וואָס האָבן זיך דורך דער אַרבעטס־וואָך אָנ־געקליבן — ווי אַ נעץ אַ גאַנצע פון קרעץ און קרעצעלעך — אויף מיינע הענט און נאַקן, אויף מיין געזיכט און אָרעמס און אַפילו אויף די פאַרהוילענערע טיילן פון מיין לייב. דורך דער וואָך עסן זיי זיך אַזוי איין אין מיין גאַנצן גוף, די דאַ־זיקע שפּריצן און פלעקן, ווי אַ מחנה קליינע לעבעדיקע באַ־שעפענישן.

דאָס קומט מיר אָבער ניט אָן אַזוי גרינג. אין משך פון דער וואָך זיינען זיי שוין פאַרטריקנט און פאַרהאַרטעוועט גע־וואָרן, זיך ממש אַריינגעוואַקסן אין דער הויט — כמעט ווי געבורט־צייכנס. איך רייב און וויש, וויש און רייב זיי מיט „גאָלד־דאַסט" און מיט וואַש־סאָדע, מיט סאַפּאָליאָ און מיט קרעז־סאָלווענט... ביי מיר געפינט זיך תמיד אַ גאַנצער אַפּטייקל פון אַלערליי שאַרפע רייניקונגס־שטאָפן. איך רייב זיך און וואַש, וואַש און רייב זיך מיט האַרטע בערשטלעך פון חזיר־האָר, מיט פּאַמיס־שטיין און מיט אַנדערע אַלערליי שטיינדלעך. ווייל איך בין, ווי לייטן זאָגן אויף מיר, אַ מענטש אַ געדולטיקער. דער עקסטראַ־אַריינגעכאַפּטער נאָכמיטאָג־דרעמל האָט נאָך דער־צו אויפגעוועקט אין מיר אַ קוועלכל פון נייע פרישע כּוחות.

און די גאַנצע צייט, וואָס איך רייב מיין לייב מיטן שאַרפן שטעכעדיקן בערשטעלע, בענטש איך אימיצן און דאַנק אימיצן וואָס איך האָב כאָטש איין אָוונט אַ פרייען. אַן אָוונט, ווען איך

קען מיר פֿאַרשאַפֿן אַן אַ שיעור פֿאַרגעניגנס: לייענען אַ בוך, גיין ערגעץ אויף אַ קאָנצערט, אַ לעקציע, אַ טעאַטער־פֿאָרשטע־לונג. יאָ, און דער גרעסטער פֿאַרגעניגן פֿון אַלע: שבת־אָוונט איז דאָך אויך דער איינציקער אָוונט, ווען עס געלינגט מיר אַמאָל צו כאַפּן אַ שמועס מיט מיין בעל־הבית, מיט דעם באַ־וואוסטן אידישן שריפטשטעלער משה ראַמבאַם.

ב.

עס רעדט זיך אַזוי: כאַפּן אַ שמועס. עס איז אין דערווירקלעכקייט מער ניט ווי אַ פּאָר ווערטער, עטלעכע אָפּגע־האַקטע פֿראַזן, וואָס איך הער פֿון אים. אַמאָל באַשטייט דער גאַנצער שמועס אונדזערער מער ניט ווי פֿון עטלעכע פֿראַגעס מיינע, אויף וועלכע ער ענטפֿערט מיט אַ קנייטש מיט דער נאָז, אַ קוועטש מיט די אַקסלען, אָדער גאָר מיט אַ שמייכל פֿון אויבן אַרונטער... פֿאַר מיר אָבער קלעקט עס. מערערס האָב איך זיכער קיין העזה ניט צו פֿאַרלאַנגען פֿון אים.

אָט די שמועסן קומען געוויינלעך פֿאַר צווישן אונדז שפּעט אין אָוונט, שוין נאָך האַלבער נאַכט. איך קער זיך דעמאָלט אום אַהיים פֿון דאַון־טאַון, פֿון אַ קאָנצערט לטובת עפּעס, פֿון אַ קבלת־פּנים פֿאַר אימיצן, פֿון אַ לאַנגער סעריע קולטור־לעק־ציעס... עס איז שוין נאָך 12 דעם זייגער. אָבער אין שטוב ביי אונדז איז נאָך דעמאָלט לעבעדיק און טומלדיק. שבת צו נאַכט איז דאָך ביי די ראַמבאַמס אַ וואָך־נאַכט — עס קומט פֿאָר די וועכנטלעכע ברידזש־פּאַרטי. מען קומט זיך צונויף אַהער פֿון די פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקעלעך פֿון ניו יאָרק צו כאַפּן אַ קערטל. עס הערשט אַ טומל און אַ געפּילדער, אַן אמתער יאַריד.

אָבער איך וואַרט אויס געדולדיק ביזן סוף. איך טו דאָס זעלביקע וואָס זיי דאָרטן: איך פֿיר מיט זיי אַן אַן איינגעע־עקשנטע שווייגנדיקע קאָנקורענץ — איך זיץ אויך אין מיין צימער שפּעט, אפֿילו ביז דריי, ביז פֿיר אַזייגער באַגינען... אויסגעשלאָפֿן בין איך דאָך נאָך פֿון בייטאָג; און צו דער אַרבעט דאַרף איך אויך מאָרגן אינדערפֿרי ניט אויפֿשטיין.

און סוף־כל־סוף דערוואַרט איך מיך מיינס: איך פיר אויס.

ווען אַלע גייען זיך פאַנאַנדער, קומט מייןווירט ר׳אַמבאַם ענדלעך אַרויס צו מיר; ער געפינט שוין געווייינטלעך עפּעס אַן אויסרייד אויף אַריינצוקומען אין מיין חדר.

מיט וואָס האָב איך עס פאַרדינט, אַז אַזאַ באַרימטער מענטש ווי משה ראַמבאַם זאָל גאָר וועלן פון צייט־צו־צייט אַריינצולאָזן זיך מיט מיר אין אַ שמועס? איך וואונדער מיך טאַקע! אפשר האָט ער דערשמעקט, אַז איך בין אַ געטרייער אידישער לעזער. ווער ווייס... בייטאָג, ווען איך בין ניטאָ אין דער היים, האָט ער זיך אפשר איינמאָל אַריינגעכאַפּט צו מיר אין חדר און האָט דאָרט געזען מיין אוצר — מיין אָפענעם אוצר — מיין א י י נ צ י ק ן אוצר: אַ היפּשע צאָל אי־דישע ביכער, אַלטע אידישע זשורנאַלן און אַלמאַנאַכן פון אַלער־ליי לענדער, וואָס ליגן תמיד אויפן טיש, אויפן בעט, אויף שטולן... פאַר אַן אַנשטענדיקן ביכער־שראַנק האָבן זיך מיינע ביכער סיי ווי ניט געפּאַסט. דאָס זיינען געווען פאַרשמירטע ביכער מיט צעקנייטשטע בלעטלעך — איך פלעג זיי לייענען אָפט אין דער איינציקער פרייער שעה דורכן טאָג, וואָס איך האָב, מיטאָג־צייט, עסנדיק מיין לאָנטש; פלעג איך זיי דעמאָלט אוודאי פאַרשמירן מיטן עסנוואַרג, מיט מיינע אייער־סענדווי־טשעס, צי מיט מיינע פעטע און אויליקע פאַרבער־הענט. דאָס זיינען אויך געווען צעפליקטע ביכער — ווייל איך פלעג זיי דאָך אויך לייענען פרי באַגינען און שפּעט פאַרנאַכט, פאַרנ־דיק צו דער אַרבעט, אין די געדיכט־געפּאַקטע וואַגאָנען פון סאַבוועיען און עלעוועיטעדס, אין שטיקעניש און שטופּעניש, אין פאַרצווייפלונג פאַרטיידיקנדיק זיך פון ברייטע ווייבערשע הינטנס און בוזעמס, פון שפּיציקע און האַרטע מאַסבילישע קני, וואָס פלעגן מיך שטייף באַלאַגערן און צונויפדריקן פון אַלע זייטן; אין אָט יענע שטורמישע ניו יאָרקער „אייל־שעהן" — איינציק און אַליין, זאָגט מען, אין דער גאַנצער וועלט — ווען איך פלעג קוים באַוויזן צו געפינען פאַר זיך אַ שטיקעלע לייי־

דיקן פלאַץ וואו צו האַלטן דאָס בוך — צונויפגעקנוילט, מיט פאַרבויגענע טאָוולען, מיט צעקנייטשטע זייטלעך.

יאָ, איז אפשר האָט ראַמבאַם זיך טאַקע צו מיר אַריינגע־כאַפּט בייטאָג, דאָס געזען און דערפון זיך געפרואווט פאַר־שטעלן, אַז איך דאַרף אים ניט זיין אינגאַנצן קיין ווילד־פרעמ־דער מענטש, סתּם דאָרט עפּעס אַ ניו יאָרקער באָרדער... נאָ־טירלעך, בין איך ניט זיכער, אַז ער האָט עס געטאָן. איך גלויב ניט, אַז ער זאָל אַריינגיין צו אַ פרעמדן מענטשן אין צימער, ווען יענער איז דאָרטן ניטאָ — אָבער מיך אַרט באמת ניט, ווען אפילו יאָ: ס׳איז אַ נייגעריקייט, וואָס מען קאָן אַ מענטשן פאַרגעבן. בפרט נאָך, אַז משה ראַמבאַם איז דאָך נאָך אַלעמען דער באַלעבאָס פון שטוב. און ער האָט טאַקע אַ רעכט צו וועלן וויסן, וואָס פאַר אַ סאָרט מענטש עס וואוינט ביי אים אין וואוי־נונג: מאַלע וואָס... עס קומט דאָך זיי אַמאָל אויס, מיינע באַ־לעבאַטים, איבערלאָזן די שטוב אַליין; דאַרף מען דאָך וויסן מיט וועמען מ׳האָט דאָ צו טאָן.

יאָ, איז אפשר איז ער טאַקע יאָ געווען ביי מיר אין צי־מער און געשנישטערט צווישן מיינע ביכלעך: האָט ער דאָרט וואָרשיינלעך אויך געזען ביי מיר אָט יענע פאַר אַלטע זאַמל־ביכלעך פון וואַסערע 20—15 יאָר צוריק, וואו עס זיינען אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן זיינע אייגענע אַמאָליקע לידער... בין איך אים אפשר דערפאַר אַביסל נעענטער געוואָרן?

אָבער ס׳קאָן דאָך אויך זיין — וואָס ווייס איך דען איב־גאַנצן פון זיין לעבן? — אַז מיין ווירט איז גאָר זייער אַן איינזאַמער מענטש. מיטן וויב זיינעם קאָן ער אוודאי ניט ריידן וועגן די זעלבע זאַכן, וועגן וועלכע ער רעדט מיט מיר. און פאַר אימיצן אַ מענטש מוז ער דאָך אויסגיסן זיין האַרץ! איז קאָן זיין, אַז איך בין פאַר אים בסך־הכּל אַ זעלטן־בויטיק אויער, וואָס דער גליקלעכער צופאַל האָט אַריינגעוואָרפן צו אים אין שטוב אַריין...

אַזוי איז עס יעדן שבת־צו־נאַכט, וואָך־איין, וואָך־אויס.

ג.

אָבער לעצטן שבת־צו־נאַכט האָב איך געהאַט אַן אבידה, זייער א גרויסע אבידה.

לעצטן שבת־צו־נאַכט האָב איך פאַרפעלט צו האָבן אָט יענעם זעלטענעם ציטערדיקן תענוג פון צו זיין דאָס געטרייע אָלץ אַריינזאַפנדיקע אויער פונם באַרימטן שריפטשטעלער. אייערנעכטן איז ביי מיר דעריבער געווען אַן אבלדיקער, אַ פאַר־שטערטער שבת־צו־נאַכט.

אין שטוב איז יענעם אָוונט קיינער ניט געווען, חוץ דער פרוי ראַמבאַם און אירע קינדער. און זיי האָבן זיך מסתמא פרי געלייגט שלאָפן. די וועכנטלעכע שבתדיקע קאָרטן־פּאַרטי איז אייערנעכטן ניט פאָרגעקומען. ראַמבאַם איז אָוועק ערגעץ אויף אַ באַנקעט, וואָס איז פאָרגעקומען לכבוד איינעם אַ שריפט־שטעלער, וועלכער פאָרט אָפּ די טעג קיין מזרח־אייראָפּע — אין דער אַלטער אַמאָליקער היים זיינער. דוכט זיך קיין רוס־לאַנד.

און איך — איך באַזוך שוין אפשר דעם צוועלפטן שבת־אין־אָוונט אַ סעריע אויסערסט־וויכטיקע לעקציעס פון איינעם אַ באַרימטן אידישן דענקער. די דאָזיקע סעריע איז באַטיטלט: „וועגן דער באַציאונג פונם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם צו דעם מאָניסטישן קוק אויף דער וועלט־געשיכטע״.

איך מוז מודה זיין: עס קומט מיר באמת זייער שווער אָן צו געדענקען, נאָך אַן איבעררייס פון אַ גאַנצער וואָך שווערער אַרבעט, דעם צונויפבינדנדיקן פאָדים פון איין לעקציע ביז דער צווייטער. עס איז מיר אויך שווער צו פאַרשטיין א סך טיפע געדאַנקען אין אָט די לעקציעס, די פרעמדע אומגעוויינלעכע אַזעלכע ווערטער, וואָס כ׳וואָלט מיר קיינמאָל ניט פאָרגע־שטעלט, אַז זיי עקזיסטירן גאָר אין דער מענטשלעכער שפּראַך — און וואָס זיינען מסתמא אוודאי נויטיק און אומפאַרמיידלעך אין לעקציעס וועגן אַזעלכע וויכטיקע פראַגן, נאָר וועלכע איך פאַרשטיי אָבער פאָרט ניט... זיי שטעלן זיך מיר תמיד פאָר

ווי אַזעלכע ריזיקע אויסטערלישע פויגלען, — פויגל פון מע־טאַל, וואָס קאָנען ניט פליען.

איך גלויב, אַז די איבעריקע צוהערער אינם געדיכט־געפּאַקטן זאַל ערגעץ ווייט דאַון־טאַון, אויף קלינטאָן סטריט, פאַרשטייען די לעקציעס אויך ניט בעסער פון מיר. אָבער איך, פונקט ווי די איבעריקע מענטשן דאָ אין זאַל, שטריינג מיך אָן צו פאַרשטיין לכל־הפחות אַזוי פיל פון דעם גרויסן דענקערס רייד וויפיל ס׳לאָזט זיך נאָר. זע איך ניט אַרום זיך ווי מענטשן באַוועגן נאָכאַנאַנד מיט די פּנימער, קנייטשן גלאַנציקע שוויס־באַגאָסענע מידע שטערנס, זשמורען אויגן, מאַכן מיט די ליפּן, ווי זיי וואָלטן נאָכגעזאָגט פרום דעם גרויסן דענקערס רייד. אייניקע פון זיי ווערן אפשר אויך איינגעדרימלט אין אַ ווינקל־זאַל, דאָ און דאָרט; דאָס איז מסתמא מחמת גרויסער אָנשטרענ־גונג. חוץ דעם, קאָן מען עס זיי גרינג מוחל זיין, ווען מען דערמאָנט זיך ווי שטאַרק, שטאַרק מיד זיי מוזן איצט זיין ביים סוף פון אַ לאַנגער שווערער אַרבעט־וואָך אין אַלערליי פאַבריקן און שעפּער. אָ, ווען דער גרויסער אידישער דענקער וואָלט עס אַלץ געוואוסט! ס׳איז דאָך קיין קונץ נישט וואָס א י ך דרעמל ניט איין; איך האָב מיך דאָך שוין בייטאָג גאַנץ גע־שמאַק אויסגעשלאָפן.

יאָ, איז ווען איך בין לעצטן שבת־צו־נאַכט — שוין נאָך האַלבע נאַכט — געקומען צופאָרן אַהיים פון דאַון־טאַון, איז אין שטוב דעמאָלט געווען שטיל און פינצטער. ס׳איז מיר גע־ווען מאָדנע אַזוי, די דאָזיקע שטילקייט און פינצטערניש, ווייל געוויינלעך ווען איך פלעג דאָ עפענען די טיר אין אַ שפּעטן שבת־צו־נאַכט, פלעגט מיר אַנטקעגנקומען אַ גאַנצע כוואַליע פון ליכטיקן, יאַרידיקן טומל, אַ צעהיצטער טומל ביים קאָרטן־שפּילן.

איך בין דערנאָך געזעסן אַזוי אַ שטיק צייט איינער אַליין אין מיין צימער, און געוואַרט, און געוואַרט... פאַרוואָס האָב איך געוואַרט? כ׳האָב געוואַרט, ווייל מיר האָט, אַפּנים, עפּעס געפעלט. אַזוי מוז אוודאי וואַרטן אַ שוואַכער און געטרייער מאַן אויף אַן אויסגעלאַסענער נאָר געליבטער פרוי, וואָס איז

אַוועק ערגעץ פאַרברייננגען אויף דער שטאָט מיט א י ר ע פריינט און איז נאָך ביז אָט דער שפּעטער נאַכט־שעה ניט צו־ריקגעקומען.

איך האָב אפילו געוואוסט, אַז ראַמבאַם וועט אזוי גיך ניט קומען צוגיין אַהיים. ס'איז געוואָרן שפּעט. איך בין געוואָרן זייער שלעפעריק. דאָך האָב איך מיך באַמיט ניט איינצושלאָפן ביז סאַמע פאַרטאָג, ווען די לעצטע הענער האָבן שוין אָנגע־הויבן צו קרייען. אין שטוב איז די גאַנצע צייט געווען אַזוי שטיל, אַז איך האָב דייטלעך געקאָנט הערן דעם גאַנג פון מיינע געדאַנקען, ווי אַ פּראָצעסיע פון לעבעדיקע זאַכן. איך האָב אויך געקאָנט הערן ווי אינם שלאָפצימער פון די ראַמבאַמס, אויף דער צווייטער עק וואוינונג, קרעכצט אַ בעט נאָכאַנאַנד. מסתמא האָט ראַמבאַמס פרוי אויך ניט געקענט איינשלאָפן און האָט אויך אומגעדולדיק געוואַרט אויף איר מאַנס צוריקקער. און אפשר האָט דאָרט גאָר געקרעכצט ניט דאָס בעט נאָר אַ מענטש.

אויף מאָרגן, זונטיק, בין איך דעריבער אויפגעשטאַנען זייער שפּעט, שוין אַרום מיטאָג־צייט. איך בין, ווייזט אויס, איינגעשלאָפן ווי אַ געהרגעטער: ביי מיין אויפשטיין האָב איך שוין קיינעם ניט געטראָפן אין שטוב. אַלע זיינען זיי שוין מסתמא אַוועקגעפאָרן אויף זייער זונטיק־עקסקורסיע. און ווער ווייס ווען זיי וועלן קומען צוריק...

איך האָב זיך דעם גאַנצן נאָכמיטאָג פּשוט קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. וואוהין איך בין ניט געגאַנגען — אין רעס־טאָראַן, קויפן אַ פּייפּער, כאַפּן אַ שפּאַציר אין נאָענטן פּאַרק — וואָס איך האָב ניט געטאָן, האָב איך זיך נאָכאַנאַנד געגריזשעט און אויסגעגעסן דאָס האַרץ:

— הלמאי האָב איך אין זיך ניט גובר געווען מיין מיאוסע שלאָף־תאווה, און נישט דערוואַרט זיך ביז דעם סוף — ביז ראַמבאַם האָט זיך פרימאָרגן אומגעקערט אַהיים... וויבאַלד אַז איך בין שוין געווען וואַך צוליב דעם אַ גאַנצע נאַכט!

נאָר פאַרפאַלן. זונטיק אָוונט גיי איך בכלל אין ערגעץ ניט אַרויס. מען דאַרף זיך לייגן היינט פריער שלאָפן; מאָרגן איז

דאָך ווידער אַן אַרבעט־טאָג. איך גרייט צו מיינע אָוועראָלס. שבת ווייק איך זיי איין אין אַ שטאַרקער געמישעכץ פון וואַש־סאָדע און גאָלדאָסט, זונטיק־פרי וואַש איך זיי אויס, און איך זע, אַז דורכן טאָג זאָלן זיי זיך אויסטריקענען. ווייל מער ווי אײן פּאָר אָוועראָלס האָב איך ניט. איך ברענג אין אָרדנונג מיינע פאַרבערישע בערשטלעך, קראַץ אַרונטער און וואַש אויס דעם מיורעסקאָ, וואָס פאַרהאַרטעוועט זיך דורך דער גאַנצער וואָך אין די טיפענישן פון מיין גרויסן קאַלעך־באַרשט. איך פאַרשאַרף מיינע סקרעיפּערס און מעסערלעך אויף צו גריינען.*) מאָרגן, געדענק איך מיין באָסעס אָרדער פון לעצטער וואָך נאָך, האָב איך פאַר זיך צו גריינען צוויי גרויסע טירן אין אַ ווע־סטיביול פון אַ רייכן אַפּאַרטמענט־הויז אויף פּאַרק־עוועניו. — הכלל, איך האָב דעם זונטיק אָוונט, פּונקט ווי יעדן אַנדערן זונטיק אָוונט, געהאַט גענוג אַרבעט פאַר זיך.

ד.

ניט זייער שפּעט אין אָוונט זיינען די ראַמבאַמס געקומען אַהיים.

די קינדער זיינען געווען, ווייזט אויס, מיד פון דער לאַנגער רייזע. זיי האָבן די גאַנצע צייט געוויינט; מען האָט זיי, דוכט זיך, דאָרט אַביסל אונטערגעפּעטשט און זיי זיינען אינגיכן איינגעשלאָפן. אין שטוב איז ווידער געוואָרן שטיל. ווייבאַלד, אַז די קינדער זיינען איינגעשלאָפן, שלאָפט שוין די גאַנצע שטוב. אַז מאַן־און־ווייב זאָלן וועגן עפּעס ריידן און שמועסן צווישן זיך, הערט מען ניט. ראַמבאַם האָט זיך מסתמא אויך געלייגט שלאָפן. ער דאַרף דאָך אויפשטיין מאָרגן ווען ס'איז נאָך פינצטער, — נאָך פריער פאַר מיר... פאַרפאַלן, איך האָב פאַרשפּעטיקט.

אויך איך בין שוין גרייט צו שלאָפן־גיין, איך מאַך צורעכט

---

*) מאַכן,אויף געפאַרבטן האָלץ, אַ קינסטלעכע אימיטאַציע פון דעם נאַטירלעכן אָדערדיקן געוועב פון פרישן האָלץ.

דעם קישן, איך עפן אויף דאָס פענצטער אַביסל אין דער הויך און אַביסל פון אונטן. אַזוי ווי איך האָב אַזוי ווייניק גוטע לופט ביי דער אַרבעט און לייד שוין אפילו אביסל פון בלייפאַרגיפטונג, האָבן מיר די דאָקטוירים אָנגעזאָגט זען האָבן לכל־הפחות פרישע לופט בשעתן שלאָפן.

אַ גאַנצע וואָך וואַרף איך מיך אונטער דעם ביטערן רעזשים פון קיינמאָל ניט אויסשלאָפן זיך. ס׳קומט אָבער שבת, זונטיק — פאַלט אָוועק די דיסציפלין, דער שלאָף קלעפּט נאָכאַנאַנד די אויגן, ליימט די איברים...

איך זיץ שוין אויפן בעט. איך האָב שוין אויסגעטאָן דעם לינקן שוך, דעם רעכטן האַלט איך איצט אין אַרונטערשלעפּן פון פוס.

מיטאַמאָל קלאַפּט אימיצער אָן אין טיר.

דאָס קלאַפּן אין איין איידלס, אַ שטילס, מיט איין פינגער בלויז — דאָס קלאַפּן פון מיין האַרץ אין אָט דער מינוט, איז אַ סך, אַ סך העכער. איך בין אַזוי צעטומלט, אַז איך פאַרגעס אפילו הייסן אריינצוגיין; די טיר עפנט זיך דעמאָלט פון זיך אַליין.

די טיר־ראָם ווערט באַלד אינגאַנצן אויסגעפילט פון ראַמבאַמס מאַסיווער נידעריקער פיגור, פון זיינע ברייטע, אַביסל איבערגעבויגענע פלייצעס, פון זיין גרויסן, פאַרזאָרגטן און צעקנייטשטן פנים.

— איך זע, אז איר שלאָפט נאָך ניט... האָב איך געוואָלט ביי אייך בעטן... אפשר האָט איר אַ „קעמל״? — זיין קול האָט געקלונגען שטיל און תחנונימדיק, — ביי מיר זיינען גראָד אויסגעגאַנגען די „קעמלס״... און קיין אַנדערע פּאַפּיראָסן, ווייסט איר, קאָן בשום אופן ניט רויכערן.

איך רויכער אָבער ניט קיין „קעמלס״ — איך רויכער גראָד „מעלאַקרינאָס״. איך אויך קען קיין אַנדערע פּאַפּיראָסן בשום אופן ניט רויכערן, — דווקא קיין אַנדערע פּאַפּיראָסן, חוץ „מעלאַקרינאָס״! פון וואַנען נעמט זיך עס ביי ראַמבאַמען אַזאַ געווּיסהייט, אַז איך רויכער דווקא „קעמלס״? יאָ, איך בין — קעגן אים — טאַקע אַ קליין, אַ נישט־וויכטיק מענטשעלע: אָדער

אויך אַ קליין מענטשעלע מאָג זיך דאָך האָבן זיינע געוויסע קאַ־פּריזן — זיינע קליינינקע קאַפּריזן...

פונדעסטוועגן דערפיל איך זיך מיטאַמאָל אַזוי אומגליק־לעך: פאַרוואָס זאָל איך גראָד ניט רויכערן קיין „קעמלס”, און ניט קאָנען קומען מיין באַלעבאָס צו הילף?

איך האָב שוין אַרויסגעשטאַמלט אַן אַנטשולדיקונג. נאָר ראַמבאַם הערט עס סיי ווי ניִשט. ער באַמערקט מיין אָפּן שאַכטל „מעלאַקרינאָס” אויפן טישל. ער זעצט זיך צו צום טישל, פאַר־רויכערט אַן אַ וואָרט איינס פון מיינע פּאַפּיראָסן. ער וואַרפט דאָס אַש אומפאַרזיכטיק אויפן דיל. זיין פּנים, דערזע איך באַלד, איז עפּעס איצט נאָך צעקנייטשטער און פאַרזאָרגטער ווי תּמיד.

— זיצט, איך בעט אייך... — פּלאַץ איך אַרויס. דער דאָ־זיקער אומדערוואַרטעטער באַזוך האָט מיך אַזוי צעטומלט, אַז איך באַמערק גאָר ניט, אַז ראַמבאַם האָט זיך שוין געזעצט אַליין, ניט וואַרטנדיק אויף מיין איינלאַדונג.

— עס איז דאָך נאָך אַזוי פרי און מיך שלעפערט עפּעס ניט, ע־ע... — הויב איך אָן ריידן אָן אַ שום זין און צוזאַמענ־האַנג. — אפילו קיין ברעקל ניט... זיצט... איך האָב מיך סיי ווי נאָך געקליבן זיצן און זיצן...

— אַזוי? — לויכט ענדלעך אַביסל אויף ראַמבאַמס פּנים; זיינע טיפע קנייטשן גלייכן זיך אויך אויס אַביסל. — און מיך שלעפערט אויך ניט... און אַ מאָדנע זאַך: על־פּי־שכל האָט עס מיך דאָך יאָ באַדאַרפט שלעפערן... איך בין דאָך נעכטן געקומען אַהיים שוין אין רעכטן טאָג... שוין געטראָפן אַפילו די מילך־פלעשער ביי דער טיר...

איך בין אַזוי צעטומלט, אַז איך ווייס ניט וואָס זאָל איך טאָן איצט מיט דעם שוך אויף מיין רעכטן פוס, וועלכן איך האָב שוין אָנגעהויבן אַרונטערצושלעפּן: זאָל איך אים צוריק אָנטאָן, און בלייבן זיצן אַזוי—איין פוס אָנגעטאָן און איין פוס באָרוועס? אָדער זאָל איך אים אויך אויסטאָן — וועט ער נאָך דענקען אפשר: עס איז אַ קאַפּוליער אָנצוהערעניש, אַז איך קלייב מיך שוין פונדעסטוועגן גיין שלאָפן... און בכלל: מיין גאַנצער הילוך אין אָט דער מינוט... ווייל וועלכער מענטש קאָן עס דען,

אַ שטייגער, אויסמיידן אין געוויסע מינוטן זיך פאַרנאַנדערצו־קנעפּלען סאַמע אויף אַן אומפאַרשעמטן אופן?

אַ נס געשעט מיר נאָך, וואָס ראַמבאַם זעט עס אַלץ, דוכט זיך, סייווי ניט.

— יאָ, — רוף איך מיך אָפּ צו אים מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ, — איר זענט נעכטן געקומען טאַקע מסתמא שפּעט... איך האָב עס אָבער ניט געהערט, ווייל איך האָב מיך געלייגט זייער פרי שלאָפן.

ער שווייגט. ער באַוועגט בלויז אַזוי נאָכאַנאַנד מיט די דיקע ליפּן זיינע איינע קעגן דער אַנדערער מיט אַ שטילן טשמאָ־קע, — באַוועגט זיי אַזוי עפּעס אָן שום זין, פאַרטראַכטער־הייט.

— אַך, יאָ, — שמייכל איך צו אים מיט אַ געמישטן שמייכל אי פון אַכטונג און אי פון הכנעהדיקער צוגעלאָזנקייט פון אַ וויטן אָרימען קרוב, וואָס וויל באַווייזן, אַז ער ווייסט פונדעסטוועגן אויך וואָס עס טוט זיך אַמאָל ביי אַ נגיד אין שטוב, — יאָ... ביי אייך איז דאָך נעכטן געווען עפּעס גאָר אַ וואָזשנע שמחה... אייערס אַ קאָלעגע, האָב איך געלייענט אין די בלעטער, פאָרט אַוועק אין באַפרייטן רוסלאַנד... פאָרט זיך באַ־זעצן אויף שטענדיק אין ראַטן־פאַרבאַנד?

אויפן שטול, וואו ראַמבאַם זיצט, ליגן שוין אייניקע פון מיינע אויסגעטאָנענע מלבושים. ער צעקנייטשט זיי איצט אומ־ברחמנותדיק — דאָס איז דאָך מיין איינציקער בעסערער אָנ־צוג. איך טו אים אָן בלויז שבת און זונטיק! אַ גרויסער שאָד. ער אָבער באַמערקט עס ניט. פונקט ווי ער באַמערקט, ווייזט אויס, מיך אַליין איצט אויך ניט. ער ציט דעם פּאַפּיראָס זייער שנעל, שנעל. דאָס אַש שיט זיך אים אַרונטער אומפאָרזיכטיק אויף זיין רעקל, אויף זיינע קני, אויפן דיל.

— הם, אַ שמחה... — פאַרקנייטשט ער מיט אַ ביטערן שמייכל זיין אונטערשטע דיקע ליפּ, וועלכע איז ביי אים, האָב איך באַמערקט, אַ סך מער פאַרביטערט, איידער די אויבערשטע. — וואָס איז עס אַזוי אויף זיי די שמחה, וואָס? אַבי מען האָט זיך געטומלט, גערעדט רייד סתם אין דער וועלט אַריין... כאַ־

כאַ, ס'איז געווען דאָרט עפּעס אַזאַ מין וועט־לויף: ווער וועט ווערן אַריבערשטייגן מיט אַן אויסגעפּוצטערער אומאויפריכ־טיקייט. יעדערער איז אים מכלומרשט זיין רייזע מקנא געווען, ווען מען האָט גאָר אין דער אמתן געדאַרפט אויף אים רחמנות האָבן...

ער טאַפּט מיט דער האַנט בלינדערהייט אויפן טיש, זוכט דאָס פּאַפּיראָס־שאַכטל. זיינע רייד פאַלן אויך אַזוי, דוכט זיך, בלינדערהייט. ער קוקט נאָך אַלץ נישט אפילו אין מיין זייט בעת ער רעדט.

— אַ פאַרברעכן... — האָט ער נערוועז ווידער פאַררוי־כערט. — מיר, אין דער יידישער ליטעראַטור, פאַרמאָגן דאָך אַזוי ווייניק אילוזיעס... איז דאַרף מען שטאַרק ציטערן איבער יעדער פון זיי, איבער יעדער א י י נ צ י ק ע ר! נישט שטעלן זיי אַזוי גרינג צו דער פּרואוו...

און בלינדערהייט, מיט ציטערנדיקע נערוועזע פינגער, טאַפּט ער אויפן טישל ווידער אַן מיין פּאַפּיראָסן־שאַכטל. ער שלעפּט אַרויס, נישט קוקנדיק אפילו אַהין, אַ נייעם פּאַפּיראָס און פאַררויכערט ווידער.

— איר פאַרשטייט... אַ מענטש פאַרמאָגט מסתמא אַן אי־לוזיע, אַ קאַלירטן זייפנבלאָז — אַן אילוזיע פון דער אַמאָליקער היים... אַ טאָפּלטע אילוזיע: אַ היים, וואָס שטראַלט פון דער־ווייטנס מיט אַ טאָפּלטער פּראַכט! פאַרגאַנגענע יוגנט — און אַ זון, וואָס איז ענדלעך אויפגעגאַנגען איבער דער מענטש־הייט... נו, טאָ זיץ זיך דאָ אין געהאַקטע וואונדן און קוויק זיך מיט איר, ציטער איבער איר, איבער אָט דער אילוזיע! פּליט ער, דער נאַר, גלייך אַהין... און וואָס וועט זיין דער סוף? אומ־קערן וועט ער זיך שוין צוריק אינגאַנצן אַן אָרעמאַן — אַן אַנטוישטער, אַ באַרויבטער אויך פון אָט דער לעצטער אילוזיע... אָט, איר וועט זען מיינע רייד.

איך שווייג. וואָס האָב איך דען אויף דעם צו זאָגן, אָדער צו ענטפערן? איך האָב דאָך קיינמאָל נישט באַגעגענט, אפילו ניט פונדערווייטנס, אָט יענעם שרייבער, וועגן וועלכן ראַמבאַם האָט איצט גערעדט און וועמען מען האָט שבת ביינאַכט גע־

מאַכט דעם אַפּשייד־באַנקעט. איז וואָס האָב איך זיך דאָ גע־קאָנט אַריינמישן?

— ניין, — האָט ראַמבאַם אַ שאָקל געטאָן רעכטס און לינקס, איינגעקשנט און בעריש, זיין גרויסן קאָפּ. — ס׳וועט אים נישט געלינגען... איך פאַרשטיי דאָך מיט וואָס פאַר אַ געדאַנקען און איינריידענישן יענער טראָגט זיך זיכער אַרום. ער מיינט דאָך אוודאי, אַז ער וועט איבערלאָזן אַמעריקע הינ־טער זיך אויף שטענדיק, ווי אַ בייזן, וויסטן חלום: ווי אַ לאַנגן, יאָרן־לאַנגן נאַכט־קאָשמאַר. ער מיינט מסתמא, אַז ער וועט דאָרטן, אין דער אַלטער היים, אָנהויבן צו ציען דעם המשך פון זיין אַמאָליקער יוגנט — דאָרט, וואו ער האָט זי, מיט כ׳ווייס וויפיל יאָרן צוריק, איבערגעלאָזט...

און ראַמבאַם האָט פאַנאַנדערגעקרימט זיין פּנים אין אַזאַ מין מיאוסן שמייכל... זיין מויל איז נאָך ברייטער געוואָרן ווי געוויינלעך: זיינע געלבלעכע ציין — די פוילע פּניאַקעס פון ציין — האָבן אַ בלישטשע געטאָן מיט קלעפּיקער סלינע. זיין אונטערשטע ליפּ, צוליבן דאָזיקן שמייכל, איז איצט אַרונטער־געהאַנגען לויז, ווי עפּעס אַ שמאַטע.

— אָבער, ניין,—האָט ער זיך האַסטיק און אַנטשלאָסן אויפ־געהויבן פון אָרט. ער האָט ערשט איצט אַ קוק געטאָן גלייך אויף מיר. אויף זיין פּנים איז געלעגן אַן אָפּשטויסנדער שמייכע־לע, פּונקט ווי ער וואָלט זיך עס הויפּטזעכלעך מיט מיר גע־רייצט. — אַ, ניין! ס׳וועט אים ניט געלינגען... אַ בוינג וואָס איז אַזוי לאַנג צוריק אויסגעוואָרצלט געוואָרן, וועט זיך אַזוי גרינג צוריק שוין ניט אַננעמען!

און ער האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט. ער האָט שווער געאָטעמט, און ווידער בלינדערהייט אָנגעהויבן טאַפּן אויפן טיש פאַרן פּאַפּיראָסן־שאַכטל.

— יאָ, אונדזערס אַ מענטש איז שוין אויף אייביק אַ פאַר־פאַלענער... אַ וויסטן כשוף טוט דאָך אָפּ אַמעריקע יעדן איינעם וואָס איז נאָר איינמאָל אַריין אין אירע טויערן. אָט טאַקע נאָר ווי ערגעץ אין פּסוק שטייט: „און אַלע וואָס זיינען אין איר אַריינגעקומען, וועלן זיך פון איר שוין מער ניט צוריקקערן"...

און פּרוּאווט ווער מיט ג ע ו ו אַ ל ט צו פֿאַרלאָזן אַמעריקע,
— אָהאָ, זי וועט זיך שוין מיט יענעם אָפּרעכענען... עס וועט שוין יענעם תּמיד ציען צוריק מיט טויזנטער פֿעדים... מיט פֿע־דים? מיט גאַנצע שטריק...

ה.

ניין, איך בין באַגאַנגען אַ גרויסע זינד קעגן ראַמבאַמען מיט אַ פּאָר מינוט צוריק.

כאָטש איך בין דאָך אייגנטלעך באַגאַנגען די דאָזיקע זינד ניט בכיוון — שולדיק זיינען בלויז מיינע אויגן, וואָס האָבן געזען דאָס, וואָס זיי האָבן געזען. אָבער ס׳איז דאָך פֿאָרט ניט מעגלעך! ניט שוין־זשע האָב איך טאַקע געזען מיט אַ פּאָר מי־נוט צוריק אויף ראַמבאַמס געזיכט אַזאַ מיאוסן, אַזאַ פּיינטלעך־אָפּשפּעטנדיקן און קרענקלעכן אויסדרוק?

אַוודאי, דאָס האָט זיך מיר געדוכט בלויז אַזוי... ווייל אָט זע איך דאָך אַליין ווי ווייך און צוגעלאָזן דער דאָזיקער מענטש קאָן זיין, מיט וואָס פֿאַר אַן אמתער אויפֿריכטיקייט און אָפֿנ־הערציקייט ער דערציילט עס מיר איצט וועגן זיינע אינטימע איבערלעבונגען. און ווער בין איך עס אינגאַנצן קעגן אים? אַ גרעזעלע קעגן אַ דעמב, אַ מילב קעגן אַ העלפֿאַנט.

זיין קול קלינגט איצט אַזוי ווייך, אַזוי האַרציק. איך פֿיל זיך דערשלאָגן און שולדיק פֿאַר מיין פֿריערדיקער בייזער קאָש־מאַרישער דוכטעניש. איך ריר ניט מיט קיין איבר. אָבער אַז איך דערזע מיטאַמאָל מיין אייגענעם צעכראַסטעטן פֿאַרן־שלאָ־פֿיקן הילוך — איז ווער איך אַזוי גוואַלדיק פֿאַרשעמט... איך הויב אָן שלעפּן אויף זיך אינדערגיך אַ קאָלדרע, אַ ליילעך — אַלץ וואָס ס׳איז מיר נאָר אונטערן האַנט. קלייבט ער זיך טאַקע, הייסט עס, גאָרנישט צו גיין שלאָפֿן? מילא איך, ווי איך. אָבער ער דאַרף דאָך מאָרגן אויפֿשטיין אַזוי פֿרי. איך זע ווי ער איז אַזוי צעטראָגן און אויפֿגערעגט. זיין פּנים שוויצט; אויף זיין ליסן קאָפּ קלעפּן זיך עטלעכע נעבעכדיקע האָר. בלינדערהייט טאַפּט ער ווידער אָן מיט זיינע קלעפּעדיקע נערוועזע פֿינגער מיין פּאַפּיראָסן־שאַכטל אויפֿן טיש; בלינדערהייט רויכערט

ער פּאַפּיראָס נאָך פּאַפּיראָס — ער צינדט אָן דעם צווייטן פּאַפּי־ראָס אָן דעם קוים־טליִענדיקן פייערל פונם נאָך נישט אויסגערוי־כערטן פריערדיקן פּאַפּיראָס.

— איך וועל אייך זאָגן... — פאַלן צווישן איין פּאַפּיראָס־צי און דעם צווייטן פון זיין מויל ווערטער; איצט שוין שטילע און פאַרטראַכטע ווערטער. — איך וועל אייך זאָגן... איך ווייס טאָקע ניט וואָס עס טוט זיך דאָרט איצט אין דעם נייעם רע־וואָלוציאָנערן רוסלאַנד; כ׳ווייס אָבער גוט וואָס איך האָב דאָרט געפילט ווען איך אַליין בין דאָרט געווען מיט אַ באַזוך אַמאָל, מיט יאָרן צוריק...

און עס איז אַזוי פאַרגאַנגען שעה נאָך שעה... אַ קוואַל האָט זיך אים געעפנט, אַ שטראָם פון ווייכע שטילע רייד, אַ קוואַל פון דעראינערונגען, — עס איז מיר געווען קלאָר, אַז די דאָזיקע רייד האָבן באַרואיקט, צום אַלעם ערשטן, אים אַליין — זיי האָבן אים באַרואיקט און געגלעט ווי מיט אַ ווייכקייט פון פליסנדיקן בוימואיל.

ו.

הייסט עס, אַז נאָך לאַנג צוריק, נאָך פאַר דער מלחמה, האָט ראַמבאַם געמאַכט אַ לייִנגערע נסיעה אין זיין אַלטער היים. אויך אים האָט זיך, ווייזט אויס, דעמאָלט געדוכט, אַז די זון אין זיין היימאַט איז נאָך פונקט אַזאַ יום־טובדיק־לויכטנ־דע ווי זי איז עס געווען אין זיין ווייטער יוגנט — כאָטש אפשר איז זי, אָט די זון, אויך אין זיין יוגנט ניט געווען אַזוי שטאַרק יום־טובדיק און שטאַרק פריידיק; אפשר איז זיין יוגנט אַליין גאָר ניט געווען קאַרג אין פינצטערניש און אין אומעט... נאָר קעגן דעם שטאָל פון די ריזיקע ניו יאָרקער בריקן; קעגן דעם אָנגעגליטן בעטאָן און אייזן פון די וואָלקנקראַצער־בערג; קעגן דעם שוואַרץ־גלאַנציקן אַספאַלט פון די טיפע צווישנדיקע טאָלן, — איז שוין אָט יענע ווייטע היימאַט־זון אין פאַרלויף פון די יאָרן אויסגעשייערט געוואָרן, ווי ריינסטער גאָלד...

— איר פאַרשטייט, — גיט ער אויף מיר פלוצלונג אַ גלייכן קוק, כאָטש אַביסל אַ שעמעוודיקן און נישט־זיכערן;

ער כאַפּט אים אָבער גלייך צוריק און הייגגט אים אָן אָנם רינגעלע אַש אויף זיין רויכערדיקן ציגאַרעטל. — איר פאַר־שטייט... דאָר איז געווען דעמאָלט, ווייסט איר... נאָכן גרויסן רענעסאַנס־טומל אין דער יידישער ליטעראַטור פון אויף יענער זייט ים. אפשר ווייסט איר אויך דערפון; איך זע דאָך, אַז איר לייענט אַלץ. יאָ, איז האָב איך מיר דעמאָלט אויך פאָרגע־שטעלט, פונקט ווי יענער נאַרישער קאָלעגע, ווען מיר האָבן נעכטן בייגאַכט געמאַכט דעם באַנקעט, אַז דווקא דאָרטן, אין דער אַלטער היים, וועל איך עס ערשט זיך רעכט קענען אויסלעבן א. א. וו., א. א. וו., אין באַקאַנטן נוסח.

מיט יעדן אָנקומענדיקן זאַמל־העפט און ניי ביכל לידער פון יענער זייט די מדבריות פון פילע וואַסערן און פרעמדע לענדער — און איבער די אָפּגעלאָפּענע וואַסערן פון צייט — איז די בענקשאַפט זיינע זיך צעוואַקסן אַלץ פאַרביקער און שאַרפער. „ווי עס וואַקסט זיך נאָכאַנאַנד און קרעפטיק פאַ־נאַנדער דער זומערדיקער באַגינען איבער דעם לאַנד" — ראַמ־מאַבס אייגענע ווערטער. יעדעס העפטל, יעדע ידיעה, יעדעס ביכל האָט אים ממש געבראַכט דעם ריח פון פאַרגאַנגענע פריי־לינגס, פון אַמאָליקע שמעקעדיקע קליינשטעטלדיקע פאַר־נאַכטן...

— ער האָט נאָך דעמאָלט, ווייזט אויס, זיך ניט משער געווען — גיט ער אויף מיר ווידער אַ לויכט מיט אַ שעמעוור־דיקן, אַ שולדיקן שמייכל, — אַז זיין אייגענע יוגנט האָט כלל ניט אויסגעמיטן די ביטערע טבע, וואָס אַלע יוגנטס איבער דער גאָרער וועלט האָבן שוין: צו פאַרשווינדן, צו פאַרשווינדן אויף אייביק.

און ער רעדט באַלד ווידער גיך־גיך, משה ראַמבאַם, איילנ־דיק און נערוועז — כ'האָב אים נאָך קיינמאָל אַזוי נערוועז ניט געזען! עס שפּרינגען אַרויף און אַראָפּ, ציען זיך צונויף און שרייטן זיך פאַנאַנדער, די קווערע און לענגערע קנייטשן אויף זיין נידעריקן שטערן; עס שפּרינגען אַרום זיינע קלעצלדיקע קורצע פינגער איבער דעם טיש; עס שפּרינגען זיינע ווערטער... פון איין פאַסירונג צו דער צווייטער שפּרינגט ער; פון איין

דערפאַרונג זיינער אין דער אַלטער היים אויף דער אַנדערער, פון זיינע בלאָנדזשענישן איבער אַלערליי שטעט און שטעטלעך, אין אַ היפשן קרייז אַרום זיין היימאַט־שטאָט. ער איז געטראָטן דאָרט ווי אַ דורשטיקער איבער די מינדסטע און פאַרשאָטנסטע שפּורן, צו די קוואַלן פון זיין יוגנט, — כדי אויסצוגעפינען, אין משך פון אַ גאַר קורצער צייט, אַז אַט יענע קוואַלן זיינען שוין לאַנג פאַרשטאָפּט געוואָרן... אַלנפאַלס, אויב זיי זיינען געוועזן נאָך יאָ אָפן, איז עס געוועזן בלויז אין ז י י ן געדע־כעניש — אין אַמעריקע...

— יאָ, — זיין קול האָט אַ ציטער געטאָן, און ער האָט יאָגנדיק אָנגעהויבן פּיפקען און זויגן דעם פּאַפּיראָס זיינעם. — איר ווייסט גאָרנישט דעם ווייטיק, ווען אַלץ אַרום, צו וואָס איר האָט אַזוי הייס און אַזוי לאַנג געבענקט, זעט אייך אויס אַזוי פרעמד. און א י ר דעם אַ ר ו מ י ק ן — זעט אויך אויס ניט ווייניקער פרעמד...

ז.

איז גאָר אינגיכן האָט עס אים אָנגעהויבן צו ציען צוריק קיין אַמעריקע, ציען אַזוי שטאַרק — ער איז באַלד גריי"ט גע־ווען אויסצוקושן יעדן פיצל אַספאַלט פונם ניו־יאָרקער ברוק, יעדן ציגל פונם אַלטן אייביק־פאַרשטויבטן גרויען מויער אויף סטענטאָן סטריט, אינם קויטיקן דאַון־טאַון, וואו ער האָט פאַרן אָפּפאָרן פון ניו יאָרק געוואוינט. און שוין מיט עטלעכע חדשים שפּעטער...

יאָ, ער מוז זיך מודה זיין: ער, דער ראַדיקאַל, דער סאָצי־אַליסט, דער רעבעל — אַלנפאַלס, אין י ע נ ע צייטן איז ער עס דאָך געווען — איז ווען ער האָט דערנאָך דערזען, ביים אָנ־קומען קיין אַמעריקע, די „סטאַטוע פון פריַיהייט" אינם ניו יאָרקער האַפן — ער געדענקט עס ווי היינט: עס איז געווען אַ גאָלדענער ווינטער־טאָג, און רויזלעכע שטיקער אייז זיינען געדיכט אַרומגעשווואומען אינם גרינלעך־בלויען וואַסער פונם אויסגוס, — האָט ער זיך גאָרניט אויף קיין קאַטאָוועס פאַנאַנ־דערגעוויינט...

— ווייל וואָס מיינט איר, — האָט ראַמבאַם זיך ווי פאַר־טענהט פאַר מיר — אַפילו אַ שלעכטע ווייב, מיט וועמען ס׳איז שווער אויסצוקומען, אָבער מיט וועמען מען לעבט אָפּ אַזוי פיל יאָרן... און אפילו נישט אין אַזאַ גרויס נחת... און ווער רעדט שוין, אַז מ׳האָט נאָך קינדער מיט איר — ווערט זי דאָך אויך פאַרט איינגעבאַקן אין הארצן... זי ווערט אַ טייל פון אייער לייב־און־ביין, אייער ווילן האָט דאָ גאָרנישט צו טאָן...

אַ ווײַלע איז געוואָרן שטיל, איך בין געזעסן מיטן אַ גאָפּנ־דיקן פאַנאַנדערגעעפנטן מויל, געשלונגען זיין יעדעס וואָרט און געוואָרט אויף נאָך, אויף נאָך... ראַמבאַם איז באַלד אויפגע־שטאַנען, האָט זיך אויסגעגלייכט און אַ גלאַנץ געטאָן אויף מיר אַזוי טראַציק מיט זיינע שפּאַקולן־אויגן, פּונקט ווי איך וואָלט עס די גאַנצע צייט דאָ געהאַט געאַמפּערט זיך מיט אים און נישט געוואָלט אים נאָכגעבן.

— ניין, ברודערקע, עס וועט אייך גאָרנישט העלפן!... אַ מ ע ר י ק ע איז שוין אויף שטענדיק אונדזער לאַנד!... מיין לאַנד, אייער לאַנד... און מיר האָבן עס טאַקע פאַרט ליב... אַנדערע וועלן אפילו זאָגן: סאַראַ לעבן, מישטיינס געזאָגט, אַז דער גייסט פוילט דאָ... כ׳ווייס ניט... איך וועל וועגן דעם ניט ריידן... איינס אָבער ווייס איך אויף געוויס: ערגעץ אַנדערש קאָנען מיר שוין מער ניט לעבן. יאָ!

„איז דאָך גוט", — האָב איך זיך געטראַכט מיט פרייד צוליב דעם, וואָס ראַמבאַם האָט ענדלעך דערזען פאַר זיך קלאָר דעם וועג, — „כ׳מיין אויך אַזוי... אַמעריקע איז אַ וואונדער־לעך, אומגעווייגלעך לאַנד... עס האָט אין זיך אַזעלכע זעלטענע מעגלעכקייטן פאַרן אַרבעטנדיקן מענטשן"...

דאָס אַלץ זאָג איך אָבער אינדערהויך ניט אַרויס. כ׳האָב נישט די העזה אַרויסצוקומען מיט מיינע מיינונגען אין ראַמ־באַמס אַנוועזנהייט. ראַמבאַם זעצט זיך באַלד צוריק שווער אַני־דער אויף מיין איינציקן שיינעם יום־טובדיקן אַנצוג פון בלויען סערזש, און גיט אַן אומעטיקן שמייכל צו מיר:

— כאַטש הלמאי זאָל איך פאַר אייך לייקענען... שטאַרבן ווילט זיך מיר דווקא ניט דאָ... ס׳ווערט פאַרט אומעטיקלעך אַזוי

ביים געדאַנק, אַז נאָכן טויט וועלן זיך די ביינער מייַנע אַרומ־וואַלגערן דאָ...

רבונו־של־עולם, איז וואָס־זשע טוט זיך עס דאָ מיט מיין ווירט... וואָס וואַרפט ער זיך אַזוי יעדע מינוט פון יאָ אין ניין אַריין... עס הויבט מיך שוין אָן אַפילו צו פאַרדריסן די דאָזיקע ניט־שטאַנדהאַפטיקייט זיינע, דאָס דאָזיקע נאָכאַנאַנדיקע צאַפּלען זיך... וואָס־זשע וויל ער פאַרט? איך באַמי זיך פונדעסט־וועגן איינצוהאַלטן אין זיך מיין פאַרדראָס און רוף מיך בלויז אָפּ מיט עטלעכע ווערטער, וואָס דאַרפן, גלויב איך, טרייסטן און באַרואיקן אים:

— נו, כ'מיין... ס'איז נישט אַזוי שרעקלעך... אייערע ביי־נער וועלן דאָך דאָ ליגן, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר אַרום, צוזאַמען מיט די ביינער פון די גרעסטע און בעסטע פון אונדזערע קינסטלער... צוזאַמען מיט די ביינער פון שלום עליכם און מאָריס ראָזענפעלד, פון יהואש און מרדכי ספּעקטאָר... פון... פון... פון נאָך און נאָך...

ח.

מעגלעך, אַז איך האָב ניט ווי געהעריק איז געהאַט צו־נויפגעפּאַרט די נעמען פון די דאָזיקע פאַרשטאָרבענע שריפט־שטעלער? אָדער איז עס געווען דערפאַר, ווייל מיין באַלעבאָס האָט דערפילט אין מיינע רייד עפּעס אַ מין... חניפה? מעגלעך... כאָטש אין דער אמתן האָב איך עס אפילו גאָר ניט אין זינען געהאַט צו טאָן. איך קלייב מיך עד־היום ניט פאַנאַנדער אין דעם, ווער ס'איז גרעסער און ווער ס'איז קלענער צווישן שריפטשטע־לער. פאַר מיר זיינען אַלע גלייך גרויס, גלייך וויכטיק און גלייך געהויבן — יעדער פלאַנצער פון שוואַרצע בליעכצן אויפן פעלד פון ווייסן פּאַפּיר.

אַלנפאַלס: איך האָב באַלד באַמערקט ווי ראַמבאַמס פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט אַביסל... און דאָס האַרץ אין מיר האָט שוין באַלד אָנגעהויבן זינקען פון שרעק, און איך האָב שוין שטאַרק חרטה געהאַט הלמאי איך האָב אויך דאָס מאָל ניט געהאַלטן ס'מויל, ווי איך האָב עס געטאָן די גאַנצע צייט.

— יאָ... שלום עליכם... ראָזענפעלד... אַנדערע... איז וואָס

מיינט איר טאַקע, מיסטער... מיסטער... ער־ר... איז וואָס מיינט איר טאַקע, מיין פריינט... אַמאָל, אַז איך דערמאָן זיך טאַקע אין דעם...

און ער רוקט זיך צו נעענטער צו מיר, נישט אויפהויבנדיק זיך פון שטול, נאָר רייטנדיק אויף אים מיט זיין שווערן גוף און רוקנדיק זיך איבערן דיל מיט אַ שטאַרקן סקריפּ און טומל. ער לייגט אַרויף אַ האַנט אויף דער קאָלדרע, דאָרט וואו ער האָט געגלויבט אַז עס געפינען זיך מיינע קני.

— איר ווייסט... איין מאָל, א סוף־זומערדיקן טאָג — אין חודש סעפּטעמבער, דוכט זיך, איז עס געווען — האָט מיך עפּעס אַ בענקשאַפט אַזוי אַרומגעכאַפּט, און איך האָב גענומען אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין און בין אַרויסגעפאָרן ווייט ערגעץ אין ברוקלין, אויף דער יידישער סעמעטערי, וואו זיי ליגן אַלע באַגראָבן — אויף דער אַרבעטער־רינג סעמעטערי. פאַרוואָס עפּעס פּלוצלונג? אויף מיין וואָרט, איך ווייס אַליין ניט... זאָל עס זיין, אַז גאָר אומבאַוואוסט פאַר מיר אַליין האָט זיך אין מיין בלוט אויפגעוועקט אַן אַמאָליקע בענקשאַפט פון די קינדער־יאָרן? מיר דוכט זיך, אַז אלול גייט מען דאָך אויפן בית־עולם, ניין? איר געדענקט עס שוין אויך ניט, וואָס? יאָ! עס איז דאָך שוין אַזוי לאַנג צוריק...

איך האָב ראַמבאַמען כלל ניט געזאָגט, אַז איך געדענק ניט. פאַרקערט, איך האָב אים טאַקע געוואָלט דערציילן, וואָס איך געדענק יאָ וועגן דעם, וועגן די אלול־טעג, וועגן די שפּאַצירן פון בחורים און מיידלעך אויף די היימישע בית־עולמס, און אַזוי ווייטער. מיינע ליפּן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַוועגן אין אַן ענטפער. ער האָט מיך אָבער אומגעדולדיק איבערגע־שלאָגן.

— בקיצור... בין איך, הייסט עס, אַרויסגעפאָרן. ס'איז געווען אַ וואונדערלעכער טאָג פונם אינדיאַנער זומער. אַרום און אַרום — בערגלעך און טאָלן זאַפּטיקע... אַ הערלעכע געגנט דאָרטן... און אויף די בערגלעך און טאָלן בלענדן אַזוי פונדער־ווייטנס אין דער זון די מצבות און דענקמעלער פון גראַניט און מירמלשטיין און גאָלדענע אותיות. אַ רייך לאַנד, אונדזער

לאַנד... מיר קאַרגן נישט נאָכן טויט אויף דעם אַש, פּונקט ווי ביים לעבן — אויפן לייב... יאָ. ערשט פון אַ ליידיקן „לאָט" ערגעץ אין דער ווייט האָבן זיך פּלוצלונג דערהערט פריידיקע געשרייען פון יונגע חברה, וועלכע האָבן דאָרטן געשפּילט אוודאי פוטבאָל... (דאָס, זעט איר, געדענק איך טאַקע יאָ: ימים־נוראים־צייט איז דאָ, אין אַמעריקע, דער אָנהויב פונם פוטבאָל־סעזאָן). גאָלד־פינטשעס*) האָבן זיך געקרייזט אין דער זון, היפּ־שע בלעק־בוירדס**), גרויסע ווי טויבן, זיינען אַנטלאָפן פונם ווייטן פוטבאָל־גערויש — די איינציקע גערוישן, וואָס מען האָט דאָ אויפן בית־חיים געהערט... און מיטאַמאָל דערפיל איך אין דער לויטערער זוניקייט אַרום: ווי עלנט אונדזערע שרייבער מוזן זיך דאָ פילן אונטער זייערע רייכע מצבות, צווישן אַזוי פיל פרעמדע און גלייכגילטיקע בוימער און מענטשן אַרום זיי — פרעמדע און גלייכגילטיקע נאָכן טויט, פּונקט ווי ביים לעבן...

— אָך, מיסטער ראַמבאַם, מיר דוכט, אַז איר טרייבט פונדעסטוועגן אַביסעלע איבער... אַלע מענטשן זיינען זיך סוף־כל־סוף פרעמד אין דער סאַמע טיפעניש, גלייכגילטיק צום צווייטנס גורל, — ווילט זיך מיר נישט אַזוי אויך אַ פילאָזאָ־פיר אָן, ווי פשוט אים טרייסטן. — אַ ל ע און א ו מ ע ט ו ם!

ווייל אויך איך בין דאָך סוף־כל־סוף מער אַ קינד פון ניו־יאָרק, איידער פון וועלכער עס איז אַנדערער שטאָט אָדער לאַנד אין דער גאַנצער וועלט. די דריקנדיקע לאַסט פון מענטשלעכער פרעמדקייט האָב איך דאָ אין ניו יאָרק, — נישט נאָר מיין שטאָט, נאָר אויך מיין ל אַ נ ד—אין לויף פון אַ סך יאָרן געטראָגן אויף מיינע אַקסלען. אמת, אָן אַ־שיר שוואַכערע אַקס־לען, ווי ראַמבאַמס. איך שווייג אָבער. איך האָב שוין איצט מורא אַרויס מיט אַ וואָרט. עס וועט אים, מעגלעך, ווידער נישט געפעלן ווערן... איך דריק דעריבער אונטער אין זיך דעם גאוהדיקן פאַרלאַנג אויך אַריינצוואַרפן אַ וואָרט אין געשפּרעך. איבעריקנס, איז עס דאָך פאַר מיר תמיד אַ סך אינטערעסאַנ־

*) און **) אַזעלכע פייגל.

טער צו הערן וואָס ראַמבאַם האָט צו זאָגן — איך וואָלט אים, דוכט זיך, אַזוי געקענט הערן און הערן ביז סאַמע פאַרטאָג...

לאַנג אָבער האָט ער פונדעסטוועגן פאַרט ניט געקענט בלייבן זיצן ביי מיר. עס איז דאָך פאַרט זונטיק. און מאָרגן איז דער אָנהויב פון אַ נייער אַרבעטס־וואָך פאַר אונדז ביידן. מילא, אויב איך וועל מיך מאָרגן ניט אויסשלאָפן, איז דער שאָדן נישט אַזוי גרויס. איך בין נאָך אַ יונגער מענטש. אַ נאַכט שלאָף ווייניקער דאַרטן...

אָבער איך זע באַלד, אַז אויך ראַמבאַמס אויגן פאַלן צו, קלעפּן זיך שוין. פון צייט צו צייט לאָזט ער אַרויס אַ ברייטן, אַ געשמאַקן גענעץ. מיר פאַלט אפילו נישט איין, אַז דאָס איז, מעגלעך, נישט אַזוי איידל פון זיין זייט... ווייל נאָך אַלע־מען איז עס שוין געווען גענוג כבוד פאַר מיר, וואָס ער איז געזעסן אַזאַ לאַנגע צייט און מיט מיר געשמועסט ווי מיט אַ גלייכן.

איבעריקס, איז דאָך שוין איצט טאַקע שפּעט אויך. די שפּעט־נאַכט לאָזט זיך פילן דורך דער שטאַרקערער קעלט אין צימער, וואָס פלייצט אַריין פון דרויסן. אין דרויסן איז איצט זייער ווינטיק. אַ מזרח־ווינט וואָיעט הינטער די פענצטער, צופּט זיי, וועקט זיי, לאָזט זיי ניט דרעמלען זייער בײנאַכטיק דרעמל. און ווען דער ווינט ווערט אויף אַ ווײַלע שטיל, דער־הערט מען פון דער נאָענטער, גרויסער און רייכער קירך: עס שפּילט דאָרט אויס דער גלאָקנאָרקעסטער פון אַ זעלטענעם קאַ־רילליאָן די מיטנאַכטיקע שעה... יאָ, ס׳איז טאַקע פאַר אים די העכסטע צייט צו שלאָפן גיין.

היינט ווי גרויס איז געווען מיין פרייד, ווען, נאָך אַ לעצטן און אומגעווײנטלעך־לאַנגן געזעגענונגס־גענעץ, פון וועלכן מיין ווירטס אויגן האָבן אַזש אָנגעהויבן צו טרערן, האָט ער זיך אָב־געררופן:

— נו, איר ווילט דאָך שוין אוודאי זיך לייגן שלאָפן... וועל איך אייך טאַקע מער ניט שטערן. איך וועל מיך אויך גיין צולייגן אויף אַ פּאָר שעה. מען וועט שוין סיי־ווי־סיי באַלד

דאַרפן אויפשטיין. איבעריקנס, מען וועט זיך דאָך זיכער ווידער זען קומענדיקן שבת,—שטרעקט ער מיר אויס די האַנט מיט אַ

דער שטול גיט שווער אַ קרעכץ אונטער זיין היפשן און גופיקן לייב, און שווער אַזוי און גופיק קייקלט ער זיך אַרויס פון מיין צימער.

און איך... וואָס קאָן איך דאָ נאָך צוגעבן ? אָט־אָ־די וואָך וואָס האָט מיט יעדן געוויינלעכן אַרבעטס־טאָג אירן געפירט מיך טרעפנוויז אינדערהויך, צום גרויסן גליק, צום קומענדיקן וואונ־דערלעכן שבת־צו־נאַכט אינדערהיים, — אָטאָ די וואָך איז אָן שום ספק געווען איינע פון די גליקלעכסטע וואָכן פון מיין גאַנצן לעבן.

אַכטער קאַפּיטל.

לירישער אינטערליוד. — וועגן איינעם אַ געטרייען שומר, וועגן אַ ליכט וואָס איז פאַלש, און וועגן אַ פינצטערניש, וואָס איז אמתדיק.

א.

ס׳איז אַריבער אַ וואָך נאָך אַ וואָך — און זיין וואָרט האָט ראמבאַם אַלץ נישט געהאַלטן... ער איז שוין צו מיר אין צימער מער נישט אַריינגעקומען.

די לעצטע עטלעכע שבת־צונאַכטן האָט געהערשט אין ראַמ־באַמס שטוב אַ פוסטקייט און אַן אומעט.

די געוויינלעכע שבת־צונאַכטיקע קאָרטן־שפּילערייען זיינען שוין דאָ מער נישט פאָרגעקומען. ראַמבאַם אַליין קומט שוין אויך ניט מער אַהיים גלייך נאָך דער אַרבעט, ווי ער פלעגט עס תמיד טאָן אין אַ שבת־אָוונט. ער פאַרבלייבט, אַפּנים, ערגעץ וואו דאָון־טאַון, און קומט אַהיים ערשט שפּעט, גאָר שפּעט — ווייט נאָך האַלבער נאַכט.

אין דער גאַנצער שטוב ביי ראַמבאַמען הערשט עפּעס די לעצטע עטלעכע וואָכן אַזאַ פאַרלאַזנקייט און אַזאַ אומעט. איך דערקען עס אָבער איבערהויפּט אָן דעם פּנים פון פרוי עלאַ ראַמבאַם, וועלכע זיצט אין שטוב אַליין יעדן שבת־אָוונט מיט די קינדער. איר שיין געזיכט, מיטן נאַטירלעכן געזונטן פאַרב, איז די לעצטע עטלעכע וואָכן געוואָרן אַזוי בלייך און קאַלירלאָז, אַזוי אָפּגעבליאַקעוועט, פון איין זייט; פון דער צווייטער זייט — פול מיט אַזעלכע פאַרדעכטיקע שפּורן און צייכנס — ווי אַ שויב איבער וועלכער עס איז אַ לאַנגע צייט נאָכאַנאַנד געגאָסן אַ רעגן... אַז אין איר איז פאָרגעקומען עפּעס אַן ענדערונג — דאָס איז מיר געוועזן קלאָר; פון וואָס פאַר אַ כאַראַקטער — דאָס האָב איך ניט געוואוסט.

אויך אין ראַמבאַמען איז די לעצטע עטלעכע וואָכן פאָרגע־

קומען אַ שטאַרקע ענדערונג. ער איז געוואָרן שווייגנדיקער נאָך ווי תמיד, מער אַריינגעצויגן אין זיך. כאָטש איך האָב צו דער זעלביקער צייט אויך באַמערקט: זיין סטוטלעוואַטע פיגור האָט זיך ווי אויסגעגלייכט, זיינע אויגן זיינען געוואָרן אַביסל ליכטי־קער און קלאָרער, און אינגאַנצן איז ער געוואָרן מונטערער אַזוי... זיין שווייגעדיקייט איז געווען ווי די שווייגעדיקייט פון אַ מענטשן, וועלכער טראָגט אין זיך אַן אָנגענומען סוד, אַ פריידיקן סוד.

פאַרוואָס קומט ער ניט אַהיים שבת אין אָוונט, וואו פאַר־ברייגט ער עס זיינע פרייע שבת־צונאַכטן? און פאַרוואָס קומט איצט קיינער מער ניט אַהער אין שטוב? אפשר לאָדט מען שוין מער ניט איין די אַמאָליקע געסט און פריינט פונם הויז? אָדער מיידן זיי גאָר אַליין אויס די דאָזיקע שטוב? ס'איז מיר געווען קלאָר, אַז דער פאַרקער און צונויפבונד פון ראַמבאַמס שטוב מיט דער אַרומיקער וועלט איז לעצטנס כמעט ווי אינ־גאַנצן אָפּגעשניטן געוואָרן. און איך בין געוואָרן פול מיט זאָרג און אומרו איבער ראַמבאַמס גורל.

ביז איך האָב איינמאָל גענומען און באַשלאָסן אויך צו פאַרבלייבן איין שבת־אָוונט דאַון־טאַון, כאָטש איך באַזוך דאָך שוין פון לאַנג ניט יענע סעריע לעקציעס פון דעם באַרימטן יידישן דענקער וועגן „דער באַציאונג פונם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם צום מאָניסטישן קוק אויף דער וועלט־געשיכטע"; ווייל אויף דער פופצנטער לעקציע האָט זיך יענע באַלערנדיקע און אינטע־רעסאַנטע סעריע, צום באַדויערן, אָפּגעשטעלט... צי ווייל עס האָט אָנגעהויבן ענדלעך צו אויספעלן אָטעם דעם חשובן פרעלעגענט, אָדער גאָר דערפאַר, ווייל זיין געטרייער אוידיטאָריע אַליין האָט ענדלעך אָנגעהויבן אויספעלן כוח און געדולד — דאָס איז שוין מיר, ליידער, ניט באַקאַנט.

יאָ, איז שוין אַ פּאָר שבתים ווי איך שטיי אַזוי אָפּ שעהנ־ווייז אינם קליינעם און אָרימן העסטער פּאַרק, און וואַרט דאָרט אַלץ און וואַרט... איך שטיי אַנטקעגן די פענצטער פון דער רעדאַקציע וואו עס אַרבעט משה ראַמבאַם. מיין האַרץ קלאַפּט ווי ביי אַ גנב. אַז איך ווער מיד וואַרטנדיק, שפּאַר איך מיר

אָן אָן אַ שווינדזיכטיקן איינזאַמען בוימעלע אין פּאַרק, אָדער אָן דער קאַלטער מעטאַלענער גראַטע, וואָס רינגלט אַרום אַ פייכט ערדן ערטל, וואו עס דאַרף וואַקסן עפּעס אַ געוויקס, נאָר עס וואַקסט דאָרט קיינמאָל גאָרניט. פון ערגעץ נאָענט דערטראָגן זיך אין פאַרטויבנדיקע כוואַליעס, דאָס דונערנדיקע דרעלעוועץ פון אַן עלעקטרישן עגבער אין אַן אונטערערדישן פעלז, אָדער דאָס צישען פון אַסעטעלין־לאָמפּן, וואָס גליען פאַנאַנדער טראַמוואַי־רעלסן. אַ ווינט בלאָזט אַמאָל, אַ רעגנדל זיפּט אונטער, איילנדיקע פאַרבייגייער רייבן זיך אָן מיר, שטופּן מיך, דאָקור־טשען מיך, טרעטן מיר אָפּ די פיס... אָבער איך שטיי אַלץ מיט פאַררייסענע אויגן צו די פענצטער פון דער קעגנאיבערדיקער רעדאַקציע, און ריר מיך ניט פון אָרט.

שוין אַ פּאָר וואָכן ווי איך שפּאַציר אים אַזוי נאָך, ראַמ־באַמען... איך מוז ענדלעך וויסן וואוהין גייט ער עס אַוועק נאָך דער אַרבעט, וואו פאַרשווינדט ער עס, — וואָס איז עס אַזוינס די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אים די לעצטע צייט, וואָס צווינגט אים צו פאַרלאָזן זיין שטוב, זיין ווייב און קינד און אַלץ?

איך בין אַ געטרייער שומר, וועלכער היט אָפּ די טריט פון זיין האַר.

ב.

אין אַ טשאַילדס רעסטאָראַן בלאַנקט תמיד אַלץ פון ווייס־קייט, פון טויטער ווייסקייט.

עס בלאַנקען די הויכע ווענט, אויסגעלייגטע פון דיל ביז סאַמע סטעליע מיט ווייסע קאַפליעס. עס בלאַנקען די מירמלנע, ניט־באַדעקטע טישלעך. עס בלאַנקען מיט פרישער ציכטיקייט די ווייסע, פריש־אויסגעוועלגערטע פאַרטוכן און קאָפּטוכן אויף די קעלנערקעס, די קיילעכדיקע מיצן אויף די קעפּ פון די קוכערס און בעקערס. געזונט־קאַרקיקע, מיט פאַרפלאַמטע פנימער, שטיי־ען זיי ביי די וויטרינעס — שטייען שווייגנדיק און פרום־פאַרטאָן, ווי פאַרצייטיקע כהנים ביי אַ אַ גאָטעס־דינסט —

און באַקן נאָכאַנאַנד אויף די גאַז־אויוועלעך אין די פענצטער פרישע לאַטקעס, פרישע ענגלישע פּוטער־ביסקוויטן.

אין אַ טשאַילדס־רעסטאָראַן בלאַנקט תמיד אַלץ פון ווייס־קייט — אַ קאַלטע אַזאַ און אַן אומהיימלעכע ווייסקייט, ווי די ווייסקייט און ציכטיקייט פון אַ גרויסן שפּיטאָל־אַנשטאַלט.

אין דעם דאָזיקן קאַלטן און ווייסן עס־שפּיטאָל שטייט פונדעסטוועגן תמיד אַ מוראדיקער יאַריד. געדיכטער טומל הײַנגט נאָכאַנאַנד אין דעם גאַנצן גרויסן רוים, וואָס איז אײַנ־געשלאָסן צווישן דער מאָזאַאיק פון קאַלירטע קוביקעס פונם געפלאַסטערטן דיל אונטן — און דער ווייס־עמאַלירטער מע־טאַל־סטעליע אויבן; אין דעם היפשן שטח צווישן די ריזיקע בלאַנקענדיקע שויבן וואָס צו דער גאַס־צו — און די זײַער ווייסע ווענט, ווי אין אַ וואָקזאַל.

און פונקט טאַקע, ווי אין אַ וואָקזאַל, גייען דאָ מענטשן נאָכאַנאַנד אַריין און אַרויס, אַרויס און אַריין.

ס'איז געדיכט ניט נאָר ביי די טישן, נאָר אַפילו אין די דורכגאַנגען. אומעטום צווישן די טישן טאָפּטשען מענטשן אומ־געדולדיק אויף איין אָרט: זיי וואַרטן שיר ניט מיט שנאה אין בליק ביז עמיצער ביי אַ טיש וועט ענדלעך אויפשטיין, ביז אַ פּלאַץ וועט אָפּגעראַמט ווערן. אויגן עגבערן פון הינטן, קוקן אין טעלער און מויל אַריין, וואַרטן ביז דו וועסט שוין ענדלעך אויפהערן קייען...

אַזוי איז עס דאָ יעדן טאָג, יעדע וואָך, יעדן יאָר, א י י־ב י ק — אַריין און אַרויס, אַרויס און אַריין.

מענטשן באַטראַכטן איינער דעם צווייטן מיט פרעמדע שווייגנדיקע בליקן. בליקן בלאַנדזשען גלייכגילטיק איבער געסט ביים טיש — ווי איבער דער ריזיקער ווייסער קאַפליע־וואַנט, ווי איבערן געדיכטן מענטשן־שטראָם דרויסן פון רעסטאָראַן, וואָס פליצט נאָכאַנאַנד פאַרביי די וויטרינעס.

קאַלטער אומגעדולדיקער בליק פון טשאַילד־באַזוכער ווערט בלויז דעמאָלט אויפגעלעבט, ווען מען דערלאַנגט אים ענדלעך דאָס באַשטעלטע געריכט: די פרישע לאַטקעס מיט סירופּ פון מעיפּל־צוקער, די אָקאָרשט־אָפּגעבאַקענע ביסקוויטן מיט אַ טע־

פּעלע צעשמאָלצענעם פּוטער, דעם בעיקאָן, וואָס איז נאָך הייס, בלעזלט זיך און צישעט ווי אויף דער בראָטפּאַן... ווי באַרימ־האַרציקע שוועסטער, דערלאַנגען די ווייס־אָנגעטאָנענע קעלנער־קעס אַלץ, וואָס מען וויל, אַבי די געסט־פּאַציענטן זאָלן זיך נאָר באַרואיקן, אַבי זיי זאָלן נאָר אויפהערן אויסקוקן די קעלנערינס מיט בייז־אומגעדולדיקע אויגן.

די בערג שפּייז ווערן איינגעשלונגען פון דעם נאָכאַנאַנד זיך־בייטנדיקן מענטשן־שטראָם ניט־אויסגעטאָנענערהייט, נאָך אין די מאַנטלען און קאַפּעליושן, ווי פון באַן־פּאַסאַזשירן, וואָס וואַרטן אומרואיק אויפן לעצטן וואָקזאַל־קלונג... יאָ, ניו יאָרק איז אַ גרויסער וואָקזאַל.

און איידער מען באַווייזט נאָך אַרונטערצושלינגען דעם לעצטן ביסן, איז מען שוין ווידער אויף די פיס, לאָזט מען זיך שוין ווידער יאָגן — אין שאַפּ, אין אָפיס, אין געשעפט אַריין. —

אַזוי איז עס אָבער בלויז בייטאָג; אין אָוונט איז עס אַנדערש.

אין אָוונט, אין די שעהן צווישן נאַכט און האַלב־צוועלף, איז דער בייטאָגיקער עולם שוין ניטאָ. ער איז אין די היימען איצט, אָדער נאָך אין די סאָבוועי־צוגן, אָדער שוין ערגעץ אין אַ טעאַטער. פאַרן טעאַטער־עולם, וואָס כאַפּט זיך אַריין אַהער אויף אַ „בייס" נאָך דער פאָרשטעלונג, איז דערווייל נאָך פרי. —

דער סאָרט מענטש, וואָס קומט אַריין אַהער אַליין אין אָט דער צווישן־צייט, אין אָוונט, — און דערהויפּט נאָך אין אַ שבת־אָוונט — איז אַן עלנטער מענטש, אַביסל אַ פאַרלוי־רענער אין דער גרויסער שטאָט. מסתמא האָט ער נישט קיין נאָענטע היים וואוהין צו גיין — אָדער אפשר האָט ער אַ היים, וואוהין ער וויל נ י ט גיין.

דער מענטש, וואָס זיצט אין אָט די שעהן אין אַ טשאַילדס־רעסטאָראַן, איילט זיך שוין ניט ביים עסן. קיינער יאָגט אים נישט אין האַלדז־און־נאַקן, קיינער וואַרט נישט איצט אויף זיין אָרט. חוץ דעם, האָט ער, ווייזט אויס, סיי ווי נישט וואו־הין צו איילן איצט.

איז ווען אַזאַ מין שבת־אָונטיקער באַזוכער עסט אָפּ, בלייבט ער אַ ווײַלע זיצן. פֿאַר אים שטייט אויפֿן טיש אַ פּאָר־ציע עפּל־פּאַי מיט אַ פּירקאַנטיק שטיקל טשעסטער־קעז. עס רויכערט זיך געשמאַק דאָס טעפּעלע שוואַרצע קאַווע... ער קוקט זיך אום, באַמערקט אַ צווייטן מענטשן ביים זעלביקן אָדער ביים נאָענטן טישל, באַטראַכט אים מיט אַ נײַגעריקן וואַרי־מען בליק.

עס איז געררוים איצט אין דעם רעסטאָראַן, עס איז ליכטיק, ווייס און וואַרעמלעך... ניין, נישט ווייס — ראָז. אין דרויסן גיסט אפשר איצט אַ רעגן, בלאָזט אפשר אַ נאַסער ים־ווינט. און דאָ איז דאָך פּאָרט היימישער, געמיטלעכער ווי אין דרויסן. כאָטש די טויזנטער בלאַנקענדיקע קאַפּליעס פֿון די ווענט — דערהויפּט טאַקע אין אָוונט, ווען עס איז שטאַרק־ליכטיק און שטיל — דערמאָנען עפּעס אַזוי שטאַרק אָן אַ קרעמאַטאָריום.

אויך ראַמבאַם איז איינעם אַ שבת־אָוונט נאָכן עסן גע־בליבן דאָ אַ ווײַלע זיצן, האָט זיך געמיטלעך און נײַגעריק אַרומ־געקוקט... ער האָט זיך איצט גאָרניט שלעכט געפֿילט אין אָט דעם ריזיקן בלאַנקענדיקן שפּיטאָל־קרעמאַטאָריום, וואו עס ווערן נאָכאַנאַנד פֿאַרצוקט בערג גאַנצע שפּייז, וואו עס ווערן אויך נאָכאַנאַנד פֿאַרברענט שעהן און טעג פֿון טויזנטער און טויזנ־טער מענטשלעכע לעבנס.

ג.

אים אַנטקעגן, ביים זעלביקן טישל, זיצט אַ מיידל, אַביסל אַן אָנגעפּודערטע און אַן אָנגעפּאַרבטע, אַ שטאַרק־בלאָנדע.

דאָס בלאָנד פֿון אירע האָר איז אפֿילו אומנאַטירלעך. כע־מיש־איבערגעפּאַרבטע האָר זיינען עס, ס׳איז שיר ניט אַ „פּלאַ־טינום־בלאָנדיקע״. דאָס מיידל אַליין איז אים אָבער געפֿעלן, ער ווייסט ניט פֿאַרוואָס. אפֿילו די פּרישטשיקלעך אויף איר פּנים, וואָס זעען זיך אַרויס דורכן פּודער, אַרן אים אויך ניט. דערפֿאַר פֿאַרמאָגט זי דאָך אַזעלכע שיינע אָפּגעפּאָלירטע נעגל, אַזעלכע לאַנגע איידעלע פֿינגער, — כאָטש דאַרע פֿינגער זײַ־נען עס, אַביסל אויסגעדייוועטע, ווי אויסגעאַרבעטע. מסתמא

איז זי אַ סטענאָגראַפּיסטקע, אַ טאַיפּראַיטערין. אָדער אפשר איז זי גאָר אַ פּאַרקויפערין אין אַ וואָלוועלן דעפּאַרטמענט־סטאָר, אַ וואולוואָירט־פּאַרקויפערין, וועלכע האָלט איבער אין אירע הענט דורכן טאָג טויזנטער און טויזנטער אַרטיקלען?

זי האָט שוין פון לאַנג אָפּגעגעסן איר מאָלצייט. נאָר זי אויך איילט זיך ניט אויפצושטיין. זי וואָלט אויך געוואָלט האָבן אַ מענטשנס נאָענטקייט נעבן זיך. צווישן ראַמבאַמען און איר — בלויז די ברייט פונם קאַלטן מאַרמאָרנעם טיש. אין האַלב־אויסגעליידיקטע געשליפענע וואַסער־גלעזער אויפן טיש שפּיגלט זיך קאַלט דאָס ליכט פון עלעקטרישע לאָמפּן. אין אַן איבערגעבליבענעם טעלערל — טיפע גראַנאַטענע בלויקייט פון געקאָכטע גרינע פלוימען.

ראַבבאַמס בליק בלאָנדזשעט אַהער, אַהין, ביז ער פאַלט אויף איר... ער בלאָנדזשעט אויף דער ווייס־קאַכעלנער סטעליע, דער גלאָז־וואַנט פון דער ריזיקער וויטרינע, דעם קאַלט־גלאַנציקן מאַרמאָר־טיש — און פאַלט ווידער אַנידער אויפן מיידל.

זי שטרעקט דעמאָלט אויס איר האַנט נאָכן פאַרצעלייענעם בערעלע, וואָס האַלט אין די לאַפּעס אַ טעפּעלע מיט ציין־העלצ־לעך. מען באַמערקט דעמאָלט: זי האָט אַ שמאָלן און שיינעם אָרעם; ער בויגט זיך אַזוי גראַציעז, ווי דער האַלדז פון אַ שוואַן.

ראַמבאַם פאַרלויפט איר דעם וועג, דערלאַנגט איר דאָס פאַרצעלייענע בערעלע.

זי באַצאָלט אים דערפאַר מיט אַ שמייכל פון דאַנקבאַר־קייט.

— אַביסל אומעטיקלעך דאָ אַליין, אין אַ שבת־אָוונט... — גיט ער אַ פּרואוו.

— ניין, פאַרוואָס... — גיט זי אויף אים אַ שטראַל מיט אַ פּאָר גרויסע, וואַרעמע, ברוינע אויגן, — דאָ איז גאַנץ גוט צו זיצן...

ער ווערט ביי זיך זיכערער, וויבאַלד זי ענטפערט אים גערן.

— נו, פונדעסטוועגן... — שמייכלט ער סקעפּטיש. — ווען

איך וואָלט אייך, אַ שטייגער, איינגעלאַדן אַרויסצופאָרן מיט מיר קיין קוני־איילאַנד...

— ניין, אַ דאַנק... — האָט זי זיך אַ רויטל געטאָן, דאָס בלוט איז איר געקומען אין פּנים אַריין, כאָטש זי האָט גלייך געמאַכט איבער זיך אַן אָנשטרענגונג, מען זאָל עס אויף איר נישט באַמערקן.

ראַמבאַמען פאַלט איין: מסתּמא איז עס אַ מיידל פון אַ קליינער שטאָט נעבן ניו יאָרק, וועלכע וויל מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ געניטער און דרייסטער ניו יאָרקער „גערל". — איך פאָר נישט אויס מיט קיין פרעמדע מאַנספאַרשוינען... און דערצו נאָך איז עס אַזוי ווייט...

— אָבער שטעלט אייך פאָר, ווי גוט עס וואָלט געווען צו פאַרברייינגען איצט אַ פּאָר שעה אין לונאַ־פּאַרק... ס'איז דאָך אַזוי הייס אין שטאָט... באמת... עס לאָקט אייך גאָרנישט צו? איך גלויב, אַז מיט אייך וואָלט איך זייער גוט פאַרבראַכט...

— זייער שיין פון אייך צו מיינען אַזוי... אַ דאַנק... ס'ווילט זיך אָבער נישט שלעפּן זיך אַ גאַנצע שעה נאָכאַנאַנד מיטן צוג, מיטן סאַבוויי... ס'איז דאָרט אַזוי דושנע...

— קאָנען מיר נעמען דעם אויטאָבוס... — שטרעקט שוין ראַמבאַם אויס זיין קורצע דיקע האַנט איבערן טיש און פּרוּווט באַדעקן מיט איר דעם מיידלס וואָרעם, שמאָל הענטל. — ס'איז אַ פּראַכטפולע רייזע ביינאַכט... איבער טשיינאַ־טאַון[1], מאַנ־העטן־בריק און גאַנץ ברוקלין דורכאָך... היינטיקער אָוונט איז דאָך ווי אַ פרילינג־אָוונט... מירן זיצן אויפן דאַך... ס'וועט זיין קיל... אָדער אויב איר ווילט, קאָנען מיר נאָך צופאָרן מיטן ים — מיט דער שיף פון דער בעטערי... אָדער אפשר מיט אַ טעקסי? — ווערט ער פאַרטרוילעכער. — אויב איר שרעקט זיך נאָר ניט פאַר מיר...

— ניין, אַ דאַנק, אַן אַנדערש מאָל... — באַפרייט זי פונ־דעסטוועגן איר הענטל פון זיין שווייסיקער, גרויסער לאַפּע אַרויס.

— נו, איז עפּעס נענטערס... — דערוועקט זיך שוין אין אים די אַמביציע פון די אַמאָליקע יאָרן; מיט דער געניטשאַפט

---

[1]) כינעזער־קוואַרטאַל.

פון אַ דאַן־זשואַן געדענקט ראַמבאַם די גאַנצע צייט: באַליידיקן זיך אויף אַ מיידלשן אָפּזאָג טאָר מען נישט. מען דאַרף גיין אויף קאָמפּראָמיסן. — אַ שטייגער, אין אַ דאַנסינג?

— נו, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש... — קווענקלט זיך דאָס מיידל נאָך אַלץ, אָבער עס עפֿענען זיך שוין ביי איר פאַר־נאַנדער די קאַרמין־רויטע געפאַרבטע ליפּעלעך... — קענט איר אָבער אַן אַנשטענדיקן פּלאַץ, דאָ אין דער נאָענט? איר פאַר־שטייט, אין וואוין אַליין דאָ נישט ווייט... און צו־ווייט פון דער היים וויל איך נישט אַוועקפאָרן.

ראַמבאַמס נייגעריקייט פלאַקערט זיך דאָ פאַנאַנדער: איז עס — אומשולד? אָדער איז עס אַ קלוג־געניטע אַנצוהערעניש, אַז מען קען זיך גאָר אַריבערכאַפּן צו איר אין שטוב אַריין? די דאָזיקע מחשבות רעגן אים שטאַרק אויף, ברענגען צוריק אַריין אין דעם צעווירענעם איבערגעזעטיקטן לייב דעם אַמאָ־ליקן ציטער און הונגעריקן נייגער.

— אוודאי... — שטראַלט אויף אים אויף זיין זאַט קיי־לעכדיק פּנים, ווי אַ פולע לבנה. — ס׳איז דאָ. טאַקע דאָ נישט ווייט פונם ראָג פון דער פערצנטער גאַס און דער זעקסטער עוועניו... נאָך אַ מין! אפילו אַ פּראַכטפולער דאַנסינג! ער גע־פינט זיך אין אַ כינעזישן טשאַפּ־סיו־אי רעסטאָראַן.

און ראַמבאַם פיבערט שוין אין דערוואַרטונג פון אַלערליי מאַנסבילשע „גליקן״... דער אָטעם זיינער האַקט זיך, רייסט זיך איבער.

— וועט מען טאַקע ביני־לביני זיך אונטערלענען דאָס האַרץ מיט אַ טשאַו־מעין, מיט אין־פעדים־צעשניטענעם קאָפּ־האָן... מע׳ט טרינקען פו־לאָנג־טיי... עסן לישיי־ניס... האַ? איז געגאַנגען? — שלעפּט ער דערווייל אַוועק דאָס צאָל־קוויטל פון איר זייט טיש און לייגט אים אַריין צו זיך אין האַנט אַריין, צוזאַמען מיט זיין אייגענעם צאָל־קוויטל.

— נו, כ׳ווייס... מען קען פּרואוון... — שמייכלט זי צו אים גלייך אין די אויגן אַריין. — דעם אמת געזאָגט, בין איך שוין טאַקע לאַנג נישט געווען אין אַ דאַנסינג... אַזוי לאַנג...

ווען זיי זיינען שוין ביידע אויפן וועג צום דאַנסינג־טשאַפּ־

סיואי נעמט זיין גראָבלעכע האַנט מיט די קלעצל־פינגער פעסט אַרום איר דינעם אָרעם, אַ שטייגער, ווי עס וויקלען זיך אַרום די רינגען פון אַ שלאַנג אַרום אַ בייגיקן צווייג.

— אַזוי... ווי רופט מען אייך ? — פרעגט ער.

— מען רופט מיך מיס מעקפאַדן... אָבער איר קענט מיך רופן פשוט ביים ערשטן נאָמען: מעגגי...

ד.

איך בין אַ געטרייער שומר, וועלכער היט אָפּ די טריט פון זיין האַר. און איינמאָל האָב איך אָט אַזאַ סצענע טאַקע אַליין אָבסערווירט דורך די שויבן פון דעם טשאַילדס־רעסטאָראַן.

ס׳איז איצט ווידער שפעט אין אָוונט פון אַ שבת־צו־נאַכטס, נאָר שוין פון אַן אַנדערן שבת־צונאַכטס. אַ גאַנצן אָוונט, ווי אַ הונט, בין איך ווידער נאָכגעגאַנגען ראַמבאַמען, פון דעם אָוונט אָן, וואָס ער האָט פאַרלאָזן די רעדאַקציע ביז איצט. גאָט, פון וואַנען נעמט זיך עס צו מיר אַזוי פיל פאַרדאָרבנקייט, אַזוי פיל געפאַלנקייט אינאיינעם מיט אַזוי פיל חוצפה — ווי שעם איך עס זיך נישט פאַר זיך אַליין ! נאָכפאָלגן משה ראַמבאַמען, ווי אַ שפיאָן...

ס׳איז אָבער פאַרפאַלן: ס׳איז אַ נסיון און אַ תאוה... און אפשר איז עס מער ווי אַ בלויזע תאוה; ס׳איז דאָ אפשר אויך אין דעם אַ מורא און אַ זאָרג, אַן אומרואיק ציטערן איבער די בלאָנדזשענדיקע גליטשיקע טריט פון מיין ווירט ?

איך וועל אָבער דערציילן כסדר:

פון דער רעדאַקציע איז ראַמבאַם אַן אָטעם אַוועק אין אַ טעקסי גלייך אין אַ רעסטאָראַן אויף בראָדוויי, אַרום דער דריי־און־צוואַנציקסטער גאַס. איך — נאָך אים.

„פאָרט נאָך אָט יענער געלער טעקסי פון פאָרנט״... — האָב איך מיט אַ געהיימניספולן קול געהייסן דעם שאָפער, דעם שאָפער פון אַ „טשעקער־טעקסי״, וועלכער האָט מיך אַוודאי גלייך אָנגענומען פאַר אַ דעטעקטיוו, און ראַמבאַמען פאַר עפעס

אַ וויכטיקן קרימינאַל־פאַרברעכער. — און וואו יענע טעקסי וועט זיך אָפּשטעלן, לאָזט מיך אויך אַראָפּ... אַ פּאָר טריט פון הינטן.

אין יענעם רעסטאָראַן — די פענצטער פון יענעם רעס־טאָראַן קוקן אַרויס קעגן קאָכעדיקן ניו יאָרקער ווינקל, וואו עס האָט זיך געהויכט נאָך דער וועלט־מלחמה אַן אַלאַבאַסטער־ווייסע טריאומפאַל־אַרקע אין אָנדענק פון די געפאַלענע העלדן אינם וועלט־קריג; דאָרטן קרייצן זיך בראָדוויי און די פינפטע עווע־ניו, — איז אין יענעם רעסטאָראַן, וואוהין ער האָט זיך עס אַזוי געיאָגט, האָט ער זיך געטראָפן מיט עפּעס אַ בלאָנד מיידל, אַ „פּלאַטינום־בלאָנד". ער האָט זיך מיט איר דאָרט אַזוי שטאַרק אַרומגעכאַפּט, האָט אַזוי געפלאָטערט איבער איר... כאָטש צו מיר, פון דערווייטנס, האָט דאָס מיידל אויסגעקוקט צו זיין אַ געוויינלעכע און פּראָסטע מיידל — אַ מיידל מיט חוצפּהדיקע לאַכעדיקע אויגן און פאַרריסענעם נעזל; מיר דוכט אפילו, אַז איך האָב זי אַ פּאָר מאָל געהאַט געזען אין אָפיס פון בלאַט, וואו ראַמבאַם אַרבעט. אויב איך האָב קיין טעות ניט, איז זי דאָרטן אַ סטענאָגראַפיסטקע.

— מיין גאָט... — האָב איך פאַר זיך געשטוינט. — איז אָט דאָס... איז עס? דאָס איז עס די גאַנצע רעטעניש, ראַמ־באַמס גרויסער סוד?

קיין סך צו שטוינען האָב איך אָבער ניט געהאַט קיין צייט. ווייל פון דאָרטן זיינען זיי, איילנדיק און שווייגנדיק — ניט באַמערקנדיק, דוכט זיך, קיין איינציקן נפש פונם געדיכטן צענ־טויזנט־קעפּיקן עולם, וואָס האָט זיך געשטויסן אינם יום־טובדיקן שבת־אָוונט אין די גאַסן, אין יאָגעניש און אין איילעניש צו געפי־נען אַ פרייען אָרט אין איינעם פון די אַרומיקע צענדליקער טע־אַטערס — איז פון דאָרטן, פונם רעסטאָראַן, האָבן זיי זיך ביידע געלאָזט גיין צופוס אין דער ריכטונג צו אַ זייטיקער, שטילערער גאַס. ווי עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, — טאַקע צו איר אַהיים.

די גאַנצע צייט, אויף וויפל איך האָב געקענט פון דער־ווייטנס פון פופציק טריט נאָכשפּירן זיי, האָבן זיי, דוכט

זיך, ניט אַרויסגערעדט קיין איינציק וואָרט איינער צום צווייטן. זיי האָבן בלויז געקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין, ווי שיכורע צוויי מענטשן, און נאַריש־גליקלעך געשמייכלט. איך בין זיי נאָכגעגאַנגען די גאַנצע צייט ווי אַ שפּיאָן; אָבער דאָס האַרץ האָט אין מיר געקלאַפּט אַזוי, פּונקט ווי א י ך וואָלט געווען גאָר דער נאָכגעשפּיאָנירטער און דער נאָכגעשפּירטער... גוט איז נאָך, וואָס ניו יאָרק איז אַזאַ ריזן־כּרך. איך האָב מיך, ווי אַ ברעקל־זעמדעלע, גרינג אויסגעמישט מיט די אַרומיקע מענטשן־כוואַליעס, און קיינעם איז זיכער ניט איינגעפאַלן צו לייגן אויף מיר אַ ברעקל אַכט.

ראַמבאַם און זיין „גורל" זיינען באַלד פאַרשוואונדן אין דער טיר פון אַן אַלט קליין שמאָל צוויי־שטאָקיק הייזל, וואָס האָט זיך אומבאַהאָלפן און דערשראָקן אַריינגערוקט צווישן צוויי טורעמדיקע וואָלקן־קראַצערס, — עס איז געווען זיכער: די צענדליקער טויזנטער מענטשן, וואָס שווימען דאָ דורך דורכן טאָג, באַמערקן אפילו ניט דאָס דאָזיקע הייזעלע, פאַרדעכטיקן אפילו ניט זיין עקזיסטענץ... עס האָט זיך געטוליעט, אַרויס־קוקנדיק מיט אַזאַ מין רחמנותדיקער, מיט אַזאַ מין בעטנדיקער מינע צו זיינע וואָלקנקראַצער־שכנים:

— טשעפּעט מיך ניט, איך בעט אייך... איך ריר דאָך קיינעם ניט אָן — טאָ לאָזט מיך כאָטש צורו... צעקוועטשט מיך כאָטש ניט.

אין אָט דעם געגנט אויף דער אַכצענטער גאַס אַרום דער פינפטער עוועניו, איז אין דער צייט שטיל אַזוי און פּוסט — כּמעט טאָקע ווי אויף אַ בית־עולם. עס קאָן גאָר קיין שום מענטשן, ווערכער בלאָנדזשעט דאָ אַרום איצט, ניט איינפאַלן דאָס בילד פון דעם, וואָס דאָ טוט זיך אָפּ דורכן טאָג... די וואָלקנקראַצערס מיט די אויסגעלאָשענע פענצטער — זיי זעען אויס צו זיין בלויז פּיראַמידן־דענקמעלער נאָך אַמאָליקע, נאָך פאַרשוואונדענע שלאַכטן — די שלאַכטן פון יעדן געוויינטלעכן ניו יאָרקער טאָג אין אָט דעם געגענט.

אַ בית־עולם פון העלדן־קברים... די הונדערטער, די טויזנ־טער פענצטער פון די אַרומיקע ריזן־מויערן שטייען איצט אַלע

אויסגעלאָשן און בלינד. אויך די פענצטערלעך פון אָט דעם קליינעם הייזל, וואָס איז דורך אַ נס פאַרבליבן דאָ — אַ קליין אומבאַהאָלפן קוסטעלע אין דעם אַרומיקן וואַלד פון וואָלקנקראַ־צערס — זיינען לכתחילה געווען אויסגעלאָשן. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום, נאָכדעם ווי זיי זיינען ביידע, ראַמבאַם און דאָס אײַרישע מיידל, אַריין אין קאָרידאָר, האָבן צוויי פענצטער אין דער הויך אויפגעלויכטן — זיי האָבן אַזש אַ ברען געטאָן מיין האַרץ... און איך האָב גלייך אויפגעהאַנגען מיינע אויגן אויף זיי, אויף די צוויי אָנגעצונדענע פענצטער.

אין אַ מינוט אַרום האָבן זיך שוין אָבער דאָרט אַרונטער־געלאָזט די שטאָרן. אַ סילועט־האַנט האָט זיך אַ ווײַלע באַוועגט דאָרט קעגן פענצטער מיט אַזאַ מאָדנער דערווייטערטקייט און צוציִענדיקייט... דערנאָך האָב איך שוין דאָרט מער גאָרנישט געקאָנט זען. כאָטש ס׳איז שוין דאָרט די גאַנצע צייט געבליבן ליכטיק אַזוי, אין יענע פענצטער מיט די אַרונטערגעלאָזטע רולעטן.

שעה נאָך שעה נאָכאַנאַנד האָט זיך דאָרט אַזוי געצויגן אַ שטילער, אַ ליכטיקער און אַן אָפּגעזונדערטער יום־טוב.

און איך בין געשטאַנען די גאַנצע צייט אין גאַס, אָנגע־שפּאַרט אָן דעם קאַלטן גראַניטענעם זייל פון אַ צוגעמאַכטן טויער פון עפּעס אַ ריזיקן אויטאָמאָביל־געשעפט. איך האָב מיך אַלץ ניט גערירט פון אָרט.

ה.

אָבער מיך האָט ניט פאַרלאָזט די גאַנצע צייט פון מיין שטייענדיש און וואַרטעניש אַ טיפער גלויבן.

— ראַמבאַמס לעצטע בלאָנדזשענישן זיינען מחמת זיין אינערלעכער פוסטקייט, מחמת דעם טיפן לאַנגווייל, וואָס עג־בערט אים... דאָס אַלץ איז ביי אים זיכער צייטווייליק און וועט געוויס אינגיכן דערעסן, ווערן דערווידער.

איז אפשר דערפאַר גיי איך עס אים נאָך פוסטריט אין אָט די ביינאַכטיקע וואַנדערונגען זיינע. עס איז, ווי מיר וואָלט זיך געוואָלט זיין גלייך אויפן אָרט, ווען ער וועט זיך מיטאַמאָל

אַנהויבן נויטיקן אין מיר, ווען נאָר ער וועט מיך אַ רוף טאָן.

אויף דער גאַס שפּאַנט איצטער קיינער נישט. זעלטן אפילו ווען עס יאָגט דורך אַ טאַקסי. די גאַס: אַ שמאָלער טאָל צווישן צוויי הויכע פעלזן־ווענט פון וואָלקנקראַצערס. אין אָט דער געגנט האָבן זיך לעצטנס אויסגעבויט אַ גאַנצע ריי אַזעלכע וואונדערלעך־שיינע וואָלקנקראַצערס. שמאָלע, שלאַנקע און גלייכע, ווי אַ וואַלד ריזיקע טענען־בוימער פון אומגעווייגלעכער הויך.

אייניקע פון זיי זיינען דורך דער נאַכט, גאָר אינדערהויך, באַלויכטן פון אומגעזעענע לאַמטערנס און באַהאַלטענע פּראָזשעקטאָרס, וואָס באַרויטלען און באַבלויען די גאָר אויבערשטע שטאָקן מיט אַזאַ פאַנטאַסטישן אויסגעכשופטן ליכט. די וואָלקנקראַצערס מיט די פענצ־אַפּאַרטמענטס אינדערהויך, קוקן דעמאָלט אויס נישט ווי וואָכעדיקע בנינים, בנינים פאַר געשעפט און מי, נאָר ווי צויבער־פּאַלאַצן פון אומגעווייגלעכער פּראַכט, אָריענטאַלישע פּאַלאַצן פון דמשק און באַגדאַד.

זיי זיינען דין און שלאַנק, און נאָדלדיק — אָט די פּאַלאַצן. אַז אַ קליין ווינטעלע גיט פּלוצלונג אַ בלאָז, דאַכט זיך מיר, ווי זיי גיבן זיך איינע קעגן די אַנדערע אַ בויג מיט זייערע טורעמס, ווי ריזיקע טענען־בוימער מיט זייערע קרוינען... נאָדלדיקע, דינע, שלאַנקע. מיר דאַכט אפילו, אַז איך הער דאָס ווייטע קלינגען פון זייערע שפּיצן, ווען זיי רירן זיך אָן.

נאָר אפשר נעמט זיך עס אַלץ דערפון, וואָס עס שווינדלט מיר שוין פשוט אין קאָפּ פונם נאָכאַנאַנדיקן האַלטן אים פאַרריסן אַזוי אינדערהויך... שוין אַוודאי עטלעכע שעה, ווי איך קוק אַזוי אַרויפצו — דאָרט איז נאָך אַלץ שטיל און ליכטיק און יום־טובדיק.

וואָס אמת איז — מיך האָט עס דאָך געדאַרפט פרייען, וואָס ביי ראַמבאַמען האָט זיך ענדלעך אויך באַוויזן אַ פרייד, וואָס פאַרשענערט זיין לעבן; אַ קליינע שיין, וואָס מאַכט עס כאָטש אַביסל ליכטיקער... אָבער נישט־שוין זשע, — טראַכט איך, — זעט ער נישט די גרויסע פרייד, וואָס וויקלט

איין דעם אַרומיקן כרך — אַ כרך, וואָס וואַקסט ממש פּאַרביי יעדן מענטשנס אויג, וואַקסט און בליט זיך פּאַנאַנדער מיט יעדן איינציקן טאָג ? נישט שוין זשע וועט ער שוין מער קיינ־מאָל דערפילן און זיך אָנשטעקן פון דער שיינקייט און דער פרייד, וואָס עס זינגט אַרויס פון זיך די גאַנצע מיליאָניקע וואונדער־שטאָט ניו יאָרק — די שיינקייט פון בויען, די פרייד פון מי און פון אַרבעט פון מיליאָנען ? —

איך ווייס נישט, ווי לאַנג איך בין אַזוי געשטאַנען אונטן איינער אַליין אָנגעשפּאַרט אינם קאַלטן גראַניטענעם זייל פונם פרעמדן טויער.

איך בין אָבער מודה : ווען איך האָב באַמערקט, ווי אינ־דערהויך, אינם קליינעם צוויי־שטאָקיקן בנין, האָבן זיך ענדלעך אויסגעלאָשן די פענצטער — האָט אין מיר פריידיק אַ טיאָכע געטאָן דאָס האַרץ.

און ווען מיט עטלעכע מינוט שפּעטער איז ראַמבאַם אַרונ־טער פון דאָרט איינער אַליין און איך האָב, אינם שיין פון קעגנ־איבערדיקן לאַמטערן באַמערקט, אַז זיין פּנים איז זויער און אָנ־געכמורעט — האָט מיין האַרץ דעמאָלט נאָך פריידיקער אָנגע־הויבן צו קלאַפּן.

— אָט די פּוסטע באַרוישונג, ווייזט אויס, וועט ביי אים לאַנג נישט אָנהאַלטן... גוט אַזוי, גוט אַזוי...

— בעסער שוין שטאַרקע פינצטערניש, — האָב איך גע־רעדט צו זיך אַליין, בעת איך בין פון הינטן נאָכגעגאַנגען ראַמ־באַמען, — איידער אַ פאַלש ליכט... ווייל ערשט נאָך דער שטאַרקסטער פינצטערניש באַווייזט זיך דאָך ענדלעך אַ זון — אָן אמתע, אַ שטאַרקע זון, — אַ זון, וואָס איז קלאָר און אייביק...

איך בין אַ געטרייער שומר, וואָס היט אָפּ די טריט פון זיין האַר.

ניינטער קאַפּיטל.

אַ טעמפּל וואָס פוסטעוועט, און אַ מלך פון קאָרטן. — אַ בייזאַכטיק־שכורדיק ליכט פון עלעקטרישע לאָמפּן שפּיגלט זיך אָפּ אין דער פאַרביקייט פון רייכע ליקערן, און ערגעץ אַנדערש באָדט זיך די זון פון די פרימאָרגן־שעהן אין מענטשלעך בלוט, פאַרגאָסן אויפן אַספאַלט פון גרויס־שטאָט.

א.

— דריי טייז...
— פינף הונדערט און איינס...
— אַ „זעכציק" און אַ „פערציק"...
— אַ פול הויז...

שוין עטלעכע שעה ווי דאָס האַלט אַזוי אָן. היינט קומט שוין ווידער פאָר ביי ראַמבאַמען די וועכנטלעכע קאָרטנשפּילעריי. פון די ווייטסטע ווינקעלעך פון גרויס־ניו־יאָרק, פון קווינס און פון דזשעמאַיקאַ, פון פלעטבוש, פון בראָנקס פּאַרק און פון איסט ניו יאָרק — פון אומעטום איז מען זיך היינט צונויפגעפאָרן אַהער, ווידער צונויפגעפאָרן זיך אויף אַ קאָרטן־יום־טוב, נאָך אַן איבעררייס פון עטלעכע וואָכן.

דער גרויסער פאַרלאָר־צימער איז איצטער פול. אויף די שטולן און פאָטעלן איז שוין לאַנג מער קיין פּלאַץ ניטאָ. די שפּעטער אָנגעקומענע געסט זיצן אויף ראַנדן פון קאַנאַפּעס, אויף פאַרענטשן פון מאַריס־שטולן. מען שפּרייט זיך אויס אין האַלב־ליגנדיקע פּאָזעס אויפן דיל, אויפן טעפּיך, אויף אויסגע־האַפּטענע סאַמעטענע קישעלעך. מען שטייט אָנגעשפּאַרט אָן אַ קרעדענץ, אָן אַ וואַנט — ווי צונויפגעקוועטשטע מתפּללים אין אַ געדיכט־אָנגעפּאַקטער שול.

די שטימונג איז אַן אָנגעשטרענגטע, אַ ליידנשאַפטלעכע. עס שפּילן עטלעכע באַזונדערע גרופּן אַרום באַזונדערע גרינע טיש־לעך. די, וואָס שטייען אַרום די שפּילער, קוקן זיך צו דערווייליע, וואַרטנדיק אויף אַ פרייען אָרט ביי אַ טישל, און — זייענ

אָנגעפּילט מיט ניט ווייניקער ליידנשאַפט און אָנגעשטרענגט־קייט, ווי אַליין די שפּילער.

דאָרט מוז איצט זיין זייער גערדיכט אָנגערויכערט. צוליב דעם אָבער, וואָס ס׳איז שוין איצט אַ שפּעטע שעה, עפנט מען ניט די פענצטער אין גאַס, כדי ניט צו שטערן די רו פון די שלאָפנדיקע שכנים. כאָטש שבת מעג מען דאָך אויפזיין שפּע־טער ווי אין אַ וואָך־טאָג. דער רויך שפּאַרט אַזש אַריין אַהער, אין מיין חדר אַריין, און שטיקט מיך אין האַלדז.

איך גיי נישט אַריין אַהין. איך קען ניט שפּילן קיין קאָרטן; ניט געהאַט קיינמאָל קיין צייט און קיין געלעגנהייט זיך אויס־צולערנען. אפשר האָב איך עס טאַקע ניט ליב אויך, דאָס מין קאָרטנשפּיל... ווען איך האָב נאָר אַ פרייע שעה צו פּטרן — וויל איך עס בעסער טאָן אין דרויסן: איך בין דאָך אַזוי זעלטן אין דרויסן, אויף דער פרייער לופט. חוץ דעם, האָט מען מיך טאַקע ניט פאַרבעטן אויך אַהין, צום קאָרטנשפּיל.

להיפוך צו מיין געוואוינהייט יעדן שבת־צו־נאַכט, בין איך היינט אין אָוונט אין ערגעץ ניט אַרויסגעגאַנגען. כאָטש היינט איז דאָך מיין איינציקער פרייער אָוונט. איך האָב פּשוט מורא גע־האַט צו פאַרלאָזן די שטוב אפילו אויף אַן איינציקער מינוט: טאָ־מער קומט ראַמבאַם פאַרט ענדלעך אַריין צו מיר, טאָמער זוכט ער מיך... אָ, איך האָב דאָך די גאַנצע צייט גוט געדענקט זיינע ווערטער פון איינעם אַ זונטאָג מיט עטלעכע וואָכן צוריק. ניט געקוקט אויף די אַלע פּאַסירונגען און ראַמבאַמס אַוואַנטיורעס פון די לעצטע עטלעכע וואָכן, פלעגן זיי, אָט די ווערטער, נאָך אַלץ לויכטן פאַר מיר אין די שווערע אַרבעטס־וואָכן מיינע... לויכטן ווי לאַמטערנעס אין חשוכ׳דיקע נעכט.

יאָ... די שעהן פונם קאָרטנשפּיל ציען זיך פונדעסטוועגן פאַר מיר שרעקלעך לאַנג, כאָטש איך בין בטבע אַ געדולדיקער מענטש. דער, וועלכער האָט אַ וועלכע ס׳איז ידיעה אין דער מלאכה פון פאַרבעריי, ווייס מיט וויפיל געדולט דער מאַלער־אַרבע־טער דאַרף זיין באַוואָפנט כדי צו טאָן זיין אַרבעט ריכטיק. נעמט, אַ שטייגער, דאָס פאַרזיכטיקע פאַנאַנדערעפענען אַלע פאַרדעכטיקע ערטער און מעגלעכע שפּאַלטעלעך אין אַן אַלטער

סטעליע. דאָס אויסהאַקן זיי נישט צו־ברייט און נישט צו־שמאָל; דערנאָך, דאָס אויספילן זיי מיט פלאַסטער ביז צו דער פיינסטער גלאַטקייט, אַזוי אַז די ראַנדן זאָלן ממש אויף קיין האָר ניט זיין ניט העכער און ניט נידעריקער פון דעם הויפּט־פלאַך פון דער סטעליע; דאָס איבערגיין דערנאָך אָט די אַלע פרישע פלאַס־טער־שטיקלעך מיט שעלאַק, כדי אפילו קיין סימן פון זיי זאָל זיך ניט אָנזען שפּעטער, נאָכן אָפּשמירן דעם בעליק מיטן קאַל־סאָמיין... האַ? איר זייט עפּעס אַ מבין אויף דעם? אָדער נעמט, אַ שטייגער, דאָס איינפּרימעווען אַ מאַסיווע דעמבענע פּאַראַדנע טיר ערגעץ אין אַ גרויסאַרטיקן וועסטיביול: ווי מען דאַרף עס פריער זאָרגפעליק אויסברענען מיט קראַפטפולע גאַזאָלין־לאָמפּן און אַרונטערצוקראַצן די אַלטע פאַרב — און דערביי ניט מאַכן קיין גריבער און קיין לעכעלעך און קיין אויסגעברענטע פלעקן... אָדער נעמט, אַ שטייגער... כ׳ווייס? אַז אַלץ, יעדעס פיצל אַר־בעט פאָדערט ביי אונדז, מאַליאַרעס, די גרעסטע קילקייט און רואיקייט.

ב.

יאָ, בין איך טאַקע אַ געדולדיקער מענטש בטבע; אָבער היינטיקן אָוונט בין איך פאַרט אַביסל נערוועז, קורצאָטעמדיק, אומרואיק... מיר איז שווער איינצוליגן מיט מיין ביכל אויפן בעט, ביי מיר אין צימער. איך הויב מיך אַלע ווײַלע אויף. איך דערנענטער מיך צו דער טיר. איך לייג צו אַן אויער. ניין, נאָך אַלץ נישט; קיינער ריכט נאָך ניט זיינע טריט צו מיר...

אַז איך וויש אָפּ מיין שטערן מיט דער האַנט, איז מיין האַנט זייער נאַס. מיין קאָפּ איז טאַקע אויך הייס. שפּאַר איך מיך אָן אַביסל אָן וואַנט, זיך אָפּצוקילן.

די וואַנט, וואָס אָן איר האָב איך מיך אָנגעשפּאַרט, איז אָבער ניט קיין קילע. זי גייט ניט אַרויס אין גאַס אַריין. דאָס איז די וואַנט, וואָס טיילט אָפּ מיין צימער פונם שכנותדיקן, פון ראַמבאַמס קאַבינעט. איך ווייס, אַז דאָרט געפינט זיך זיין אַרבעטס־צימער. איך האָב איינמאָל געזען יענעם צימער מיט מיינע אייגענע אויגן.

דאָס איז געווען אין איינעם אַ שבת־נאָכמיטאָג מיט עט־לעכע חדשים צוריק. איך געדענק קלאָר: אַ ווינטער־טאָג איז עס געווען.

שבת קום איך אַהיים פרי פון דער אַרבעט, באַלד נאָך מיטאָג. איז אָפט טרעף איך דעמאָלט קיינעם ניט אין שטוב. שבת אַרבעט ראַמבאַם אין רעדאַקציע נאָכמיטאָג, אַנשטאָט פרימאָרגנס; דער זונטיק־נומער פון זיין בלאַט גייט נאָך אַרויס שבת־פאַרנאַכט. און שבת גייען אויך ניט די קינדער אין פּאָב־ליק סקול. פרוי ראַמבאַם נוצט דעמאָלט אויס די איינציקע געלעגנהייט, וואָס זי האָט, נעמט די קינדער און גייט מיט זיי אַוועק אויף אַ פּאָר שעה שפּאַצירן צום ברעג־טייך, צום ריווער־סייד־דרייוו. איז בלייבט דעמאָלט די שטוב אויף אַ ווײַלע אַליין.

און ס׳איז אפשר ניט שיין, אָבער איך האָב עס פּאָרט געטאָן... איך בין דען נישט קיין מענטש? האָב איך דען ניט קיין מענטשלעכע נייגעריקייט? איינמאָל אין אַזאַ נאָכמיטאָג האָב איך אַריינגעשמעקט אין אָט יענעם צימער. ס׳הייסט טאַקע מער ניט, ווי אַריינגעשמעקט. אינווייניק בין איך ניט אַריין. איך בין בלויז געשטאַנען אויף דער שוועל. אגב, איז די טיר דאָרט סיי ווי געשטאַנען אָפן. פאַרבייגייענדיק די טיר אין וואַנע־צימער אַריין, האָב איך עס דאָך געמוזט באַמערקן. איז בין איך געבליבן אַ ווײַלע שטיין אויף דער שוועל, ווי אויף דער שוועל פון עפּעס אַ היכל.

ג.

ראַמבאַמס קאַבינעט האָט מיר דעמאָלט אויסגעקוקט טאַקע נאָר ווי אַ קליין בית־המדרשל.

עלאַ ראַמבאַם האָט אַוועקגעלייגט אַלע אירע כוחות, האָט אויסגענוצט דאָס גאַנצע ביסל אייגענע קענטעניש אירע און דאָס קענטעניש פון אַלע אירע חברטעס און באַקאַנטע אויף איינצואָרדענען איר מאַנס קאַבינעט אויפן שענסטן און באַ־קוועמסטן אופן, ער זאָל זיך קענען רואיק זיצן און אַרבעטן. פאַר איר איז ער דאָך נאָך אַלץ געווען דער זעלביקער גרויסער

דיכטער, וואָס אַמאָל... פון וואַנען האָט זי עס געקאָנט וויסן, אַז ביי שרייבער איז ער שוין פון לאַנג פאַררעכנט פאַר אַ גע־פאַלענעם שטערן?

פון מיין חדר אַרויס איז מיר ניט איינמאָל אויסגעקומען אונטערצוהערן ווי זי מוטשעט אים פון צייט־צו־צייט, זיין פרוי, ווי זי שטראָפט אים הלמאי ער איז שוין אַזוי לאַנג ניט גע־ווען אין קאַבינעט ביי דער אַרבעט. און כ׳האָב אויך אַ פּאָר מאָל געהערט ווי ראַמבאַם פלעגט זיין פרוי אויף דעם ענטפערן:

— אַז וואָס ווילסטו פון מיר... ס׳איז שוין ניט מער אַמאָ־ליקע צייטן... כ׳בין תמיד פאַרהאַרעוועט, די רעדאַקציע־אַרבעט זויגט מיר אַרויס דעם קליאַק פון דיביינער, דעם מאַרך פון קאָפּ... וואָס ווילסטו... דער עול פון פּרנסה פאַלט אויף מיר זייער שווער.

די וואונדערלעכע געטרייע פרוי זיינע שטעכן אָט־די רייד שאַרפער ווי דאָס שאַרפסטע מעסער. זי פילט אויף זיך, די אָרימע, אַ גרויסע שולד. דאָס רואינירט זי, הייסט עס, איר מאַנס קינסטלערישע קאַריערע... כאָטש, צוריקגערעדט, זי באַמיט זיך דאָך תמיד אויסצוברייגען אין שטוב אַזוי ווייניק, ווי זי קאָן נאָר. אויף זיך אַליין, אויף די קינדער, גיט זי אויס גראָשנס; אָבער דעם קאַבינעט פון איר מאַן האָט זי דווקא איינגעאָרדנט מיט אַזאַ פרומקייט און אַזאַ איבערגעבנקייט, טאַקע נאָר ווי אַ קליינעם שטילן טעמפּל. אַ טעמפּל, וואוהין איר מאַן זאָל זיך קאָנען דערווייטערן רואיק און אומגעשטערט, ווען נאָר ער וועט האָבן צייט אָדער חשק דערצו.

די טאַפּעטן אויף די ווענט זיינען פון אַזאַ האַריקן העלן לינקראַסט־פּאַפּיר, — ניט קיין וואַנט־פּאַפּיר, נאָר עפּעס ווי העלע טיכער וואָלטן געהאַנגען אויף די ווענט. אַ גרויס טאָפּלט פענצטער, דורך וועלכן עס פלייצט אַריין אַ סך זון. מעבל איז כמעט ניטאָ — בלויז אַ ברייטער, שווערער מאהאגאָני־טיש סאַמע אין מיטן צימער. פאַרנט פון טיש — אַ שטול מיט אַן אויסגעהאַפטן קישעלע אויף דעם. יאָ, און אַ ביכער־עטאַזשערקע פאַררוקט אין ווייטן טונקעלן ווינקל — אַפּנים, כדי די פרעמ־דע ביכער זאָלן ניט פאַרטונקלען ראַמבאַמס אייגענע אַרבעט,

זיך ניט אַרויפצווינגען אומגעבעטענערהייט אויף זיין שאַפונגס־גייסט...

און אַרום־און־אַרום די ווענט אַזוי פיל פלאַנצן, וואַזאַנעס, הערבאַריומס אָנגעפילטע מיט זעלטענע פילגעקאָלירטע געוויקסן, מיט אַזוינע אויסטערלישע בלעטער — שמאָלינקע, ווי שלאַנגען־צינגלעך ; ברייטע, ווי העלפאַנט־אויערן. עס פעלט אויך נישט קיין אַקוואַריום אין אַ גרויסן גלעזערנעם באַסעין. דאָרט, אין אַקוואַריום, ליגן אויפן דנאָ קאָראַלן־בערגלעך, מיטגעבראַכט אוודאי פון אַ רייזע קיין בערמיודא, אָדער פון אַנדערע האַלב־טראָפישע ערטער. אַרום אָט די קאָראַלן־בערגלעך שווימען אַרום אינם מוטנעם וואַסער האַלב־טראָפישע פיש — פלאַטשיקע, ווי ברעטלעך, טאָרקוואָאיז־בלויע פיש.

אויפן שרייב־טיש, אין גלעזערנע פאַפיר־געוויכטן, זיינען איינגעפאַסט אויסערגעוויינטלעך־גרויסע פאַרביקע שמעטערלינקען. און אויף ביידע ווינקלען פונם ריזיקן ברייטן טיש שטייען צוויי מיניאַטור־קאָנסטרוקציעס פון גיפס און פלאַסטעלין : אַ פלאַסטעלין־מיניאַטור פון דעם אקראָפאליס אין אַטען, און אַ ווייסער גיפסענער פלאַן־געבוי פון אַ באַוואוסטן סקולפטאָר, — אַ געניויער פלאַן פון אַ דריטן בית־המקדש, מיט כל־ערליי בנינים און טורעמס אַרום... אָט דאָס אַלץ פאַרשטאַרקט נאָך מער אין מיינע אויגן די טעמפל־אַרטיקייט פון ראַמבאַמס קאַבינעט.

— נאַ, אַלץ איז גרייט פאַר דיר, משה ראַמבאַם... ס'איז שטיל און הייליק אַרום דיר... קום אַריין, ווען דו ווילסט נאָר, און טו דיין עבודה...

נאָר עס ווייזט אויס : ראַמבאַם קומט זעלטן, זעלטן אַריין אַהער... און האָב איך דען אַליין, שטייענדיק אַזוי אויף דער שוועל, צוזאַמען מיט דעם גייסט פון ערפוכט און אָפגעשיידנקייט, וואָס האָט געהערשט אין קאַבינעט, אויך דען ניט געשפירט דאָרט אַזאַ מין מאָדנעם ריח : עפעס אַ ריח פון פאַנאַנדערפאַל... אַ ריח פון חורבן... אַ ריח פון פאַרלאָזנקייט ? יאָ, טאַקע ניט פון חורבן, נאָר פון פ אַ ר ל אָ ז נ ק י י ט... אַ שטייגער, עפעס אַזאַ שיינער בנין, נאָך אין פולער און בלענד־

דיקער פּראַכט, און שטייט שוין פאַרלאָזן פון מענטשן, פאַרלאָזן פון אַלעמען.

דאָס אַלץ איז אָבער געווען מיט עטלעכע חדשים צוריק... און איצט —

ד.

דאָרט אין גאַסט צימער, האָט איצט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן דאָס פּילדערן און גוואַלדעווען, דאָס ראַשיקע און אפשר אויך פריידיקע קאָרטנשפּיל.

דער טומל איז היינטיקס מאָל שטאַרקער ווי געוויינטלעך ביי אַ קאָרטנשפּיל — פּונקט ווי מען וואָלט מיטן דאָזיקן טומל אָפּווישן די שפּורן פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום אַט דער שטוב אין פאַרלויף פון די לעצטע עטלעכע וואָכן. גאָר אַ סך פאַרזאַמלטע האָבן אפשר טאַקע געטראַכט „דערפון" די גאַנצע צייט, האָבן דעריבער נאָכאַנאַנד געוואָרפן זייטיקע בליקן אויף פרוי ראַמבאַם, דערהויפּט ווען זי פלעגט זיך ווענדן מיט עפּעס אַ פראַגע צו איר מאַן.

אָבער אויף עלאָס געזיכט איז איצט שוין גאָרניט געווען צו דערקענען קיין שפּורן: אַ וואונדערלעך קינדיש געזיכט, וואָס לויטערט זיך אויס אין איין מינוט, אַ קינדיש האַרץ, וואָס פאַרהיילט זיך גיך און גרינג. זי האָט געשמייכלט צו יעדן איינעם פון די געסט מיט אַן אָפן ליכטיק פּנים, אָן דעם מינדסטן שפּור פון זאָרג־שאָטן אויף אים. זי האָט יעדן איינעם אַרומגערינגלט מיט דער וואַרימסטער גאַסטפריינטלעכקייט. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן.

גאָר, גאָר אַ סך האָבן געטראַכט דווקא פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אַרום דער שטוב אין די לעצטע עטלעכע וואָכן. מ'האָט געטראַכט פון דעם, וואָס די שטילע פאַרבאָרגענע ליבעס־געפילן ביי עלאַן האָבן ענדלעך אָנגעהויבן שטייגן אַלץ העכער און העכער, האָבן אויפגעשווילט, זיינען אַזש אַריבער די ברעגעס... פון דעם, וואָס דער געניטער יונג קיווין — ניט אומזיסט איז ער אויסגעפּאָרן אַ וועלט! אָ, ער האָט שוין געוואוסט אויסגעצייכנט ניט נאָר די וועגן פון דער וועלט, נאָר אויך די וועגן פון אַ פרויען־נשמה — האָט עס דערוויילּ גוט

געוואוסט ווי אויסצונוצן אי עלאַס אויפגעוואַכטע געפילן צו אים, אי איר טיפן פאַרדראָס קעגן איר מאַן, הלמאַי ער האָט זי אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט. אין פאַרלויף פון עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד, האָט ער זי אינגאַנצן אויפגעהערט ערגעץ מיטנעמען אפילו אין די שבת־צו־נאַכטן, אָדער איינצולאָדן מענטשן צו זיך אין אָט די איינציקע פרייע אָוונטן זיינע; מען האָט זיך דערמאָנט די קלאַנגען, וואָס עס זיינען אַרומגעגאַנגען וועגן דעם, וואָס איינמאָל איז ראַמבאַם געקומען ניט געריכטערהייט אַהיים אַביסל פריער, ווי עלאַ האָט אים דערוואַרט, האָט דאָרט געטראָפן וואָס ער האָט געטראָפן, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ער האָט אַרונטערגעוואָרפן דעם יונגן דיכטער קיווינען פון אַלע טרעפּ איינמיטן דער נאַכט...

יאָ, וועגן אָט דעם אַלעמען האָבן כמעט אַלע דאָ געטראַכט. און דערפאַר טאַקע האָט יעדער איינער, מיט ה ע כ ע ר ע רייד און ש ט אַ ר ק ע ר ן טומל, זיך באַמיט איבערצוצייגן דעם צווייטן, אַז ער הויבט גאַר אַפילו נישט אָן צו טראַכטן וועגן דעם אַלעמען...

פון מיין צימער אַרויס הער איך באַלד: עס קלינגען דאָרט גלעזער, עס ווערן דאָרט אויפגעעפנט פלעשער, קיין געטראַנקען האָבן דאָרט, הייסט עס, אויך נישט געפעלט. ס'איז איצט פראָהיבישאָן־צייט. און ביי ראַמבאַמען געפינט זיך אין קעלער אַ גאַנץ פיינער אַסאָרטמענט פון משקאות אַלערליי, שנאַפּסן און וויינען, זיסע און שאַרפע. און היינט, ווי טאַקע לכבוד אַ גרויסן יום־טוב, האָט מען פון קעלער אַרויפגעבראַכט ניט נאָר געוויינטלעכן שנאַפּס און וויין, נאָר טאַקע אַלערליי קאָניאַקן, ראָמען און ליקערן.

מיטאַמאָל האָט זיך דער טומל אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט... איז עס די אָנגעשטרענגטע קאָמישע מינוט פאַרן אויסטרינקען לחיים? אָדער אפשר טוישן זיך דאָרט איצט די באַנקירן, צי די שפּילער מיט זייערע זיץ־ערטער — כדי „איבערצובייטן דעם מזל”? מיין אומגעדולט איז גרויס; איך עפן אויף שטילערהייט די טיר אויף אַ קליין שפּאַלטעלע.

באַלד דערהער איך פון פאַרלאָר אַ שאַרן מיט די פיס, אַ

רוקן פון שטולן, מען ווינטשעוועט איינער דעם צווייטן הויך אויף אַ קול, מען קלאַפּט אין גלעזער. די, וועלכע קענען נישט פטרן קיין סך געלט אויף צו צאָלן הויכע פּרייזן פאַר קאָנטראַ־באַנדע־שנאַפּס, פרעגן אויס איינער ביים צווייטן „רעצעפּטן", ווי אַזוי מען קען אַלץ אַליין צוגרייטן אויף אַ היימישן אופן ליקערן, געטראַנקען פאַרשיידענע.

— אַט וועל איך אייך דערקלערן מיין „פּעטן"... — דער־הערט זיך אַ קוויטשענדיק פרויען־קולכל. — מען נעמט... מען נעמט...

— וואַרט... לאָז אָפּ... אַט וועל א י ך אים דערקלערן...

— שלאָגט איבער אירע רייד אַ זעלבסטצופרידענע באַסאָווע שטים; קאַנטיק, איר מאַנס. — איך וועל אים איינס־און־צוויי דערקלערן דעם גאַנצן טריק... איך האָב עס דאָך לעצטן מאָל אַליין געמאַכט, — ניין, קייטי? אַלזאָ... מען נעמט און מען גיסט אָן אַן עמער געקאָכטן וואַסער...

— אָ, וואַסער האָבן מיר גענוג... — געלעכטערס האָבן זיך דריבנע געשאָטן פון אַרום־און־אַרום. — א ו נ ד ז פעלט עפּעס אַנדערש...

— שלאָגט זשע ניט איבער די רייד, לצים!... מען נעמט דערנאָך עטלעכע פונט האָפּן...

דער מענטש, וואָס האָט גערעדט מיט אַזאַ זעלבסט־צו־פרידנהייט, איז אַפּנים געווען אַ גרויסער מומחה אין אָט די ענינים. ער האָט גערעדט אַזוי לאַנגזאַם און מיט אַזאַ חשיבות, אַ שטייגער, ווי אַ פּראָפעסאָר אין אַ כעמישער לאַבאָראַטאָריע, וואָס דערקלערט כעמישע „סעקרעטן".

— יאָ, אָבער וואו נעמט מען אַצינד האָפּן?... הערסט אַ חכם: „מען נעמט"...

— אָ, נאַרישקייטן... — באַרוואיקט מען דעם פרעגער פון אַלע זייטן, — האָפּן איז איצט אויך ניט פאַרבאָטן...

עמיצער אַנדערש, אַ מאַנסביל מיט אַ קלינגענדיקער טע־נאָר־שטים, האַלט שוין איצט דאָרט אין פאַנאַנדערוויקלען פאַרן עולם אַ נייעם רעצעפּט — ווי צו מאַכן ליקער. ער רעדט דאָרט גיך, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים נאָך

חס־ושלום אויך ניט לאָזן ענדיקן. עס דערהערט זיך טאַקע באַלד ווידער אַ טומלדיק רוקן פון שטולן און בענקלעך. אַפּנים, מען גרופּירט זיך פונדאַסניי אַרום די קאָרטנטישלעך.

— מען נעמט אַ טוצן מאַראַנצן...— איילט זיך יענער אַרויס־צוקומען מיט זיין „סוד". — אָן עמער וואַסער... מען קויפט 150 גראַם שאַרטרעז־קערנדלעך...

— וואו, וואו ?

— וואו קריגט מען עס ?

— וואו קויפט מען עס ?

— שאַ־שטיל... — האָט יענער אָנקעהויבן צו שושקען. — יעדער איינער פון אייך קאָן ביי מיר קריגן דעם אַדרעס פון דעם פּראָנצויזישן אַפּטעיקער, ביי וועמען מען קריגט עס צו קויפן... צו דעם דאָזיקן אַפּטעיקער דאַרף מען אָבער ריידן נאָר פּראַנצויזיש, — האָט ער ווייטער געוואָרט מיט אַ קאָנספּיראַ־טיווער מינע — אַז ניט האָט ער מורא, טאָמער איז עס געקומען צו אים אַ דעטעקטיוו... אַלזאָ, מען קאָכט עס איבער צוויי מאָל... דערנאָך לאָזט מען עס שטיין 24 שעה צוגעדעקטערהייט אין אַ קילן ווינקל... און דערנאָך...

— מאַכט מען אויף דעם אַ ברכה בורא מאורי האש... — האָט גאָר אָנגעקוואָלן איינער פון עולם.

— ווייל ס'טייג מסתמא אויפן פייער ? — האָט אַ צווייטער מיט אַ קלוגינקן אויגן־וואונק געוואָלט טרעפן דעם פּשט פון אָט דער ברכה.

— אָדער גאָר שעשני כרצונו... — האָט זיך אַ וויצל גע־טאָן אַ דריטער.

— און מען גיסט עס גלייך אויס אין די פּאָמאָיעס אַריין, ווייל ס'טייג מסתמא אויף טישצע כפרות... — האָט זיך אַ פּערטער גאַסט, אַ גרויסער בעל־מקנא, הויך פּאַנאַנדערגעלאַכט פון יענעמס רעצעפּט.

און מען איז באַלד ווידער פאַרזונקען געוואָרן אינם היציקן קאָרטן־שפּיל, ס'איז ווידער געוואָרן דאָרט היציק שטיל.

ד

איך טראַכט דערנאָך:

— ראַמבאַם מוז אוודאי זיין זייער אַן איינזאַמער מענטש, אויב ער גיט אַוועק זיין איינציקן פרייען אַוונט אין דער וואָך אויף אַזאַ נישטיקער און הבל־הבלימדיקער זאַך, ווי קאָרטן־שפּילן...

אפשר האָב איך אַ טעות. נאָר מיר דאַכט, אַז קאָרטן־שפּילן האָבן בלויז ליב אַזוינע מענטשן, וועלכע האָבן מורא צו פאַר־בלייבן אַליין מיט זיך.

יאָ, ער מוז זיכער זיין אַן איינזאַמער מענטש. איך ווייס אפילו זייער ווייניק פון זיין פאַמיליען־לעבן. און איך קאָן, פאַר־שטייט זיך, ניט טרעפן אויף וויפיל ער איז בכלל פייאיק צו פילן איבערגעבנקייט צו פריינט, צו „נאָענטע”. אָבער אַז ווייי־טער פון זיין פאַמיליען־קרייז גייען נישט זיינע מענטשלעכע אינטערעסן — דאָס, דאַכט זיך, קאָן איך זאָגן כמעט מיט זיכערקייט.

אין קיין שום געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג נעמט ער דאָך ניט קיין אָנטייל, אַזוי האָט ער מיר איינמאָל אַליין מודה געווען. און זיצנדיק איצט אַליין אין צימער ביי מיר, אַן אַ ברעקל איי־גענער אַרבעט, דערמאָן איך מיך באַלד אפילו געננוי ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען.

ביי אונדז אין מאַליער־פאַך איז דעמאָלט פאָרגעקומען אַ גרויסער סטרייק, אַ גענעראַל־סטרייק. דאָס איז געווען לאַנג צוריק — איידער נאָך די יידישע יוניאָן, די יוניאָן פון אַלטערעי־שאָן פעינטערס, האָט זיך פאַראייניקט מיט דער ניט־יידישער יוניאָן, מיט דער „בראָדערהוד”.

איך האָב אפילו פון אָנהויב אָן, נאָך פון מיינע ערשטע טריט אינם פאַך, געהערט צו דער „בראָדערהוד”. איך האָב דאָך געאַרבעט דאָס רוב אויף נייע בנינים. פונדעסטוועגן האָב איך מיט לייב און לעבן זיך אַריינגעוואָרפן אינם דאָזיקן סטרייק.

אוי, איז דאָס געווען דעמאָלט אַ ביטערער קאַמף!...

איך זאָג: אַ ביטערער, ווייל איך חזר אַפּנים איבער די ווער־

טער, וואָס עס קומט מיר אָפּטמאָל אויס אין אַזעלכע פאַלן צו לייענען אין די צייטונגען. אין דער אמתן אָבער זיינען אָט יענע טעג, אַ קנאַפּע דריי וואָכן צייט, ביי מיר געווען גאָר די זיסטע טעג פון מיין לעבן, די זיסטע און די ליכטיקסטע.

האָבן דען ניט די קליינוואוקסיקע און זשוואָווע יידישע און איטאַליענישע פּעינטערס, צוזאַמען מיט די שלאַנק־הויכע און קאַלט־געלאַסענע אַמעריקאַנער אַרבעטער, וואָס קייען נאָכאַנאַנד „טשור־טאַבאַק” מיט אַ מין הויכמוטיקייט, האָבן דען אָט די צוויי פיינטלעכע אַרבעטער־מחנות זיך נישט געדאַרפט דעמאָלט פאַראייניקן צוזאַמען, ווי אַ רעזולטאַט פון אָט יענעם גרויסן גענעראַל־סטרייק? די שטילע געגנערשאַפט, די באַהאַלטענע קאָנקורענץ, וואָס איז די גאַנצע צייט פאַרגעקומען צווישן יענעביידע מחנות, האָט קיינעם פון זיי קיין צופיל גוטס נישט געבראַכט. און איז דען ניט קיין ביטערע שוואַרצקייט פאַרבליבן אויף מיין אייגענער נשמה נאָך פון יענעם מאָל ווען מיין אייגענע יוניאָן האָט מיך איינמאָל געשיקט אַרבעטן אויף אַ דזשאָב, וואו עס איז שוין פאָרגעקומען אַ לייגגערע צייט אַ סטרייק פון דער אַלטערעישאָן־יוניאָן?

דערפאַר אפשר, ווען איך דערמאָן מיך אָן יענעם גרויסן גענעראַל־סטרייק, אָן דעם הייסן קאַמף פאַר דער פאַרברידערונג, ווערט מיר אַזוי ליכטיק אין די אויגן... דער דאָזיקער סטרייק, וועלכער איז נאַטירלעך גערופן געוואָרן ערב סעזאָן, ערב דעם מאַלערישן הערבסט־סעזאָן, איז טאַקע פאָרגעקומען אין דער הייסער און ליכטיקער צייט פון סוף־אויגוסט און אָנהויב סעפּטעמבער. אָבער זיכער נישט דערפאַר זיינען עס אָט יענע טעג — אַ קנאַפּע דריי וואָכן צייט — פאַרבליבן צווישן די הייסטע און ליכטיקסטע טעג אין מיין לעבן.

ה.

יאָ, איז, הייסט עס, אויף מיין גורל געראַד דעמאָלט אויסגעפאַלן צו זיין אין אַ קאָמיטעט, וואָס האָט געהייסן „דער פּרעס־קאָמיטעט”. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט עס געדאַרפט פאַרזאָרגן די צייטונגען מיט אינפאָרמאַציע וועגן דעם גאַנג פון

אונדזער סטרייק, מיט באַריכטן פון אונדזערע מיטינגען א. א. וו. און אין איינער פון די יידישע צייטונגען, וואוהין איך פלעג יעדן נאָכמיטאָג ברייננען נייעס, איז מיר דעמאָלט אויסגעקומען צו מאַכן מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט מיין איצטיקן ווירט, מיט משה ראַמבאַמען.

דער לעיבאָר־עדיטאָר 2 אין אָט יענער צייטונג איז אפילו געווען עמיצער אַנדערש. אָבער וואָס איז געווען יענעמס שולד, וואָס גראָד אין דער צייט, ווען ביי אונדז האָט זיך פאַנאַנדער־געפלאַקערט דער סטרייק, האָט ער גאָר געמוזט אָוקפּאָרן אויף וואַקאַציע ערגעץ אין די קעטסקיל־בערג, אָפּצורוען זיך פון זיין שווערער אָנגעשטרענגטער אַרבעט פון אַ גאַנץ יאָר? ער האָט נעבעך געגוג געהאָרעוועט, און גענוג געמיט זיך לטובת אונדז, פעינטערס, ווי בכלל לטובת אַרבעטער, אין משך פון אַ גאַנץ יאָר. איז איצט האָט זיין אָרט, בלויז אויף אָט דער קורצער צייט, געהאַט פאַרנומען משה ראַמבאַם.

עס וואָלט געווען נאָך אַ סך ערגער פון רכילות, ווען איך וואָלט געפּרואווט עמיצן זאָגן, אַז ראַמבאַם פלעגט ניט טאָן פאַר אונדזער סטרייק אַלץ, וואָס איז נאָר געווען אין זיינע כוחות. קיין סך כוחות האָט ער אָבער, ווייזט אויס, ניט געהאַט... זיין טאָג־טעגלעכע רעדאַקציע־אַרבעט אין משך פון יאָרן האָט אים ביסלעכווייז גוט אויסגעמאַטערט.

ווען איך פלעג אים ברייננען פאַרשיידענע סטרייק־נאָטיצן, פלעגט ער אויף מיר געווייינטלעך אפילו קיין איינציקן קוק ניט געבן. זיין לינקע האַנט פלעגט זיך מעכאַניש אויסשטרעקן צו מיר — אין דער רעכטער האַנט איז דאָך די גאַנצע צייט גע־ווען פעסט איינגעקלאַמערט די פען, מיט וועלכער ער האָט גע־שריבן, — יאָ, פלעגט זי זיך אויסשטרעקן ווי די האַנט פון אַ מאַשין, פון עפּעס אַ גולם־אויטאָמאַט... דער געברום זיינער, וואָס ער פלעגט אַרויסברומען, איז אויך געווען מעכאַניש אַזוי, הייזעריקלעך, טאַקע נאָר ווי דאָס מעטאַלענע געברומעריי פון אַן אויטאָמאַט־מאַשין, וואו מען האָט אַריינגעוואָרפן עפּעס אַ מטבעה, איידער זי וואַרפט אייך פון זיך אַרויס דעם געוואונ־טשענעם אַרטיקל.

זי, אַט די אויסגעשטרעקטע מעכאַנישע האַנט, פֿלעגט עס שווייגנדיק צונעמען מיינע נאָטיצן און גלייכגילטיק אַרויפשטעכן זיי באַלד אויפן שפּיציקן דראָטענעם „האַלטער״. אויף זיין אַר־בעטס־טיש זיינען שוין געהאַנגען אַן אַ שיר אַזעלכע דורכגע־שטאָכענע פּאַפּירלעך. און ער פֿלעגט פֿאַרזעצן דאָס שרייבן, זיך פֿאַרגעסנדיק שוין אינגאַנצן אָן מיר, ווי לאַנג איך זאָל ניט האָבן דערנאָך געשטאַנען דאָרט לעבן אים. אָבער מיר פֿלעגט עס פֿאַרגעקומען וו ער וואָלט מיט דעם אַ שטאָך דורכגעלעכערט דאָס סאַמע האַרץ פֿון אונדזער קאַמף... ווייזט אויס, אַז דער שווערער קאַמף האָט אויך מיך געמאַכט דעמאָלט אומגעדולדיק און נערוועז.

אמת, ער פֿלעגט זיי שפּעטער אַריינגעבן, אַ טדי נאָטיצן און אויפֿרופֿן, וואָס איך פֿלעג אים ברייננגען. ער פֿלעגט עס אָבער טאָן אַזוי קאַלט, אָן דעם מינדסטן אינטערעס, אָן דער מינדסטער וואַרימקייט. חוץ דעם פֿלעגט ער טאָקע אַריינגעבן ווייט ניט אַלץ, וואָס איך פֿלעג אים ברייננגען (זיכער ניט אויס שלעכט־קייט, ער פֿלעגט עס אוודאי פּשוט פֿאַרגעסן...). און דאָס, וואָס ער פֿלעגט שוין יאָ אַריינגעבן, פֿלעגט ער זייער אָפּט אַריינ־געבן פֿאַרשפּעטיקטערהייט, שוין נאָכדעם ווי די מאַסמיטינגען, וועגן וועלכע עס האָט זיך גערעדט אין אָט די מעלדונגען, זיינען פֿאַרגעקומען. אַ שטייגער, — אויפֿרופֿן צו די אַרבעטער, זיי זאָלן קומען מאָנטיק פֿרי צו די פּיקעט־ליינס — פֿלעגט ערשט אָפּגעדרוקט ווערן דינסטיק, אָדער מיטוואָך...

ז.

ביז איך האָב איינמאָל געפֿונען אין זיך גענוג דרייסטקייט אויף פֿאַרפֿירן מיט אים וועגן דעם אַ רייד.

איך האָב אים, נאַטירלעך, ניט אויפֿגעוואָרפֿן גאָרניט. איך האָב אים בלויז געפֿרעגט פֿאַרוואָס אים פֿאַלט קיינמאָל ניט איין זיך אַריבערכאַפּן צו אונדז אַליין, ווען־עס־איז אין אַ מאָנטאָג־פֿרי, בשעת אַלע אַרבעטער פּיקעטן אין לאַנגע שורות איבער די טראָטואַרן. איבערהויפּט בעת זיי פּיקעטן פֿאַרביי אַ ריי מיליאָנערישע פּאַלאַצן, וואָס האָבן זיך גראָד דעמאָלט גע־

האַלטן אין מיטן בויען אויף פּאַרק עוועניו, אַרום די פופציקסטע גאַסן.

— אָ, ס׳וועט דאָרט זיין פאַר אייך גענוג צו זען, מיסטער ראַמבאַם... — האָב איך צו אים געשמייכלט אַן אונטערטעניקן שמייכל. — ניט איין קאָפּ ווער טדאָרט געשפּאָלטן דורך די קור־צינקע שטייפינקע פּאָליציייאישע קלאַבס, וואָס ווערן געהויבן איבער די סטרייקערס קעפּ מיט אַזאַ וואונדערלעכער קונציקייט... ניט איין ריטשעקל בלוט ווערט שוין דאָרט דערנאָך אַ לענגערע צייט ניט פאַרטריקנט אַפן אַספאַלט פון די טראָטואַרן... אפשר דערפאַר — האָב איך אים העפלעך געפּרואווט עס צו דערקלערן — ווייל דאָס אַלץ, אָט די אַלע געשלעגן, פּאַסירן אין די גאַר פריע מאָרגן־שעהן, און די זון איז נאָך דעמאָלט זייער נידע־ריק אין הימל, און ס׳איז נאָך קיל אין דרויסן — דערפאַר טריקנט עס אַזוי שנעל ניט אויס... קומט צו גיין, מיסטער ראַמבאַם, קומט צו גיין... איר וועט האָבן אַ סך „פאַן״.

ווייל איך האָב טאַקע געוואוסט: ה׳ ראַמבאַם איז נאָך קיין איינציק מאָל אין דער צייט פון סטרייק ניט געווען ביי אונדז. און אפשר אויך טאַקע קיינמאָל ניט פריער, ניט ביי אונדז און ניט ביי קיין אַנדערע אַרבעטער — ביי ק י י ן שום סטרייק!

—פאַרוואָס זאָלט איר טאַקע אַמאָל ניט אַריבערכאַפּן זיך צו אונדז, מיסטער ראַמבאַם? — האָב איך אים אַלץ געפּרואווט איבעררײדן. — אייך, ווי אַ צייטונג־מאַן, וועט עס דאָרט אַלנ־פאַלס זיין אינטערעסאַנט... דאָרטן, אויף די טראָטואַרן, — אויב איר וועט נאָר קומען פרי, איידער די זון באַווייזט נאָך אויסצוטריקענען די ריטשקעלעך בלוט — וועט איר זיכער גע־פינען פאַר זיך אַ סך פאַרביקן שטאָף... שוין־זשע אינטערעסירט אייך אַזוי ווייניק אונדזער אַרבעטער־באַוועגונג?

גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב בשום אופן ניט געמיינט דעמאָלט צו מוסרן ראַמבאַמען, זאָגן אים אַ דעה; כ׳האָב טאַקע געמיינט פּראָסט־פּשוט: אַז ער וועט קומען כאָטש איין־איינציק מאָל צו אונדז, וועט ער זיך געוויס אָנהויבן באַציען וואַרימער און האַרציקער צו אונדזער קאַמף, וועט ער כאָטש אַריינגעבן די

נאָטיצן אונדזערע אין צייט. די לעצטע ווערטער וועגן דער „אַר־בעטער־באַוועגונג", האָבן זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט גאָר צו־פעליק און אָן מיין וויסן — כ׳ווייס, אפשר האָב איך אַקאָרשט געהאַט איבערגעלייענט אַזעלכע ווערטער ערגעץ אין אַ צייטונגס־אַרטיקל... אָדער זאָל עס זיין, אַז איך בין דאָ אין דער אמתן גאָרניט געווען אַזוי אומשולדיק, און כ׳האָב בכיוון געפּרוּווט אָוועקשטעלן מיין בקשה צו אים אויף אַ ה ע כ ע ר ן פלאַך ?

אים אָבער האָט עס, ווייזט אויס, טאַקע שטאַרק אַ נעם געטאָן. דאָס מאָל האָט זיך שוין מער ניט אויסגעצויגן צו מיר אַ קאַלטע מעטאַלענע האַנט פון אַ גולם־אויטאָמאַט. דאָס מאָל האָט ער שוין באַוויליקט אַליין זיך אויסצודרייען צו מיר, מיטן פולן קיילעכדיקן פנים זיינעם און מיט דריי־פערטל פון זיין מאַסיוון גוף. אמת, זיין שווערער גוף האָט נאָך אַלץ געסקריפּעט ווי אַ מאַשין, בעת ער האָט זיך צו מיר אויסגעדרייט; אָבער דערפאַר האָבן זיינע אויגן אָנגעקוקט מיך אַזוי מענטשלעך... זיינע קורצ־זיכטיקע אויגן זיינען מיטאַמאָל געוואָרן וואַרעם און זיינע גראָ־בע פאַרטריקנטע ליפּן האָבן זיך פאַרצויגן כמעט מיט אַ קינ־דערשן שמייכל.

— סטרייק ? אַרבעטער־באַוועגונג ? הם, באַוועגונגען...

— ער האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די ברייטע אַקסלען אויף מיין פראַגע מיט אַזאַ ווייטער פרעמדקייט, פונקט, אַ שטיי־גער, ווי איך וואָלט אים פאַרגעוואָרפן הלמאי ער האָט ניט קיין שלאָפלאָזע נעכט איבער דעם, וואָס אין אַ ווייטער פראָווינץ ערגעץ אין מיטל־כינע איז די טעג פאָרגעקומען אַ מוראדיקע פאַרפלייצונג פון די רייז־פעלדער. — כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, טייערער פריינט... אַלע אונדזערע באַוועגונגען — פאַר־שטייט מיך: אַ ל ע, אַ ל ע, אָן שום אויסנאַם — לאָזן מיך שוין אַ גאַנץ לאַנגע צייט איבער אַזוי... אַזוי... אַזוי גלייכגיל־טיק... — פון דעם, וואָס ער האָט זיך אויף אַ פּאָר סעקונדן, אַביסל פאַרהאַלטן, ווי געזוכט אַ העפלעכן אויסדרוק, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז לכתחילה האָט ער נאָך געוואָלט געברויכן אַ סך אַן ערגער וואָרט. — ניין, — האָט ער ווייטער גערעדט. — איך קען מיך ליידער ניט אידענטיפיצירן מיט קיין איינער פון

זיי... הלמאי זאָל איך פאַר אייך לייקענען, מאַכן אָנשטעלן, יונגער פריינט מיינער? איך גלויב פשוט ניט אין די ערלעכע מאָטיוון, וואָס זאָלן ליגן אויפן פונדאַמענט פון ו ו ע ל כ ע ר ס׳איז פון אונדזערע באַוועגונגען...

ז.

אָט דער ערשט־דערציילטער עפּיזאָד איז פאָרגעקומען מיט איייניקע יאָר צוריק. און עטלעכע יאָרן דערנאָך איז מיר קיין איינציק מאָל ניט אויסגעקומען צו טרעפן זיך נאָכאַמאָל פּער־זענלעך מיט דעם באַוואוסטן שריפטשטעלער. פאַר מיר איז זי־כער: ער האָט געוויס קיין איינציק מאָל פאַר אָט די אַלע יאָרן זיך ניט פאַרטראַכט ניט וועגן אָט יענעם מאָגערן און דראָטיקן סטרייקנדיקן מאַלער־אַרבעטער, דעם שרייבער פון אָט די שורות, פאַר וועמען ער האָט צופעליק געלאָזט פאַלן אָט די שרעקלעכע, ווייל אויפריכטיקע ווערטער; און אויך האָט ער זיך מסתמא קיינמאָל נישט פאַרטראַכט וועגן אָט יענע ווערטער אַליין. אָבער איך — אָ, איך האָב שוין גאָר אַ סך מאָל געטראַכט וועגן יענע שרעקלעכע ווערטער ראַמבמאַס — אַ סך, אַ סך מאָל פריער נאָך אפילו פאַרן היינטיקן אָוונט...

צענטער קאַפּיטל.

אַן אילוזאָרישער אויפפלאַקערן פון איינעם פונם דור פון די מצבות־שטעלער. — פּאַפּירן און פּאַפּירלעך: אפילו ניט־פּאָר־ברענטערהייט זיינען זיי שוין, ווי ווייסער אַ ש. — פאַרוואָס ראַמבאַם הייסט ראַמבאַם. — דער קראַנקער מענטש בינדט פּאַ־נאַנדער זיין צונג אין די שפּעטנאַכטיקע שעהן. — —ערגעץ־וואו גייט איצט אויף די זון.

א.

איך ווייס ניט ווי שפּעט עס איז געווען, ווען די געסט זיינען זיך ענדלעך אַלע פונאַנדערגעגאַנגען.

עס האָט שוין אָבער באַדאַרפט זיין זייער שפּעט... אין דרויסן האָט שוין לאַנג געהערשט די שטילקייט פון טיף־נאַכט, וואָס אין אָט דעם אָפּגעזונדערטן אַריסטאָקראַטישן טייל שטאָט. אין אָט דער דאָזיקער שטילקייט פלעגט זיך בלויז זעלטן אַריינ־רייסן דאָס דונערנדיקע דורכטראָגן פון אַ באַנאַכטיקן סאָבוויי־צוג רעכטס פון אונדז, אינם טאָל צווישן די דזשעראָם־האַיטס; אָדער אַ פייפן פון אַ באַגאַזש־צוג ביים ברעג פונם האַרלעם־טייך, לינקס פון אונדז. באַלד ווערט ווידער שטיל; און די שטי־לע נאַכט־שעהן זויגן ווייטער שווייגנדיק איינע די אַנדערע.

אויך אין שטוב ביי אונדז איז ענדלעך געוואָרן אינגאַנצן שטיל. אַלע, אַפּנים, האָבן זיך שוין געלייגט שלאָפן. אָבער דורכן שפּאַלט פון מיין טיר, וועלכע איך האָב די גאַנצע צייט געהאַלטן אַביסל אָפן, זע איך: ס׳איז נאָך דאָרט ערגעץ וואו ליכטיק...

און אָט דערהערן זיך טאַקע באַלד טריט איבערן קאָרי־דאָר. שווערע טריט, מאַנסבילשע. ראַמבאַם שלאָפט נאָך ניט, הייסט עס. און ער האָט זיך ענדלעך דערמאָנט אָן מיר...

מיין האַרץ הויבט אָן האַסטיק צו קלאַפּן. איך עפן אויף די טיר נאָך אַביסעלע מער ווי פריער — זאָל ער זען, אַז ביי מיר איז נאָך אויך ליכטיק...

אויף די שפּיץ פינגער הויב איך מיך אויף פון בעט, דער־נענטער מיך דעמאָלט צו אַ שטול אינמיטן צימער. איך פאַר־רוק מיין נאָז טיף אינם גרויסן בלאַט־צייטונג פון מאָרגן, זונ־טיק, וואָס איך האָב געקויפט נאָך היינט פאַרנאַכט. איך וויל ניט, אַז ראַמבאַמען זאָל זיך דוכטן: דאָס בין איך דאָ ספּעציעל געזעסן די גאַנצע צייט און געוואַרט אויף אים...

קיינער אָבער איז צו מיר אין חדר ניט אַריינגעקומען.

דאָס קלאַפּן פון מיין האַרץ שטעלט זיך דעמאָלט אינגאַנצן אָפּ. אינם שפּיגל אַקעגן מיר זע איך: מיין פּנים איז געוואָרן ווייס ווי פּאַפּיר. הייסט עס, ער האָט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אָן זיינע ווערטער פון לעצטן זונטיק... פאַרגעסן? מעגלעך, טראַכט איך שוין מיט געפאַלנקייט, אַז ער האָט זיי ניט געהערט אפילו אין דער זעלביקער מינוט, ווען ער האָט זיי דעמאָלט גע־לאָזט פאַלן... אַי, איך האָב אויף דעם אַזוי פיל געבויט? קיינער איז דאָך ניט שולדיק אין מיין אייגענער נאַרישקייט און קינדערשער גלויביקייט!

כאָטש צוריק גערעדט, איז דאָך שוין טאַקע שפּעט אויך. ס'איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס ער וויל ליבערשט גיין זיך לייגן איצט שלאָפן, איידער פּלאַפּלען דאָרט מיט זיין ווילד־פרעמדן קוואַרטיראַנט. ביי מיר אַליין קלעפּן זיך אויך שוין איצט די אויגן.

איך הער אָבער באַלד ווי ראַמבאַם גייען אַריין ניט אין זיין שלאָפצימער, נאָר אינם שכנותדיקן צימער מיט מיינעם — אין זיין קאַבינעט אַריין. אַ ווײַלע איז דאָרט שטיל. עס פאַרגייען אַזוי היפּשע עטלעכע מינוטן. וואָס קאָן ער דאָרט טאָן? איך פאַל צו צום וואַנט, לייג צו אַן אויער, פאַרטאַיע דעם אָטעם. דאָס האַרץ פאַלט מיר שיר ניט אַרויס... וואָס טוט ער דאָרט אַזוי לאַנג? מיר דוכט באַלד, אַז ער געפינט זיך דאָרט שוין אפשר אַ שעה אַזוי, אפשר צוויי...

מיטאַמאָל דערהער איך דאָס אויפקנאַקן פון אַן עלעקטרישן לעמפּל אינם שכנותדיקן צימער, דאָס אָפּרוקן איבערן דיל און דאָס צורוקן אַ שטול: ער זעצט זיך דאָרט, הייסט עס, אַנידער... אַרבעטן? האָט זיך אין אים ענדלעך אַ צונד אַן געטאָן דער

אַמאָליקער שעפּערישער ברען און חשק? אַך, איז וואָס איז שוין דעמאָלט פאַר אַ גרויס אומגליק, אויב ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרגעסן אַן מיר און זיין פאַרשפּרעכן פון לעצטער וואָך... איבעריקס, איז עס דען געווען טאַקע דעמאָלט אַזאַ ב אַ ש ט י מ ט ע ר פאַרשפּרעכן?

איך עס מיך אַזוי איין אין דער וואַנט... איך פיל בחוש, ווי דאָס גאַנצע שכנותדיקע צימער איז פאַרפלייצט איצט מיט ליכט... און עס נעמט מיך באַלד אַרום אַזאַ מין גרויסע פרייד, אַז אַלץ הויבט אַן שרייען אין מיר — איך מוז אָנהויבן בייסן די נעגל, די פינגער, די ליפּן — אַז מיין אינעווייניקסטער געשריי זאָל זיך ניט אַרויסרייסן פון דער קעל אַרויס... און נאָכדעם ווי איך שטיי אַזוי אַפּ אַ שטיק צייט, אויף די שפּיץ פינגער — דער גליקלעכסטער פון אַלע גנבים — טרעט איך אָפּ הינטערוויילעכטס פון דער וואַנט, און גליטש מיך שטילינקערהייט אַריין אין בעט אַריין. איך בלייב שוין אַזוי ליגן אַן דער מינדסטער באַוועגונג.

איך ווייס ניט ווי לאַנג איך בין דאָרט אַזוי געשלאָפן. ס'איז איבעריקנס, ניט געווען קיין שלאָף, נייערט אַ הינער־פּלעט, אַ מין צושטאַנד פון גליקלעכן חלשות... עס איז אויך געווען דערפאַר, וואָס איך האָב מיך אַנידערגעלייגט אין די מלבושים, די שיך ניט אַרונטערגעצויגן — ניט געוואָלט מיט מינדסטן שאָרך אפילו דערמאָנען עמיצן אין צווייטן צימער אַן מיין נאָענטקייט דאָ... איז אפשר זיינען פאַרלאָפן אַזוי אַ פּאָר שעה, און אפשר בלויז אַ פּאָר מינוטן... אויפגעוועקט האָט מיך, דוכט זיך, אַ קלאַפּ אין טיר.

אין איין רגע בין איך געווען וואַך, האָב אָנגעשפּיצט די אויערן, האָב זיך אויפגעהויבן, אָנגעשפּאַרט זיך אויף אַן עלנבויגן... ניין, דאָס האָט מען נישט געקלאַפּט אין מיין טיר. דאָס גערויש איז גאָר געקומען פונם שכנותדיקן צימער, פון ראַמבאַמס אַרבעטס־קאַבינעט.

איך שפּרינג אַרויס פון בעט. איך הער מיך צו. וואָס איז דאָס? אַ מאָדנער אַזאַ גערויש... עס צעשיט זיך דאָרט עפּעס, צי וואָס, עס פאַלן אַרונטער אויף דער ערד איינע נאָך דער אַנ־

דערער זאַכן מיט אַ כאַראַקטעריסטישן פּאַפּירענעם גערויש — זאַכן ווי ביכער, זשורנאַלן, פּאַפּירן... יאָ, מען קען דייטלעך הערן דעם שעפּטשענדיקן, זיך רייבנדיקן גערויש פון פּאַלנדיקע פּאַפּירן. אפשר איז דער דאָזיקער פּאַפּירענער גערויש געווען מיט אַ מינוט צוריק אַזוי באַזונדערס שטאַרק אין מיינע אויערן דערפֿאַר, וואָס איך האָב געהאַט אַביסל געשלאָפן. און דערפֿאַר אויך, וואָס די זאַכן זיינען דאָרט קאָנטיק ניט אַליין אַרונטער־געפֿאַלן, נאָר מען האָט זיי אַרונטערגעשליידערט מיט געוואַלט...

ב.

און מען האָט טאַקע באַלד אָנגעקלאַפּט אין טיר אויך.

מאָלט אייך, אין דער פריידיקער צעטומלעניש פון אַ פּאָר שעה צוריק — אָדער איז עס געווען אַ פּאָר מינוט בלויז? — האָב איך דאָך אפילו פאַרגעסן אויסצודרייען ביי מיר אין צי־מער די עלעקטריע!... איז ווער זשע האָט עס באַדאַרפט וויסן, אַז איך שלאָף שוין, אין דער צייט, וואָס ביי מיר איז געווען אַזוי ליכטיק?

— איר שלאָפט נאָך ניט — האָב איך דערהערט די באַ־קאַנטע הייזעריקלעכע, אָנגעשפּאָלטענע שטים. — מיך שלעפּערט עפּעס אויך ניט... האָט איר אפשר אַ קעמל? ביי מיר זיינען גראָד אויסגעגאַנגען פּאַפּיראָסן... חברה האָבן אויסגערויכערט אַלע קעסטעלעך... איך שטאַרב איצט ממש פאַר אַ „סמוק”...

און ווידער האָב איך מיר פאַרשאָלטן דעם געביין, פאַר־וואָס איך רויכער גאָר „מעלאַקרינאָס”, און ניט קיין „קעמלס”. אַלענפאַלס, האָב איך געמאָגט האָבן ביי זיך שטיין אַזאַ שאַכ־טעלע „קעמלס”, אויף יעדן פאַל... כ'האָב דאָך שוין ענדלעך געמעגט וויסן, דערהויפּט נאָכן לעצטן באַזוך זיינעם, אַז ביי מיין באַלעבאָס קאָנען אַמאָל אויסגיין זיינע פּאַפּיראָסן.

איצט האָב איך ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. איך בין גע־ווען אַזוי צעטומלט, אַז איך האָב אפילו פאַרגעסן בעטן אים, כאָטש פון איידלקייט וועגן, ער זאָל אַריינגיין אפשר אויף אַ פּאָר מינוט, זיך אָנידערזעצן.

ער האָט זיך אָבער באַלד אַליין אָנידערגעזעצט ביי מיין

טיש, ניט וואַרטנדיק אויף מיין איינלאַדונג און ניט קוקנדיק אפילו אויף מיר. בלינדערהייט האָט ער אָנגעהויבן פּויקן מיט די פינגער־קנעכלעך אויפן טיש־ברעטל; בלינדערהייט האָט ער דאָרט באַלד אָנגעטאַפּט מיינע מעקלאַרינאָ־פּאַפּיראָסן; און פונקט אַזוי בלינדערהייט, אָן כוונה און אָן געפיל, האָט ער אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, האָט אָנגעהויבן קוקן מיט אַ כמורנעם בליק אויפן בלוי־געלבלעכן פלעמל, האָט געהאַלטן דאָס שוועבעלע אַזוי לאַנג ביז עס האָט אים אָנגעהויבן ברענען די פינגער. ערשט דעמאָלט אַוועקגעוואָרפן און אָנגעצונדן אַן אַנדער שוועבעלע, — און ווידער ניט פאַררויכערט... ניין, ס׳איז עפּעס גאָר ניט געווען אַזוי קענטיק, אַז ער זאָל עס אַוועקשטאַרבן אַזש פאַר אַ „סמוק”.

און דערנאָך ערשט איז געקומען דאָס, אויף וואָס איך האָב די גאַנצע וואָך געוואַרט, — דאָס, אויף וואָס איך האָב שוין אייגנטלעך געוועסט אויפגעהערט צו וואַרטן.

אָ, איך פאַרשטיי פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געווען: ס׳איז אים אַוודאי שווער געווען אַרויסצוברייננגען פאַר אַ פרעמדן מענטשן דעם ווייטיק, וואָס האָט אים אפשר שוין אַ לאַנגע, לאַנגע צייט אַזוי פיינלעך געדריקט אויפן האַרצן. ער האָט זיך דעריבער אַביסל געדרייט אַהער, אַהין, ער האָט זיך געקנייטשט, געבויגן, געהנדלט זיך פאַר מיר. איך האָב אָבער געדולדיק געוואַרט. איך האָב דאָך שוין פון לאַנג באַמערקט: ס׳איז שווער פאַר ראַמבאַמען צו זיין אינגאַנצן אָפּענהערציק, זיך נ י ט צו „חנדלען”. אפשר, האָב איך געטראַכט, איז עס אַזוי אויך מיט יעדן אַנדערן שרייבער, — וואָס ווייס איך, אַ פּשוטער אַרבעטער? איך בין געזעסן די גאַנצע צייט מיט אָפן מויל און אויערן, — אַ שוואָם וואָס איז גרייט אַריינזאַפּן אין זיך אַלץ, אַלץ... גוטס און שלעכטס, ריינס און אומריינס.

ס׳איז געווען איצט זייער שפּעט אין דער נאַכט און קיינער איז אַרום אונדז ניט געווען. ראַמבאַם האָט ענדלעך אַוועקגעוואָרפן די בושה און זיך אויסגעטאָן פאַר מיר אַ נאַקעטער. און איך האָב שווייגנדיקערהייט געפילט אַזאַ גרויס גליק, וואָס ראַמבאַם האָט מיר פאַרטרויט אַזוי פיל, — זיך אויסגעטאָן

פאַר מיר... כ'האָב אַוודאי נישט פאַרשטאַנען דעמאָלט: מען באַווייזט זיך דאָך אָפטמאָל אַ נאַקעטער אויף פאַר יענעם מענטשן, פאַר וועלכן מען האָט דעם קנאַפּסטן דרך־ארץ, — ווען מען מען באַטראַכט גאָר פאַר קיין מענטשן ניט.

אָבער עס איז אַלץ ווערט געווען! וואָס איך האָב מיך אַלץ יענע נאַכט פון אים ניט דערוואוסט...

כ'האָב מיך דערוואוסט, אַ שטייגער, אַז משה ראַמבאַם איז גאָרניט דער אמתער נאָמען פון מיין באַלעבאָס; איך האָב מיך דערוואוסט, אַז דאָס איז בלויז אַ ש ר י י ב ע ר י ש ע ר נאָמען אַזאַ. דער נאָמען אָבער איז שוין ביי אַלעמען איינגע־וואָרצלט געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַנשטאָט זיין אמתן נאָמען, אַז אפילו ער אַליין, ראַמבאַם, האָט זיין אמתן נאָמען שוין כמעט פאַרגעסן.

— פאַרוואָס האָט ער עס אָנגענומען אַזאַ מאָדנעם שריי־בערישן נאָמען? ניין, מען דאַרף ניט דענקען, אַז דאָס איז גע־ווען מחמת דעם, ווייל ער האָט זיך געשעמט מיט זיין אייגע־נעם נאָמען, וואָס האָט געקאָנט אפשר קלינגען צו־פּראָסט און צו־וואָכעדיק פאַר אַ פּאָעט — טביה קושעוויצקי.

ער כמורעט זיך אָן, גיט אויף מיר בייז און פאַרדעכטלעך אַ קוק — וועל איך, אַ פּראָסטער מענטש, אים כאָטש קענען פאַרשטיין? נאָר מילא, ער'ט פּרואוון... ניין, ער האָט געהאָט אַ טיפערן און פאַרהוילענערן טעם דערביי:

— און אָט דעם נאָמען האָט ער געפּרואווט געפינען אַ שטאַרקונג פאַר זיך... ער האָט געוואָלט אויף אַזאַ אופן דערפילן זיך אונטערן שוץ פון דעם אַמאָליקן גרויסן יידישן אַרבעטסמאַן — דער ערשטער, דער אמתער משה ראַמבאַם, — דער מאַנר־מענט פון אומאויסשעפּלעכער ענערגיע און טיפן גלויבן!

אין מינוטן פון אייגענע ספיקות און יאוש, הייסט עס, האָט ער געוואָלט צאַפּן גלויבן — אַ שטייגער, ווי מען צאַפּט אַ דערפרישנדיקן טרינק־זאַפט פון אַ טיף־איינגעוואָרצלטן בליענ־דיקן בוים — פון יענעם גרויסן דעמב, וואָס האָט צעצווייגט זיינע כוחות אויף אַזוי פיל פעלדער — און ס'האָט אים פונ־דעסטוועגן געקלעקט כוח אויף אַלץ... פאַרוואָס־זשע זאָלן אים,

ראַמבאַמען דעם פּ ס ע ו ו ד אָ נ י ם, ניט קלעקן קיין כוחות און קיין גלויבן כאָטש אויף זיין אייגענער באַגרעניצטער אַר־בעט? פאַרוואָס? אָבער מיר האָט זיך אויסגעדאַכט בשעת מעשה, אַז עס איז געווען עפּעס זייער אַ מאָדנער איינפאַל... פאַרוואָס האָט ער עס געדאַרפט זוכן אַזש אַזוי ווייט צוריק אין דער יידישער געשיכטע? דוכט מיר, ער וואָלט געקאָנט געפינען אַ סך נעענטער אַרום זיך מענטשן פון אומאויסשעפּלעכער ענער־גיע און טיפן גלויבן... אַ מאָדנער מענטש, דער ראַמבאַם, אַ קורצזיכטיקער מענטש, אַ קראַנקער מענטש...

פון צייט צו צייט פלעגט ער, ראַמבאַם, — דער צווייטער, הייסט דאָס, — אפילו לייענען פלייסיק די ווייניק־באַקאַנטע ספרים פון יענעם גרויסן מענטשן, אין וועמענס שאָטן ער האָט זיך עס געזוכט צו שטעלן, צוליב באַשיצונג: אַ שטייגער, דעם ספר הרפואה, דעם ספר־הנפש... דעם ספר־הרפואה — ווייל ער האָט טאַקע, ווייזט אויס, געמיינט צו געפינען דאָרט אַ שטאַר־קונג פאַר זיין גוף, אַ היילונג פאַר דער צעקראַכנקייט און זאַט־קייט, וואָס האָט אים אין די לעצטע יאָרן אָנגעהויבן איינצושלינ־גען, ווי באַלד, אַז „פּשוטע" דאָקטוירים האָבן אים דערצו גאָר געהייסן זעגן האָלץ! (אַזוי האָט ער מיר איינמאָל אַליין דער־ציילט). און דעם ספר־הנפש, — אים זאָל געלינגען צו ראַטע־וונג... עפּעס אַ פּיבער אינעווייניק... האָב איך מיך אָנידערגע־זעצט... אָבער וואָס? ס'איז טאַקע גאָרניט אַרויסגעקומען...

— דאָס האָט זיך מיר, אָפּנים, בלויז אויסגעדוכט... — האָט ער טרויעריק אָוועקגענומען די אויגן פון מיר. — ס'איז געווען אַ פאַלשע רעגונג, גיכער אַן אויפרעגונג... מסתמא פונם קאָרטן־שפּיל, צי פונם אויסגעטרונקענעם קאָניאַק... נאָר קומט פונדעסטוועגן אויף טשיקאַוועס... איך וועל עס אייך באַווייזן... איר וועט אגב אָנקוקן מיין אַרבעטס־קאַבינעט... ס'מאַכט ניט, זאָרגט זיך ניט: אַלע שלאָפן שוין...

און איידער איך האָב נאָך באַוויזן אויף זיין איינלאַדונג עפּעס אָפּצוענטפערן צוליב העפלעכקייט, — „ס'איז דאָך שוין אַזוי שפּעט, און אַזוי ווייטער", — האָט ער מיך שוין געשלעפּט פאַר אַ האַנט נאָך זיך איבערן קאָרידאָר, צו זיך אין קאַבינעט

ווען אויב נישט זיין גוף, איז כאָטש זיין נפש: צו ראַטעווען עס פון אָפּהענטיקייט און ניט־גלויבן.

— אָבער אומזיסט, אומזיסט... — גיט ער מיר באַלד צו מיט אַ ביטערן שמייכל — ס'האָט מיר גאָרניט געהאָלפן, גאָר־ניט... קיינער נישט... נישט אַפילו דער גרויסער ראַמבאַם!

ער בלייבט זיצן אַזוי איינגעהויקערט, אַזוי פאַרזאָרגט, אַז עס כאַפּט מיך אַרום אַ גרויס רחמנות צו אים. איך שטעל מיך איין צו טרייסטן מיין באַלעבאָס מיט די זעלביקע ווערטער, וואָס כ'האָב אַנומעלטן אַליין אונטערגעהערט פון אים, בעת אַ שמועס מיט זיין ווייב, — טרייסטן אים מיט זיינע אייגענע ווערטער.

— נו, איר דאַרפט ניט אַזוי פאַרצווייפלען... ס'איז אַוודאי קיין חידוש ניט, אויב איר פילט זיך אַמאָל מיד... אַז איר גיט דאָך אַוועק אייערע בעסטע כוחות אויף פּרנסה, אויף פּראָסטער צייטונגס־אַרבעט...

— עך, — האָט ער פאַרביסן און בייז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ס'וואָלט אים גאָר פאַרדראָסן מיין טרייסט־פּרואוו. — וואָס ווילט איר מיך דאָ איינריידן... ס'איז געווען ביי מיר אַ צייט, ווען כ'האָב אָן אַ שיר שווערער געאַרבעט, ווי די לעצטע יאָרן, געאַרבעט אין אַלערליי פאַבריקן און שעפּער... כ'האָב געלעבט מיט מיין פרוי און צוויי פּיצלעך אין אַ ברעקל פון אַ צימער, ערגעץ אין אַ שטינקענדיקן לאָך, צווישן די האַרלע־מער נעגערס — און כ'פלעג דעמאָלט פונדעסטוועגן אַ סך שרייבן, אַ סך אַרבעטן... דעמאָלט פלעג איך שוין געפינען צייט — צי סאָמע פאַרטאָג, בעת איך פלעג מיך יאָגן ווי אַ טייוול, ניט צו פאַרשפּעטיקן דעם סאָבוועי־עקספּרעס צו דער אַרבעט; צי גאָר אין אָוונט, שוין נאָך אַ שווערן אַרבעט־טאָג... אָ, דעמאָלט איז שוין גאָר קיין מידקייט ניט געווען. איצט אָבער...

און באַלד האָט זיין בייז אָנגעכמורעט פּנים אָנגענומען אַזאַ קינדישן אויסדרוק, אַן אויסדרוק פון אַזוי פיל גוטסקייט און אומבאַהאָלפנקייט.

— אָט... אָט האָב איך מיט אַ ווייל צוריק ווידער גע־פּרואווט... — האָט ער שעמעוודיק אַ שמייכל געטאָן, אָנגעהויבן שטאַמלען, — איך האָב דערפילט אין זיך מיטאַמאָל אַן אַנרע־

אַריין. מיט געוואָלד כּמעט האָט ער מיך דאָרט אַריינגעזעצט אין אַ טיפֿן ווייכן שטול — זיין אייגענעם שטול, וואָס איז גע־שטאַנען נאָענט צום אַרבעטס־טיש.

איך האָב מיך דערפֿילט אין דעם דאָזיקן שטול אַזוי קליין און אַזוי אומבאַהאָלפֿן...

ג.

איך האָב פֿון דער זייט געוואָרפֿן בליקן אויף מיין ווירט. ער איז געווען זייער אויפֿגערעגט, האָט אַרומגעשמייעט איבערן צימער, געזוכט עפּעס, מיט וואָס מיך מכבד צו זיין.

— נאַט, פֿאַרדוכערט... — האָט ער מיר באַלד אונטער־געטראָגן אַ גרויסע שאַכטל מיט „קעמל׳ס״ און האָט מיך גע־צוואונגען ממש נעמען אַ פּאַפּיראָס, כאָטש איך רויכער גאָר מעלאַקרינאָס.

— וואָס־זשע איז דאָס, האַ? — האָב איך ביי זיך אַליין געפֿרעגט. — ניט שוין־זשע האָט זיך עס מיר בלויז א ו י ס־ג ע ד ו כ ט, אַז ראַמבאַם איז געקומען בעטן ביי מ י ר אַ „קעמל״?

— אַט, איר זעט, — האָט ער מיר אָנגעוויזן אויפֿן פּראַכט־פֿול מעבלירטן צימער, וועלכן איך האָב שוין איינמאָל פֿריער גע־האַט געזען, כאָטש ניט פֿון אינעווייניק, נאָר אויף דער שוועל שטייענדיק.

— איך האָב, דוכט זיך, ווי איר זעט אַליין, אַ שיינעם אַרבעטס־קאַבינעט — קיינמאָל אין מיין לעבן האָב איך ניט געחלומט אפֿילו, אַז איך וועל ווען עס איז אַזוינס האָבן... און — וואָס קומט אַרויס? גאָרנישט... ס׳העלפֿט נישט... עס שרייבט זיך ניט... אַמאָל פֿלעג איך קענען אַרבעטן אין קיך, אויפֿן וואַש־סטענד, בעת די קינדערלעך פֿלעגן שלאָפֿן אין פֿראָנט־צימער, און אויפֿן קיך־טיש פֿלעגט מיין פֿרוי עפּעס פֿרעסן אָדער נייען. ביינאַכט פֿלעגט דער וואַש־סטענד זיין דער איינ־ציק־פֿרייער אָרט. אָדער כ׳פֿלעג שאַפֿן אפֿילו פֿאַרנדיק אין סאַב־וועי, גייענדיק אפֿילו אינמיטן גאַס... אָבער איצט...

וואָס האָב איך אים אויף דעם געקענט ענטפֿערן? איך בין געזעסן, קליין און הילפֿלאָז, אינם טיפֿן אויסגעבעטן שטול, און

געשוויגן. איך האָב נאָר אונטערגעציטערט אַביסל: מיר איז געווען עפּעס קאַלט אינם דאָזיקן גרויסן צימער... ס'איז אַוודאי געווען אַן אָפּנאַרעריש געפיל: פון דער דרויסנדיקער סוף־ווינ־טער־נאַכט האָט דאָך אין צימער נישט געקאָנט אַריינוויַיען אַזאַ קאַלטקייט. נאָר אפשר איז עס געווען גאָר דערפאַר, וואָס דאָס דאָזיקע גרויסע צימער האָט מיר אויסגעזען אַזוי פּוסט?

מיינע אויגן האָבן אויף ראַמבאַמען ניט געקאָנט קוקן; זיי האָבן פאַרלוירענערהייט אַנגעהויבן בלאָנדזשען אינם אַרום.

איך באַמערק באַלד: אַרום דעם טיש, אויפן דיל, ליגן אָנגעוואָרפן אַ סך ביכער און זשורנאַלן — איבערגעקערטע, צע־שויבערטע, ביכער מיט אָפענע בייכער, מיט צעקנייטשטע פּיס־לעך און הענטלעך. ווי הרוגים, ווי פאַרוואונדעטע... איין בוך איז אַריינגעפאַרן דעם צווייטן מיט אַ קני אין בויך אַריין; איין זשורנאַל האָט אָנגעכאַפּט דעם צווייטן פאַרן האַלדז, ווי אין עפּעס אַן אָקאָרשט־אָפּגעשפּילטער שלאַכט... קאָנטיק, מען האָט זיי מיט גרויס רציחה אַראָפּגעשליידערט קופּעסווייַז אויף דער ערד. ראַמבאַם האָט נישט געקאָנט דולדן, ווייַזט אויס, בעתן שרייבן פרעמדע ביכער און זשורנאַלן ביי זיך אויפן טיש...

מיינע אויגן בלאָנדזשען ווייטער אַביסל, און ווידער שטעלן זיי זיך אָפּ. אויפן טיש לעבן מיר ליגט אָנגעהויפט אַ היפּשע קופּע פּאַפּירן, פּאַפּירלעך — גרעסערע, קלענערע. אויף וויפל איך קאָן זען פון מיין אָרט זיינען זיי, דוכט זיך, אַלע פאַרשריי־בענע. און עס נעמט דורך מיין האַרץ מיט איין מאָל אַ דער־קוויקנדיקער ציטער פון פרייד: הייסט עס, ער פאַרשטעלט זיך פאַר מיר די גאַנצע צייט, משה ראַמבאַם, ער פּוצט זיך בלויז... ער שרייבט דאָך יאָ, אַ סך! יאָ, איך האָב שוין לאַנג געטראַכט: פאַר אַ שרייבער איז עס אַפּנים זייער שווער ניט צו חנדלען זיך... ניט צוליב דעם טאָקע האָט ער עס מיך אַריינגעפירט אַהער אין אַזאַ שפּעטער שעה? אַ באַרים זיך טאָן אַביסל פאַר מיר?

— נו, — רוף איך מיך אָן צו אים מיט אַ גליקלעכן שמייכל. — איך זע דאָך, אַז ביי אייך איז פונדעסטוועגן אַ

שפּע, ברוך השם... — און ווייז אים אָן מיט אַ וואונק אויף דער קופּע אָנגעהויפּטע פּאַפּירן אויפן טיש.

— אָ, דאָס... — איז ער צו צום טיש, און מיט אַ פּאָר־עכטלעכער מינע אויפן פּנים זיך אַריינגעגראָבן מיטן פויסט אין די צעשויבערטע פּאַפּירן און פּאַפּירלעך. — דאָס איז גאָרניט... דאָס איז, האָט קיין פּאַריבל ניט... דאָס איז צו־להכעיס אַרבעט... דאָס איז פּשוטער טינוף...

איך האָב אים אָנגעקוקט, ניט פאַרשטייענדיק. צו־להכעיס אַרבעט? וואָס שייך?... זיין פּנים האָט זיך נאָך מער באַפּאַרבט מיט דעם ניט־שיינעם פאַראַכטנדיקן שמייכל. ער האָט אָנגענומען די פּאַפּירלעך און זיי אָנגעהויבן דורכזיפּן דורך זיינע קורצע, דיקע פינגער, אויף וועלכע עס האָבן קעגן עלעקטרישן ליכט גע־פינקלט אַ פּאָר טייערע בלויע און גרינע שטיינער.

— איר פאַרשטייט... ס׳איז אַזוי... ניין, איר וועט טאַקע ניט פאַרשטיין... ס׳איז אַזוי, מיין ליבער... מיין ליבער גאָלדענבוים... אַך, גאָלדענבלום הייסט איר גאָר? יאָ, כ׳ווייס... כ׳ווייס... איז פאַרשטייט איר, מיין ליבער גאָלדענ־בוים, ס׳איז אַזוי די מעשה...

ער האָט אָנגעהויבן ריידן איינגעהאַלטן־געדולדיק, געצוואונ־גען־געלאַסן, ווי עס רעדט, אַ שטייגער, אַ מלמד אַ כעסן מיט אַ שלעכטן תּלמיד, מיט וועלכן ער ווייס, אַז מיט בייזן וועט ער פּאָרט גאָרנישט קאָנען דערגרייכן.

— ביי אונדז — דאָס הייסט, אין די היגע ליטעראַרישע קרייזן, — ווער איך שוין פון לאַנג פאַררעכנט פאַר אַ געוועזע־נעם... דאָס הייסט, פאַר אויס שרייבער... איר וואונדערט זיך? נו, יאָ, א י ר ווייסט עס אפשר ניט, אָבער איך ווייס עס שוין גוט — אַהאָ, ווי גוט... און איך זאָג אפילו ניט, אַז זיי זיינען אומגערעכט... איך ווייס אָבער, אַז מען פרייט זיך שטאַרק מיט דעם, — האָט ער פאַרביסן אַן אונטערשטע ליפּ. — און דאָס, זעט איר, פאַרדריסט שוין יאָ...

— איז פאַרשטייט איר... — האָט ער צו מיר אַ שמייכל געטאָן מיט אַ מין שטיפערישן שדימשן שמייכל. — אַמאָל כאַפּט דיך דערפאַר אָן אַ צו־להכעיס געפיל... ס׳ווילט זיך באַווייזן:

ראַמבאַם איז פונדעסטוועגן נאָך אינגאַנצן ניט געשטאָרבן... ווען ער וויל נאָר, קען ער...

דער דאָזיקער נישט־געוויינלעכער קונדס־שמייכל אויף זיינע דיקע ליפּן איז אָבער באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן. ער איז צו נעענטער צו מיר, האָט מיך אָנגענומען פאַרטרויליך פאַר אַ לאַץ.

— אָבער וואָס איז — איך זע דען אַליין ניט? ס׳איז, אַנטשולדיקט מיך, פּשוטע ד... וואָס פאַר אַ שאַפונג איז עס, מישטיינסט געזאָגט, ווען איר הויפּט־קוואַל איז ניט קיין פרייד, נאָר אַ צו־להכעיס געפיל?... שאַפן,ברודערל, — האָט ער אויפ־געהויבן אַ ווייז־פינגער און גערעדט צו מיר פונקט ווי׳ צו אַ גלייכן — דאַרף זיין אַ רעזולטאַט פון אַן אַנקוועלנדיקער און זיך איבערגיסנדיקער פרייד, פון אַ שפע פון לעבנס־חדוה... און ניט גאָר פון אַ צו־להכעיס געפיל!

— נו, ס׳איז דאָך אומעטום אַזוי... — האָב איך אומזיכער אַ מורמל געטאָן, כאָטש וואָס האָב איך געוואוסט פון דעם, וואָס עס טוט זיך אומעטום? וואָס האָב איך דען בכלל געוואוסט פון אַזעלכע זאַכן, חוץ דעם קליינטשיק ביסל אינפאָר־מאַציע, וואָס איך פלעג צונויפקלייבן — ווי אַן אָרימאַן איבער־געלאָזענע זאַנגען אויפן פעלד, ווי לקט און שכחה — לייענענ־דיק אַמאָל אין אַ פרייער מינוט אַ ביכל דאָ, אַ ביכל דאָרטן?

— ס׳איז אומעטום אַזוי... — האָב איך אָבער פונדעסט־וועגן געהאַט אַ טיפּע באַדערפעניש צו טרייסטן אים; ווייל עס האָט אין מיר איצט אויפגעקוואָלן אַזאַ טיף דאַנקבאַרקייט־געפיל צו ראַמבאַמען דערפאַר, וואָס ער איז געווען איצט אַזוי אָפנהאַר־ציק און חבריש מיט מיר. — איך מיין, אַז איר טרייבט עס פונדעסטוועגן אַביסל איבער בנוגע זיך... שרייבער, ווי איך פאַרשטיי, זיינען שוין אומעטום, ביי אַלע אומות, אַזעלכע מיני פאַרשוינען, וואָס צווישן זיי הערשט געוויינליך אַ ביטערע קנאה... שנאת־חנם... כ׳ווייס אַליין ניט ווי מען זאָל עס אָנ־רופן... ס׳איז דאָך אָבער קנאת־סופרים! — האָב איך גליקלעך טריאומפירט.

— איך בעט אייך, שלאָגט מיר ניט איבער די רייד —

האָט זיך ראַמבאַם אומגעדולדיק אַ הויב געטאָן און זיך כמעט פאַנאַנדערגעשריען אויף מיר. — דערציילט מיר ניט קיין באָבע־מעשיות וועגן „אומעטום"... וואָס קענט א י ר ווּיסן וועגן דעם, וואָס ס'טוט זיך „אומעטום"... און בכלל — מען זאָגט אייך, און איר מאָגט עס מיר הייליק גלויבן, אַז ביי אונדז איז עס אַ סך ערגער אפילו ווי „אומעטום"... פאַרוואָס, ווילט איר ווּיסן ? פּשוט... — האָט ער קאַלט און איבערגעטריבן־רואיק געציילט די ווערטער, ווי מען ציילט, אַ שטייגער, אַריין טראָפּנס גיפט אין אַ כוס. — ווייל ביי אונדז זיינען דאָ אָן־אַ־שיער ג ע־ו ו ע ז ע נ ע !...

ד.

ער האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ שאַרפן און שטעכנדיקן בליק ; זיינע קורצזיכטיקע אויגן האָבן זיך צונויפגעזשמורעט אין אַ שמאָלינקן שפּעלטעלע, — מיט אָט־דעם שמאָלינקן שפּעל־טעלע פון זיינע אויגן האָט ער מיך אייניקע סעקונדן געפּרואווט דורכנעמען דורך און דורך, ווי מיטן שאַרף פון אַ מעסער. האָט זיך אים אָפּטמאָל ניט פאַרוואָלט צו זוכן אַ שפּאָטישן שמייכל אויפגלימצערן אין מיינע אויגן ביים קלאַנג פון ז י י נ ע פאַרדראָסיקע ווערטער וועגן „געוועזענע" ?... איך בין אָבער אין דער אמתן געזעסן איצט נאָך איינגעהאַלטענער און שטייפער, ווי די גאַנצע צייט ; איך האָב ניט דערלאָזט, אַז אפילו קיין איינציקער מוסקל זאָל זיך אַ באַוועג טאָן אויף מיין פּנים.

— איר פאַרשטייט, — האָט ער זיך באַלד באַרואיקט, זיך איבערצייגנדיק, אַז זיין פאַרדאַכט איז געוועזן ניט קיין באַגרינ־דעטער. ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט פּנים אל פּנים קעגן מיר, האָט אַרויפגעלייגט אַ הייסע וואַרימע האַנט אויף מיין קני. — איר פאַרשטייט... ב ל ו י ז אין דעם ליגט די דער־קלערונג... אַרום און אַרום — חמרים, חמרים גאַנצע פון גע־פגרטע טאַלאַנטן... קופּעס גאַנצע פון געפּלאַצטע האָפענונגען און דערשיקטע אַספּיראַציעס... מוזן זיי דאָך אָנפילן די לופט אַרום זיך מיט אַ סמיקן עיפּוש !...

— יאָ... אָבער נעמט זיך עס אפשר ניט דערפון, — וויל איך אים צוליב טאָן און באַווייזן, אַז איך בין כלומרשט גרייט איינצושטימען אינגאַנצן מיט זיין געדאַנקען־גאַנג, כאָטש איך בין דאָך טיף איבערצייגט, אַז ער טרייבט היפש איבער. — נעמט זיך עס אָפטמאָל ניט דערפון, וואָס ביי אונדז זיינען זיי אפשר ווייניקער קרעפטיק, די דאָזיקע טאַלאַנטן, איידער ערגעץ אַנדערשוואו? זיי פאַרוויאַנען דעריבער איידער נאָך זיי בליען זיך פאַנאַנדער, און...

— אַך, גאָט מיינער... — האָט ער מיך מיט ערגערניש ווידער איבערגעשלאָגן די רייד. — סאַראַ מאָדנער מענטש דאָס איז... איר לאָזט דאָך מיך די גאַנצע צייט קיין איינציקן וואָרט ניט אַרויסברייגגען, האָסטו געזען אַביסל! ממש קיין איינציק וואָרט ניט... האָט קיין פּאַראיבל ניט, פאַניע גאָלדענבוים... אָבער אום גאָטעס ווילן, הערט דאָך פריער אויס אַ מענטשן!... — אַ בייזלעכער שוים האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן; ער האָט זיך קוים, קוים באַרואיקט. — ביי אונדז זיינען דאָ, זאָגט מען אייך, פונקט אַזוינע קרעפטיקע און אייגנאַרטיקע טאַלאַנטן ווי ערגעץ אַנדערש. מער נישט — פשוט: די שטרויכלונגען אויפן וועג פון אַ יידיש־אַמעריקאַנישן שרייבער זיינען אַזוי פיל און אַזוי גרויס; דער אַרומיקער זומפּ פון קליינבירגערלעכער באַקוועמלעכקייט איז אַזוי פעט און אַזוי געשמאַק; דער ניט־גלויבן אין דער נויטווענדיקייט און אין אינם אָפּקלאַנג פון דער אייגענער אַרבעט איז אַזוי שטאַרק — אַז אַ מענטש, וועלכער פאַרמאָגט ניט אין זיך ממש קיין שמשון־גבורה, ק אַ ן זיך דאָ בשום אופן לאַנג ניט האַלטן אויף דער אויבערפלאַך"... איז פאַלט מען טאָקע אַריין אינם דאָזיקן פעטן קליינבירגערלעכן זומפּ איינער נאָכן צווייטן — ווער פריער, ווער אַביסל שפּעטער...

ער האָט זיגעריש און ביטער־שמייכלענדיק געקוקט אויף מיר. יאָ, ראַמבאַם האָט זיך, ווייזט אויס, ענדלעך דערפילט באַפרידיקט, וואָס אים איז געלונגען אַרויסצוברייגגען זיין געדאַנק פאַר מיר ווי געהעריק.

— נו, פאַרשטייט איר שוין?... איז ביסלעכווייז, ביסלעכ־

ווייז גייט עס שוין אַריין ביים „עולם" אין אַ מין וועטלויף, אין אַזאַ אַמביציע: לאָמיר זען, ווער וועט זיין דער נאָענטסטער אויף אַריינצופאַלן... און אויב איינער שפּאַרט זיך פּאָרט איין און באַמיט זיך מיט די לעצטע כוחות זיינע פונם דאָזיקן זומפּ זיך אויסצוהיטן, — דערוועקט זיך דעמאָלט ביים עולם קעגן אַזאַ איינעם אַ באַהאַלטענער פאַרדרוס, וועלכער גייט ביסלעכווייז אַריבער אַזש אין סמיקער שנאה. עס הייסט: „אַזאַ חוצפּה, אַזאַ איינריידעניש און אַזאַ גאווה פון אַ מענטשן! אַלעמען פּאַסט זיך אַזאַ גורל — אים פּאַסט זיך עס ניט?" און כמעט אַלע ביי אונדז ווערן דעמאָלט אַזאַ איינעם דם־שונאים. און אַלץ דערפאַר, וואָס ער וואַרפט זיך ניט אונטער די פיס דעם גאָלדענעם געץ! „הערסט אַ מעשה! פאַרוואָס קומט עס א י ם זיך ראַטעווען?... אונדזער גורל דאַרף זיין אויך זיין גורל!... נישקשה, עס מאָג אים אויך אָנשטיין לעבעדיקערהייט איינזינקען אינם מחיהדיקן זומפּ אַרום! עס מאָג אים אויך אָנשטיין צו שטאַרבן מיט דעם לאַנג־זאַמען טויט פון אַ פאַרפּעטסונג!...

— כאָ־כאָ־כאָ!... און ווי גרויס איז ביי אַלעמען די פרייד, — לאַכט זיך דאָ ראַמבאַם פלוצלונג הויך פאַנאַדער, כאָטש מיר איז באמת שווער געווען צו פאַרשטיין, פון וואָס? מ י ר איז פון די רייד געוואָרן זייער פּיינלעך און דערדריקנד אויפן געמיט. — הייבט ווי גרויס איז אַלעמענס שמחה, ווען אויך אָט יענער עקשן האַלט ענדלעך ניט אויס און לאָזט זיך סוף־כל־סוף אויך אַריינשלעפּן אין זומפּ... מען פאַרגיט יענעם מיט איינמאָל אַלע אַמאָליקע „עבירות" זיינע און מען ווערט אים גלייך די סאַמע בעסטע פריינט... וויבאַלד אויך ער איז סוף־כל־סוף געוואָרן אויס „שווערער מענטש", איז געוואָרן אַ „באַי פון די באָיעס"...

מער האָב איך עס אָבער ניט געקאָנט אויסהאַלטן. איך בין אַזש אויפגעשפּרונגען. איך האָב מיך אַנידערגעשטעלט קעגן מיין ווירט קריגעריש, אויפגערעגט.

— וועל... אויב ס'איז טאַקע אַזוי, ווי איר זאָגט... — האָב איך אים ניט־גלויבנדיק געקוקט מיט טיפן ווייטיק גלייך אין די

אויגן... — טאַ וואָס שווייגט איר... וועגן אַזוינס טאָר מען ניט שווייגן! שרייבט, ש ר י י ט וועגן דעם!

— עך, איז זענט אַ נאַאיווער מענטש, מר... מר. גאָלדענ־בלום... — האָט ער בטולדיק בלויז אויף מיר אַ שמייכל געטאָן. — אויב איך וואָלט עס נאָר געפּרואווט טאָן, וואָלט מען מיך פּשוט אויפגעגעסן אַ לעבעדיקן... ביי אונדז מוז מען נאָר אויף אַלץ שרייען: הוראַ! הוראַ! מען מוז אַזש צעפּלאַצט ווערן שריינעדיק... אויב ניט — זאָגט מען גלייך אויף אייך: „וואָס זשע, אייך שטייט ניט אָן ביי אונדז?", אָדער גאָר: „איר זענט אַ פּחדן"... אָדער גאָר: „איר ווילט אַנטלויפן פון אַ זינקענ־דיקער שיף?... לויפט, איר זענט סיי־ווי אַ פרעמדער"...

— יאָ... — האָב איך אויף ראַמבאַמען אַנגעהויבן קוקן אַביסל מיט פאַרדאַכט. — אָבער... אָבער איר ווילט דאָך אויך זיכער ניט זיין פון די... פון די יעניקע ברואים, וואָס אַנטלויפן די ערשטע פון אַ זינקענדיקער שיף...

— די מייז... כאַ־כאַ, איר זעט, א י ר — אויך!... אָבער דאָס איז — חוץ דעם, וואָס אָט די פראַזע איז ניט אַזוי גע־וואַלטיק אָריגינעל, — איז עס אויך פּשוט נאַרישע פלאַפלעריי, מיין פריינט! אויף א ו נ ד ז ע ר זינקענדיקער שיף פאַר־בלייבן דאָס רוב דווקא די מייז... זיי גריזשען נאַכאַנאַנד אַרום דעם אַלץ מאָגערער־ווערנדיקן קערפּער פון אונדזער יידישן לעבן דאָ אַזוי לאַנג, ווי עס איז נאָך דאָ וואָס... וואָס אַרט ז י י? צוליב וואָס זאָלן זיי גאָר ו ו ע ל ן אַנט־לויפן? וויבאַלד אַליין ווערן זיי דאָך פון דעם פעט! פאַר זיי קלעקט נאָך און קלעקט! אָך, איר נאַאיווער מענטש: „אַנט־לויפן פון שיף!" פאַרקערט, זיי זיינען גאָר צופרידן, אויב די יינגערע כחות אַנטלויפן טאַקע פון דער שיף — זיי ווילן בסך־הכל ניט, אַז אויף דער זינקענדיקער שיף זאָל דערוויילע, צוליב די ביי־צוגעקומענע פּאַסאַזשירן, זיי אַליין נאָך ניט ווערן אַביסל ניט־באַקוועם, ענגלעך... טיף אין האַרצן אַרט זיי קיין צרעקל ניט, וואָס די יונגע כוחות האָבן ניט מיט וואָס צו אָטעמען, צעפּאַלן זיך, גוססן, מוזן שטאַרבן — אָדער אַנטלויפן... פונדעסטוועגן, פּאַסט עס זיי צום רומל, צום יידישיסטישן „פּראָגראַם" זייערן, צום

פּאָלשן פּאָליטיקאַנישן אַנשטעל, אין פּאַל איינער אַזאַ ענערגי־שער און נאָך יונגער מענטש, — ווענען דווקא אָט די פּ אַ ר־ב ל י י ב נ ד י ק ע מייז האָבן דאָך אַזוי געביסן די הענט בעת ער, זיך טרינקענדיק, האָט זיך אויך געפּרואווט אָנכאַפּן אָן אַ ברעט פון דער שיף — און ער שווימט ענדלעך, אַ פאַרצווייפל־טער, אַוועק, מ ו ז אַוועקשווימען פון איר — איז הויבן זיי גאָר דעמאָלט אָן שרייען מיט אַזעלכע באַנומענע קולות, מיט „פרומע” קולות אויף אָט דעם פּ אַ ר י אַ ג ט ן:

— „משומד... אָפּטריניקער!... רענעגאַט!...” כאַ, כאַ, כאַ!

אָט אַזאַ טרויעריקע קאָמעדיע ווערט עס נאָכאַנאַנד געשפּילט ביי אונדז!

ה.

די שעהן פון דער שפּעט־נאַכט זיינען דערווייל געוואָרן נאָך שטילער און שטילער. אַלע גערוישן פון דער אַרומיקער וועלט האָבן זיך שוין איצט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט.

ס'איז איצט אַזוי שטיל, פּונקט ווי די נאַכט אַליין וואָלט אָפּגעשטעלט איר גאַנג. און ווען עס האָט זיך דערהערט פּלוצ־לונג אַ שוואַך קלאַפּן אין דער פענצטער־שויב פון מיין צימער — ס'איז מסתמא געווען אַ נאַכטיק ווינטל בלויז — האָב איך אַזוי אויפגעציטערט, אַז איך האָב פונדאָסניי אַ שפּרונג גע־טאָן.

אָ, דער דאָזיקער גרויזאַמער מענטש... ער האָט מיך דורך דער נאַכט שרעקלעך געפּייניקט און גרויזאַם געמאַטערט — ערגער נאָך ווי דער ווילדסטער קאַשמאַר. וואָס האָט ער געוואָלט פון מיר? צוליב וואָס האָט ער עס מיך אַריינגעשלעפּט אַהער און געפּייניקט מיך אַזוי אינקוויזיטאָריש? צוליב וואָס האָט ער עס צעשטערט מיין ציטערדיקסטע אילוזיע, מיין טייערסטן גלויבן — מיין גלויבן אינם יידישן שרייבער? און איך קען ענדלעך ניט באַהאַלטן דעם אומצופרידענעם געבייזער אין מיין קול:

— נו, אוודאי... איר האָט טאַקע זייער ריכטיק באַמערקט מיט אַ ווייל צוריק: שאַפן איז אַ רעזולטאַט פון אַנקוועלנדי־קער פרייד... פון אַ שפע פון לעבנס־פרייד... איז דאָך אָבער

קיינער אײַך ניט שולדיק, הלמאי ביי אייך זיינען, פאַניע ראַמ־באַם, — ווי עס איז צו זען פון אייערע אייגענע ווערטער, — אויסגעטריקנט געוואָרן די קוואַלן פון פרייד! איך בעט אייך, האָט אויף מיר קיין פאַרביל ניט פאַר מיינע ווערטער — ס׳קומט אָבער אויס ווי איר וואָלט עס דערפאַר וועלן פאַרשטאָפּן די קוואַלן פון פרייד אויך ביי די יעניקע, ביי וועלכע זיי זיינען נאָך פריש און שלאָגנדיק...

— אָבער, מיין ליבער גאָלדענבוים! — איך בין מודה, אַז דאָס הויבט מיך שוין אַביסל אָן אויפצורייצן: איך האָב אים שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז מיין נאָמען איז ניט גאָלדענבוים, נאָר גאָלדבלום. אמת טאַקע, אַז איך בין פאַר אים זייער אַ ניט־וויכטי־קער מענטש; פונדעסטוועגן איז עס אוממעגלעך, אַז ער זאָל נאָכאַ־נאַנד אַזוי ניט קענען געדענקען מיין נאָמען! אָדער אפשר גלויבט ער, אַז מיט דעם־אָ, מיט דעם ניט־געדענקען מיין נאָמען, ווייזט ער אַרויס זיין העכערקייט איבער מיר? פאַרגין איך אים דאָס דאָזיקע געפיל פון טיפן הארצן. — אָבער, מיין ליבער גאָלדענ־בוים... — האָט ער זיך ממש אָנגעהויבן בעטן ביי מיר, — פון וואַנען ז אָ ל איך האָבן די דאָזיקע פרייד, פון וואַנען? איך בין אייך מודה: ווען נאָר איך גיב אַ טראַכט פון די וועגן, אויף וועלכע עס גייט אונדזער גאַנצער היגער לעבן, ווערט מיר אַזוי אומעטיק, אַזוי פינצטער... עס קאָן זיין: דער אומעט מיינער ווערט נאָך שטאַרקער דערפון, וואָס גראַד אַרום און אַרום מיר זע איך אַזאַ וואונדערלעך לאַנד! יאָ, עס שפּילט און שפּרודלט אַרום אונדז מיט אַזוי פיל פרייד! מיין פאַר־צווייפלונג איז טאַקע דעריבער אַזוי פינצטער, ווייל אַרום און אַרום זע איך גראַד אַ לאַנד און אַ לעבן, וואָס זיינען אָנגעזאָפּט מיט אָן־אַ־שיר זוניקייט און האָפנונגספולקייט!

— נו, — פרואוו איך זיך פאַנאַנדערלאַכן מיט אַ געמאַכ־טער זאָרגלאָזיקער גרינגקייט, ווי מען טוט עס מיט אַ קראַנקן מענטשן, וועלכן מען וויל מיט אַלע מיטלען באַרואיקן. — איר טרייבט עס פאַרט אַביסל איבער, מיסטער ראַמבאַם, האָט קיין פאַריבל ניט... איז ערגעץ אַנדערש דען בעסער? דאָס יידישע לעבן איז אוודאי אומעטום ניט אַזוי ווי עס וואָלט זיך אונדז

געוואָלט עס זאָל זיין... אונדזער יידיש לעבן איז דאָך בכלל אַן אומנאָרמאַלן לעבן... אַ... אַ...

איך בין געווען גרייט צו ריידן נאָך און נאָך, ריידן אַן אַ שיר, אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס איך האָב יאָ געוואוסט און ניט געוואוסט, סיי וואָס איך האָב געהערט און סיי וואָס איך האָב געלייענט, אַבי צו באַרואיקן אים! מיין ווירט איז אָבער באַלד געבליבן זיצן אַזוי אַפּגעלאָזן און אָפּהענטיק; זיין טיף־אַראָפּ־געלאָזענער קאָפּ האָט זיך באַוועגט נאָכאַנאַנד און פּאַמעלעך, אַראָפּ און אַרויף, מיט אַזאַ מין עלעגישן אויסדרוק — ווי ער וואָלט דערמיט געמיינט צו זאָגן:

— ניין, טייערער, אומזיסט אייערע טרייסט־רייד... איך אַלנפאַלס, — א י ך בין שוין זיכער אַ צעבראָכענער, אַ פאַר־פאַלענער מענטש...

מיט יעדער מינוט ממש האָט זיך זיין גאַנצע זיצנדיקע פי־גור אַלץ מער און מער געבויגט אַרונטער־צו צו דער ערד, זיך איינגעבויגן, איינגעקאָרטשעט, ווי צו באַשטעטיקן אָט דעם לעצטן געדאַנק. איך האָב זיך אַזש דערשראָקן — עס האָט גע־מאַכט דעם איינדרוק, ווי משה ראַמבאַם וואָלט ממש איינגעפאַלן פאַרביי מיינע אייגענע אויגן, ווי אַ דורכגעלעכערטער פענ־כער... כאָטש ס׳קען זיין, אַז דאָס איז ער פשוט איינגעשלאָפן אַזוי פון מידקייט. פון דרויסן האָט שוין אַריינגעקוקט אין צי־מער דער פרימאָרגן.

ס׳איז געווען אַ ליכטיקער זונטיק־פרימאָרגן. אַ פרימאָרגן, וואָס איז פאַר אַן אויסגעהאָרעוועטן ניו יאָרקער אַזוי זיס, ווי דער אָנקום פון פרילינג; אַ פרימאָרגן, וואָס איז אַזוי שמעקנ־דיק, ווי אַ שבתדיקער פרימאָרגן אין מיין קינדהייט, אין מיין קליין שטעטל. אַ שפּאָגל־נייער פרימאָרגן! אַ נאָך קיינמאָל ניט געזעענער פרימאָרגן, אַ פרימאָרגן פול מיט פרייד פון נייער באַשאַפונג.

די פענצטער פון ראַמבאַמס קאַבינעט אינם הויז אויף די אוניווערסיטי־הייטס, האָבן אַרויסגעקוקט קעגן דעם האָדסאָן־טייך. און פון זייער הויך, פונם פינפטן שטאָק אַרונטער, האָט מען געקאָנט איצט זען:

די ווייטע באַוועלדערטע בערג פון די ניו־דזשוירזיער פּאַלי־סאַדן אויף יענער זייט האָדסאָן הויבן זיך שוין איצט אָן פאַר־טאָגיק צו וויקלען זיך אין נעפּלען, צו רויכערן... אַפּנים, אַז אין מזרח זייט זיי אַנטקעגן, ערגעץ פון די ווייטע וואַסערן פונם אַטלאַנטישן אָקעאַן, האָט שוין אָנגעהויבן אויפגיין דאָרט אַ זון.

נאָכוואָרט.

„אינם גאָלדענעם זומפּ" איז צוערשט אינגאַנצן פאַרענדיקט געוואָרן נאָך אינם זומער פון 1926. די זאַך איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם שרייבערס שטימונגען נאָך אין די יאָרן 1919 — 1920. זי האָט זיך געשטעלט דעם צוועק איבערצוגעבן די איינדרוקן וואָס אַ יונגער אידעאַליסטישער מענטש האָט אַרויס־געטראָגן פון אַ סביבה, מיט וועלכער ער האָט זיך דעמאָלט צום ערשטן מאָל געהאַט באַקענט.

הערבסט 1926, בעת פיבערדיקע צוגרייטונגען צו פאַרלאָזן אַמעריקע „אויף שטענדיק", איז דער שוין אינגאַנצן פאַרטיקער כתב־יד דורך אַ צופאַל שפּורלאָז פאַרלוירן געגאַנגען פונקט דעם טאָג פאַרן אָפּפאָרן. און די ערשטע רעדאַקציעס און נאָטיצן פונם זעלביקן ווערק — זיינען דאָך שוין אויך אַלע געווען פאַר־ניכטעט.

אין דער פאָרם, אין וועלכער „אינם גאָלדענעם זומפּ" ווערט איצט פאַרעפנטלעכט, דעם ערשטן מאָל אין בוך־פאָרם, איז די זאַך שפּעטער פון דאָס ניי אָנגעשריבן געוואָרן „פון קאָפּ", — נאַטירלעך, מיט אומפאַרמיידלעכע ענדערונגען. ס'וואָלט באַדאַרפט זיין איבעריק עס צוצוגעבן, אָבער ביי אונדזערע באַדינגונגען איז עס נויטיק:

די כאַראַקטערן אָדער געשטאַלטן אינם בוך שטעלן מיט זיך ניט פאָר קיין פּאָרטרעטן פון קיין שום לעבעדיקע מענטשן. זיי זיינען אַלע פיקטיוו.

ב. ג.

15 נאָוועמבער, 1939.

ביכער פון ברוך גלאַזמאַן:

1. **באַגינען**, נאָוועלן, פאַרלאַג „קולטור", ניו־יאָרק, 1921.
2. **אויף אַ האָר**, נאָוועלן, פאַרלאַג מ. נ. מייזל, ניו־יאָרק, 1923.
3. **די משפחה פּיקודא**, „פּרץ־ביבליאָטעק", וואַרשע, 1923.
4. **חלום־דערציילונגען**, „מאָזאַאיק־ביבליאָטעק", וואַרשע, 1925.
5. **ווער האָט געזינדיקט**, „מאָזאַאיק־ביבליאָטעק", וואַרשע, 1925.
6. **שטיינוועבס**, נאָוועלן, פאַרלאַג „שול און בוך", מאָסקווע, 1926
7. **פאַנאַנדערפאַל**, פאַרלאַג „קולטור־ליגע", קיעוו, 1926.
8. **אײנם ראָד**, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1927.
9. **אויף אַן אינזל**, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1927.
10. **אויף יענער זייט אָקעאַן**, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1928.
11. **אויף די פעלדער פון דזשאָרדזשיע**, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1927.
12. **פאַרטונקלט גאָלד**, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1928.
13. **סטעפּ און ישוב** (רייזע איינדרוקן פון סאָוועטן־רוסלאַנד), פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע, 1929.
14. **אַנטרונענע**, דערציילונגען, פאַרלאַג „סיגנאַל", ניו־יאָרק, 1935.
15. **לענדער און לעבנס**, ראָמאַן, פאַרלאַג „לאַנדמאַנשאַפטן", ניו־יאָרק, 1937, ערשטער באַנד.
16. **לענדער און לעבנס**, ראָמאַן, פאַרלאַג „לאַנדסמאַנשאַפטן", ניו־יאָרק, 1937, צווייטער באַנד.

געזעצט און געדרוקט אין
פאַרלאַג „אַטלאַנטיק" — ניו יאָרק
33 גרענד סטריט